STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00934

# GEZAMELTE DRAMEN

## Peretz Hirschbein

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Stephen, Dina, Caryn, Jeremy, Amy, Molly, Julie; and Leah*
*in honor of their grandparents,*
*Charlotte & Mordecai Epstein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמעלטע שריפטען

פון

פרץ הירשביין

פ י נ פ ט ע ר   ב א נ ד.

ארויסגעגעבען פון די ליטעראריש־דראמאַטישע פעראיינען אין אַמעריקא.
ניו־יאָרק 1916.

Copyright by Peretz Hirschbein
1916.

אינהאלט פון פינפטען באַנד:

בּאַרג אַראָפּ.

וואו דאָס לעבען פערגעהט.

אויף יענעם זייט טייך.

גרינע פעלדער.

בּאָרן אַראָפּ

1904

## פערזאנען:

**שמעון**
דבורה, זיין פרוי.
לאה } זייערע קינדער
יוסף׳ל }
יונה, לאה׳ס חתן.
משה, א טרעגער, וואוינט ביי שמעונ׳ען אין דירה.
דוואשע, זיין פרוי.
מרים
זילבערמאן
גרוניע
נאטאלקע

## ערשטער אקט.

ביי שמעון׳ען אין דירה. אַ גרויס צימער אין אַ קעלער. פון נאַסקייט זיינען די ווענט טונקעל־גרין. אין דער וואַנד רעכטס צוויי פענסטער טיעף איינגעגראָבען אין מויער און קומען אַרויס אונטער דעם טראָטואר צום גאס צו. רעכטס, אָב־געצוימט מיט ברעטער — מ ש ה ׳ ס דירה. ניט ווייט פון טיר, לינקס, שטעהט אַ פערריסענער ציגעל־אויווען און נעבען איהם הענגט אַ וויגעל אויף שטריק. ווייטער פון אויווען, לינקס, אַ פאָרהאנג אין רויטע קווייטען און פון אונטער איהם קוקען ארויס צוויי הילצערנע בעטען. צווישען די פענסטער שטעהט אַ גרויסער טיש און נעבען איהם אַ טור־בארעטקע, וועלכע דיענט פאר אַ שוסטער־ווארשטאַט.

אָבענד. ש מ ע ו ן און י ו נ ה זיצען ביי זייער אַר־בייט און לאטען שיך. נעבען זיי ברענט אַ לאָמפּ און אויפ׳ן גלאָז זיצט אַ בלויער פאַפּיער כדי דאָס פייער זאָל לייכטען אויפ׳ן טיש. מ ר י ם שטריקט זאָקען אויף אַ מאַשין וואָס איז צוגעשרויפט צום גרויסען טיש. ד ב ו ר ה וואשט די כלים. י ו ס ף ׳ ל זיצט אויף דער ערד און ווארעמט זיך אַנטקעגען אויווען, וואָס הייצט זיך. פון צייט צו צייט הערט זיך קלאפּען הינטער׳ן פענסטער די טריט פון דורכגעהער אויפ׳ן טראָטואר. ענדע שבט.

מ ר י ם

פערבינדט דעם פאָדעם וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון מאַשין. זינגט מיט אַ רחמנות־קול:

עלענד בין איך ווי א — שטיין.
גע—לא—זען האט מען מיך א—ליין.
האט רח—מ—נות, גוטע לייט!
כ'זאל ניט פא—לען פאר דער צייט...

איך האב אזוי ליעב די ליעד. אז איך זינג פערגעס איך גאר, אז איך זיץ ביים מאשין ביז דער פאדעם רייסט זיך איבער.

דבורה

כ'וויים דארט ווער, ס'האט אזא ליעד אויסגעטראכט. ווען כ'וואלט וויסען אפילו, אז איך שטארב, וואלט איך אויך ניט געגאנגען זיך שווארצען דעם פנים פאר אימעצען. דו מיינסט טאקע, אז עס זע־נען פארהאן אזעלכע גוטע לייט?

מרים

דאס קלאגט דאך גאר די בלינדע יתומה. כ'מיין אז א בלינדע יתומה האט געמוזט אויסקלערען די ליעד. פון דעסטוועגען איז נאך דא געגוג גוטע מענשען אויף דער וועלט.

יונה

כ'האב שוין לאנג געזאגט, אז דו ביזט נאך גאר א קעלבעלע. ביי אייך אין שטעדטעל וויסט מען מעהר ניט ווי בעבלעך מיט לאק־שען... ווארט אביסעלע, די רויטע בעקעלאך וועלען אקארשט נעלם ווערען: די ליפעלעך וועלען... פיו, פיו אוועק! יעמאלט, קעצעלע מיינס, וועסט שוין פערשטעהן ווי אזוי...

מרים

שווייגט דארט! ער האט שוין געעפענט זיין מויל און גענומען דרשן'ען.

יונה

מירע'לע, מירענקע, מירטשעלע!...

מרים

וואס גוט'ס?

יונה

בעבלאך האסטו ליעב?

מ ר י ם

איז וואס?

י ו נ ה

כ'דארף עס וויסן.

מ ר י ם

כ'האב ליעב — נו, איז וואס?

י ו נ ה

גענוג; מעהר בעדארף איך ניט.

ש מ ע ו ן

פארעט זיך שטארק מיט א קאפול.

ד ב ו ר ה

שטעלט צו קאכען.

וואס איז דער געלעכטער? דאריבער איז מען טאקי אין די קליינע שטעדטלאך געזונד און שטארק. ווי האב איך אויסגעזעהן פאר דער חתונה? די ערד האט געציטערט אונטער מיר. יעדע האנד — א טשאבע אייזען, און די באקען — בלוט און מילך! און וואס האט מען געגעסען? גאר ניט...

י ו נ ה

אין די קליינע שטעדטלעך געהן אום די מיידען ליידיג גאנצענע טעג, בארוועס ווי די קעלבער און דרעען זיך אב די קעפ.

מ ר י ם

דרעט שנעל די מאשין.

ס'אליגען! ס'אליגען!

ד ב ו ר ה

געוויס. איך ווייס מעהר ניט איינס: אז זייענדיג אין דער היים, ביים טאטען, בין איך שטענדיג געווען איינגעשפאנט אין יאך ווי אן אקס. די מאמע איז געשטארבען און אויף מיין קאפ איז גע־בליבען די גאנצע שטוב. כ'האב געהארעוועט אפשר נאך א סך מעהר ווי איצטער — פון דעסטוועגען... דער קעלער, ער עקט די יאה־

רען. כ'שפּיר וואָס ווייטער אַז די כחות געהן מיר אויס; די הענד דאַרען און די אויגען זינקען אין קאָפּ.

מ ר י ם

דאָס איז אמת. דער קעלער איז אַ מלאך המות. מיר שטיקט עפּעס אויף אין האַלז די לעצטע צייט. איהר הערט ניט אַז כ'רעד אביסעל הייזעריגלעך?

י ו נ ה

קלייבסט זיך דאָ נעהמען די חזנות אין שול?

ש מ ע ו ן

צו דבורה'ן.

פאַר וואָס האָסטו ניט געוואָלט איך זאָל נעהמען דאָס אויבערשטי־בעל, דאָרט אויבען? טרוקען און ווארעם — אַן אמת'ער פּאַלאַץ!

י ו ס פ'ל

דאָרט אויבען? דאָרטען איז זעהר גוט! אַ... אַ... מיט איין שפּרונג אויף די טרעפּ בין איך שוין אין דער הויך! איך שפּרינג אויף דריי טרעפּלאַך — ניין, אויף פיער טרעפּלאַך פאַר אַ מאָל שפּרינג איך... זאָג, מאַמע, פאַר וואָס האָסטו ניט געוואָלט, אַז מיר זאָלען דאָרט וואוינען?

ד ב ו ר ה

דער טאַטע דיינער האָט געוואָלט דינגען אַ אויבערשטיבעל; ער זאָרגט אַ סך פאַר דיין מאַמען. די פיס זיינען מיר ווי איבערגע־בראָכען. איין גאָט אין הימעל ווייס מיט וואָס פאַר אַ יסורים איך שלעפּ זיך דאָ אַרויף אויף די עטליכע טרעפּלאַך — דער קאָפּ פערדרעהט זיך מיר; אין די אויגען ווערט פינסטער. ער האָט גע־וואָלט כ'זאָל איהם נאָך שלעפּען די וואסער אויפ'ן צעהנטע'ן שטאָק. מילא, זאָל שוין געהן ווי עס געהט. סיי ווי וועל איך לאַנג ניט אָנציהען. אַ נאַרישע וועלט! נאָר פאַר די שטיקלאַך קינדער רייסט מיר דאָס האַרץ.

ש מ ע ו ן

זי האָט שוין דאָרט אָנגעהויבען, מיין ציטריגע נשמה! פּונקט ווי

איך וואָלט געוועז פון אײַזען אויסגעשמידט. די ווייבער, איז שטענ־
דיג געאַכצט און שטענדיג געקרעכצט... זעה בעסער דאָרט אין אוי־
ווען ס'זאָל זיין וואָס אין מויל צו נעהמען. לאָה קומט שוין באַלד
אַ הונגעריגע אהיים.

מ ר י ם

נעהמט ארויס פון אונטער'ן מאַשין אַ פּארטיגען זאַק.

איהר ווייסט, יונה, פון וואָס איך טראַכט?

י ו נ ה

וועגען אַ שעהנעם בחור?

מ ר י ם

טראַגט זיך! איך האָב קיין געשעפטען ניט מיט אייערע בחורים.
איך טראַכט שוין פון אַ טייערע זאַך... גאָר אַ טייערער געדאַנק!
ווען איך וואָלט האָבען אַפּולע געלד, איז יעמאָלט...

י ו נ ה

איז יעמאָלט וואָלסטו זיך דריי מאָל אין טאָג געקאָכט לאָקשען מיט
בעבלאָך — אמת?

מ ר י ם

פּש... אַ טייערע מעשה!

י ו נ ה

זאָג מיר, קעצעלע פיינס, וואָס וועסטו טהאָן, אז דו וועסט האָבען
אַפּולע געלד — וועסט מיר מאַכען אַן הלואה עטליכע קאַרבען?

מ ר י ם

איך רעד שוין גאָר ניט פון עטליכע קאַרבען — אַפילו פון טויזענ־
דער קלער איך אויך ניט. ווען איך וואָלט, למשל, האָבען אַפּולע
געלד — גאָר אַ סך... עטליכע מיליאָן — טויזענד מיליאָן, למשל...
וואָלט איך יעמאָלט געלאָזט מודיע זיין אין דער גאַנצער וועלט:
ווער עס האָט ניט אויף חיונה — זאָל קומען צו מיר! וועמען
ס'פעלט אוים נדן פאַר זיין טאָכטער — צו מיר!... און אז אַלע
וועלען זיך צוזאַמענקלייבען, וואָלט איך זאָגען: נאַ דיר אַ הויפען
געלד, נאַ דיר אַ הויפען אימפּעריאַלען... דיר... דיר... און געהט

אהיים! יעמאלט וואלטען שוין מענשען ניט געוואוינט מעהר אין די קעלערן...

י ו נ ה

אלע קבצנים האבען גוטע הערצער! איהר הערט? די גאנצע וועלט וואלט זי איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראפ און פיס — ארויף!

ש מ ע ו ן

ווען וועסטו זיך אויסקלייבען פאר א חתן? א דאקטאר, מסתמא — א טייערע פרנסה!

י ו נ ה

מיך וועט זי נעהמען פאר א חתן — כא־כא־כא. זעהט נאר ווי ס'געפעהלט איהר... זעהט נאר אקארשט ווי זי איז רויט געווא־רען! אויב אזוי, קעצעלע מיינס, וועל איך דיר געבען א קוש... שוין אויף יענעם חשבון...

מ ר י ם

בעסער זיצט אויף אן ארט. אט מיט דעם העקעל וועל איך אייך אויסשטעכען די אויגען!

י ו נ ה

א־א ווי זי שאנעוועט עם איהרע בעקעלאך! פאר ווען האדע־וועסטו זיי?

מ ר י ם

ווידער פאסקודנע רייד! איך לאך שוין גאר ניט. ווען איך וואלט האבען עטליכע מיליאן, וואלט קיין איין ארימאן ניט געבליבען...
זינגט.

על—ענד בין איך ווי א—שטיין,
גע—לאזען האט מען מיך אליין...

ד ב ו ר ה

עט: א מענש דארף דאגה'ן נאר פאר זיך אליין, ווייל פאר איהם זארגט קיינער ניט. צי ווייסט דען ווער, ווי איך פויל דא אפ טעג און יאהרען אין דעם פינסטערען קעלער?

שמעון

די וועלט איז געגליכען צו א חתונה — ווער עס קען כאפט פאר זיך און עסט.

דבורה

איך קלאָג אויף דעם גאָר ניט. ווארום וויפיעל בעדארף איך אין אמת'ן האבען? אז כ'האָב נאָר מיט וואָס אָנצוקאָרמענען די ברעקלעך און מיט וואָס דעם אוווען אויסצוהייצען איז שוין גאָר גוט.

דאָס קינד אין וויעג כאַפּט זיך אויף און הויבט אָן וויינען. גיט דעם קינד די ברוסט, זינגענדיג:

א־ליו־ליו — ליו־ליו,
אונטער דעם קינד'ס ווי—געלע
שטעהט א—קלאָר וויים צי—געלע...

יונה

מיליאָנערשע! גיב א קאָפּיקע, וועלען מיר שיקען נאָך א קאן טיי. ס'איז מיר עפּעס קאלט געוואָרען.

מרים

פאר וואָס איז מיר ניט קאלט? אָט געה איך נאָר א דינע בלוזקע און מעהר ניט. שעהמט זיך! אזא בחור זאָל מורא האָבען פאר קעלט — ווי אזוי האָט איהר געדיענט דעם קיסר, אויב איהר זייט אזא פערפראָרענער?

יונה

כ'וויים שוין פון לאנג, אז דיר איז ווארים. מען קען זעהן אויף די בעקעלאך. איהר זעהט בעקעלאך, מחותן!

מרים

ווידער מיט זיינע מיאוסע רייד! איהר קענט זיך עס גאָר ניט איינהאלטען?

יונה

די קליין שטעדטילשע מיידלאך זיינען אמת'ע רבי'צינס. מיין ערשטע כלה איז אויך געווען א גרויסע צדקניות — האָב איך איהר טאַקי די תנאים אומגעקעהרט... נו, נו, קעצעלע, כ'וויים, אז ריידען

טאַר מען ניט, נאָר טהאָן מעג מען. א נייע וועלט, כ'לעבען! אויב אזוי, טאַ גיב א קאָפּיקע און מיר וועלען אריינכאַפּען א קאַן וואַסער. דו זיצט אין מיטען שטוב און איך זיץ נעבען פענסטער. בררר... ווי קאַלט!

יוסף׳ל פערקריכט אין בעט אונטער'ן פאָרהאַנג.

מרים

כ'האָב קיין האַלבע פּרוטה ניט. אָט זעהסט! מאָרגען וועל איך האָבען געלד. — איין מאָל פאַר אַלע מאָל! כ'האָב היינט, אפשר, מיט א האַלב טוץ זאָקען מעהר אויסגעשטריקט.

דאָס קינד הייבט ווידער אָן צו וויינען.

דבורה

דער טייוועל ווייסט איהם וואָס ער וויל היינט פון מיר האָבען! זאָל עס גאָר אויף א מינוט די אויגען פערמאַכען.

זינגט.

תו—רה, תו—רה איז קע—פּע—לע,

קאַ—שע קאַ—כען אין טע—פּע—לע... צו שמעון'ען.

מיר דוכט, אז דו האָסט געהאַט א צענערעל — ווייז אהער, איך וועל שיקען נאָך א הערינג. די מיידעל וועט באַלד קומען א הונגעריגע. אָט געהט זי שוין!

ס'עפענט זיך די טיר און ס'קומט אריין משה דער טרעגער און נאָך איהם לאה.

משה

אָנגעטהאָן אין שמאַטעס און ארומגעבונדען מיט אַ שטריק, טראָגט אונטער'ן ארעם אַ בינטעל שפּענער.

א גוטער אבענד! א שטאַרקער פראָסט היינט אויף דער גאַס!

לאה

דאָ הינטער'ן טיר האָבען מיר זיך די נעז אָנגעשלאָגען. כ'הער אימיצער גראַבעלט זיך אויף די טרעפּ — כ'האָב זיך דערשראָקען; כ'האָב זיי ניט דערקענט אין דער פינסטער. א סימן, אז ר' משה וועט אין גיכען ווערען א גביר. אין הארצען האָט אזש פעריקלעמט

פון קעלט. אונטער די נעגעל שטעכט ווי מיט נאָדלען! קוקט אין אויוועז. קארטאָפעל! אך! ווי גוט! כ'בין אזוי הונגעריג.

מ ש ה

וואָרפט אראָב די שפּענער נעבען אויוועז, וויל אפּבינדען פון זיך דעם שטריק.

אך־כא־כא! בינד מיר נאָר, יונה, אָב דעם שטריק. די פינגער זיינען מיר פערפראָרען ממש ווי קלעצלעך; האָסט זיך עפּעס היינט אזוי שפּעט פערארבייט. נו, א טאָג, א טאָג אביסעל. פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאכט קיין גראָשען נישט פערדיענט. שוין גאָר שפּעט איז צו מיר צוגעגאנגען א קריסט און גערופען אז איך זאָל איהם איבערטראָגען האָלץ פון הויף אויפ'ן דריטען שטאָק. פיערציג קאָפּיקעס האָט ער מיר געגעבען און אביסעל שפּענער האָב איך פערכאפּט מיט זיך. דער אויוועז איז שוין אויסגעהייצט?

ד ב ו ר ה

וואָס איז דען?

מ ש ה

לעגט אריין אין אויוועז די שפּענער — לאָמיר א מאָל רעכט אָנווארמען אונזער דירה; מען זאָגט, אז דער פראָסט האָט היינט געהאַלטען ביי צוואנציג גראַד.

וויל אריינוואָרפען אין אויוועז די שפּענער.

ד ב ו ר ה

לאָזט עס רב משה. אן עבירה צו פערברענען אזוי פיעל האָלץ פאר איין מאָל. אנטקעגען נאכט איז גאָר איבעריג צו הייצען אזוי פיעל. מען קאָרטשעט זיך ווי ס'איז צונויף אין בעט און מען שלאָפט. איך האָרעווע זיך אַ דעם גאנצען טאָג און ביינאכט פאל איך ווי א שטיין.

יונה און לאה שעפּטשען זיך. שמעון דאַווענט מעריב. משה געהט אריין צו זיך אין צימער.

מ ר י ם

צו לאה'ן.

איהר ווייסט, אז כ'האב היינט אפשר מיט א האלב טוץ זאקען מעהר ווי נעכטען אויסגעשטריקט.

ל א ה

איהר וועט דאך גאר נתעשר ווערען. מאמע, מאמע! איך שטארב עסען, גיב מיר וואס... אפשר ווייסטו יונה, היינט ביי אונז נעכ־טיגען? וועסט זיך לייגען אויפ'ן טיש. צוקאפען וועלען מיר שוין געפינען דיר וואס צו געבען.

ד ב ו ר ה

וואס ביזטו עפעס היינט אזוי שפעט געקומען?

ל א ה

איך האב בעדארפט פערענדיגען א קלייד אויף מארגען פריה. גיב מיר, מאמעלע, גיכער!

ד ב ו ר ה

כ'האב כמעט נאר צוליעב דיר אליין צוגעשטעלט קאכען. ס'איז, א דאנק גאט, דא פון אלעמען: ברויט, קארטאפעל א גרויסער טאפ. א שאד, וואס די קינדער שלאפען שוין... די קליינע, קוים וואס זי לעבט. האט אבגעהוסט די גאנצע נאכט.

מ ר י ם

לאמיר איבערשטעלען דעם טיש צום ווארעמען אויווען, דעם לאמפ אויך נעהמען אהער און מיר וועלען זיך אלע איבערזעצען ביים אויווען — א גן־עדן געפעלט אייך מיין עצה?

ל א ה

א טייערע עצה! פאר וואס איז עס אונז ביז אהער ניט איינגע־פאלען צו טהאן? אן איינפאל! נעהם נאר אראב די מאשין פון טיש. די וויג־בעט דארף מען אויך אראבנעהמען, פארזיכטיג דאס קינד זאל זיך ניט אויפכאפען. יונה! נעהם נאר פאר'ן אנ־דערען ברעג.

מ ר י ם

וואָרט, וואָרט, כ׳וועל די מאַשין אָראָבנעהמען, לאָזט, איהר וועט צובּרעכען!

ד ב ו ר ה

דאָס קינד נאָר וועקט מיר ניט אויף! זי שיט קאַרטאָפּעל אין אַ גרויסע שיסעל, אַ געדיכטער פּאַר הויבט זיך אויפ׳ן ביז׳ן באַלקען. ל א ה הויבט אויף די וויג און י ו נ ה בעפּרייט די שטריקלעך פון האָקען. מען שטעלט איבער דעם טיש צום אויווען און אַלע זעצען זיך ארום און טוליען זיך צום אויווען. ד ב ו ר ה דערלאַנגט קאַר־טאָפּעל צום טיש. רב משה, רב משה! וואו האָט איהר זיך בע־האַלטען? קומט אהער צום אויווען, ט׳איהר עסען קאַרטאָפּעל. כ׳האָב אָבגעקאָכט אַ גרויסען טאָפּ, ניט צו פערזינדיגען, שיילענ־דיג האָב איך אייך אויך געהאַט אין זינען.

מ ש ה

פון זיין צימער.

אַ גרויסען דאַנק אייך. איך דאַווען מעריב, כ׳בּין זיכער, אַז מיין חלק וועט איהר ניט אויפעסען.

דער עולם עסט די קאַרטאָפּעל מיט הייסע הענד; מע בלאָזט.

מ ר י ם

רב משה! איך עס אויף אייער חלק! כ׳וועל פאַר אייך גאָר ניט לאָזען.

מ ש ה

איך געה שוין.

י ו נ ה

ער בעט גאָט, אַז זיין דוואָשע זאָל וואָס גיכער קומען אַהיים. דער אַלטער האָט זיך שטאַרק פערבענקט נאָך זיין פלונית׳טע — אמת, רב משה?

מ ש ה

מסתמא בענק איך נאָך מיין אַלטער! איהר מיינט, אַז איך בּין געראָטען אין אייערע יונגאַטשעס? ביי אייך איז דאָך רעכט דעם

גאנצען לעבען אבפוילען אהן א ווייב.

ל א ה

יונה איז נישט קיין יונגאטש. יונה איז א גרויסער חכם. ווען ער וואלט זיך איילען חתונה האבען, וואלט ער א פייג איצטער געהאט אזא כלה ווי איך.

ד ב ו ר ה

אלע קרעמער לויבען זייער סחורה.

מ ש ה

נו, אויף אייער חתונה, אז גאט וועט לאזען לעבען, וועל איך עס א געה טהאן א טענציל — די ערד וועט אזש ציטערען אונטער מיינע פיס!

מ ר י ם

איהר וועט אפשר מיט מיר, רב משה, געהן א קאזאצקע?

י ו נ ה

זי שארט זיך צו ר' משה'ן, כא־כא־כא, האט דערשמעקט, אז זיין ווייבעל איז אוועק געפאהרען...

מ ש ה

וואס מיינט איהר טאקי איז דער מעהר וואס מיין ווייב קומט ניט? אפשר וועט זי מארגען קומען? אן עולה, ווי איהר זעהט מיך לעבען! לאזען א שטוב אליין אויף גאנצע צוויי וואכען.. .

נעהמט פארזיכטיג מיט צוויי פינגער א קארטאפעל.

ד ב ו ר ה

הלואי וואלט איך געקענט לאזען די שטוב און אוועקפאהרען ערגעץ אויף א חודש — וואס רעד איך? האטש אויף איין וואך — כ'וואלט, דוכט זיך, די אויגען געעפענט...

ש מ ע ו ן

היינטיגע וואך, דוכט זיך, האט זי יאהרצייט. זי איז מסתמא שוין פערבליבען. ט'זיין אויף קבר אבות.

ד ב ו ר ה

עט: אלץ נארישקייט! וואס געהט מען אויף קבר אבות? שטערען

די מתים זייער רוה... יעדער האָט זיך געַנוג זיין אייגענעם פּעקיל; זאָלען זיי זיך דאָרטען רוהען אין פריידען... נו, רב משה! פאַר וואָס עסט איהר ניט? דאַגה'ט ניט; אין טעפּיל איז נאָך פאַרהאַן גענוג.

זי ברענגט דעם גאַנצען טאָפּ צום טיש, שאָקעלט איהם איבער'ן שיסעל, פון איהם פאַלען קאַרטאָפעל.

מ ש ה

דאָס איז אפילו א שטיק אמת: משטעהנסגעזאָגט, וואָס האָבען מיר פון די טויטע? נאָר אזוי איז זיך שוין דער שטייגער. אז מען וויינט זיך אביסעל אויס, ווערט גרינגער אויפ'ן האַרצען... ווי זאָגט די וועלט — אז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן פאַר א שטרוי... א זיידען האָב איך געהאַט; א שמיד איז ער געווען... אַן אָרענטלי־כער מאַן געווען — ער פלעגט שטענדיג זאָגען: „דו גיב, וועט זיך גאָט אויך געבען", און — זאָל ער מיר מוחל זיין — געשטאָרבען א קבצן, אז ס'איז אפילו ניט געווען מיט וואָס קבורה געלד צו בעצאָהלען. ער האָט מיך שטאַרק האָלד געהאַט — איך בין דאָס געווען פון זיין אייניאייניציגער טאָכטער. — בשעת ער איז גע־שטאָרבען, בין איך אלט געווען זעכצעהן יאָהר. דאָס איז געווען פאַר מיין חתונה מיט דער ערשטער ווייב, זאָל זיין אין גן־עדן. א טאָג פאַר'ן שטאַרבען האָט ער מיך צוגערופען צום בעט — ביי אונז אין שטיב איז ער געלעגען — און מיט די לעצטע כחות האָט ער צו מיר געזאָגט: „משה'לע... דיר האָב איך האָלט... כ'וועל אָן דיר ניט פער־געסען... ביים כסא הכבוד וועל איך פאַר דיר בעטען... אויב כ'וועל נאָר זוכה זיין אהין זיך דערשלאָגען... ניט יעדער איז זוכה דאַצו..." אז כ'האָב עס דערצעהלט דער מאַמען, עליה השלום, האָט זי צו מיר מיט טרערען אין די אויגען געמאַכט: „ביזט א בר־מזל, מיין קינד, וועסט אי"ה זיין א מזל'דיגער"... נאָך זיין טויט איז שוין אריי־בער... איז שוין אריבער, דוכט זיך... ניין און דרייסיג יאָהר, זיינען אריבער; און מיינע גליקען זעהט איהר דאָך... מען זאָגט, אז אפילו די גרעסטע רשעים האַלט מען אין גהינום ניט מעהר ווי א יאָהר און דאָס איז — ניין־און־דרייסיג יאָהר!...

* *

י ו נ ה

אפשר האָט ער תפילה געטהאָן פאַר'ן כסא־הכבוד, נאַר איהר, רב משה, זענט זעהר זינדיג...

מ ש ה

די יונגוואַרג לאַכען אַב... גלויבען ניט — האָב זיי א גוט יאָהר. אפשר זענען זיי גערעכט. סיי ווי האָט מען קדחות מיט כשר'ע פאַדעם. איך בין א פּראָסטער הי־וקים, א טרעגער, בטבע האָב איך פיינט צו קלערען, זיין איבערגעשפּיצט — געה שריי אויפ'ן רבונו של עולם...

ד ב ו ר ה

זינדיג, זאָגען זיי. וואָס פאַר א זינד קען האָבען אזא מענש ווי רב משה? משטעהנסגעזאָגט, וואָס זעהט ער אָן אויף זיין וועלטעל.

ש מ ע ו ן

רעדסט ווי א אידענע, כ'וויל פון מיין מויל ניט אויסרעדען. רב משה איז א געזונדער מענש, האָט קיין עין הרע כח צו שלעפּען אויף דער עלטער משאות — איז גענוג! אפשר איז דאָס דעם זיידען'ס הבטחה — דאָס האָט ער געמיינט. א מענש, וויבאַלד ער איז נאַר געזונד, איז שוין גענוג — וואָס נאָך? מען דאַרף זיין צופריעדען!

מ ש ה

שמעון איז גערעכט! כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אז כ'בין ניט פון די אויפגעקלערטע פון דער נאַטור. נאַר אז כ'שפּאַציר זיך מיר אי־בער'ן גאַס מיט א גרויסען אַלמער אויפ'ן פּלייצע, יעמאָלט טראַכט איך מיר, אז איך בין קיין עין הרע א גליקליכער מענש. איך בי'ן דאָך שוין אַן אַלטער מאַן; אנדערע אין מיינע יאָהרען ליגען לאַנג, אָדער אין דער ערד און אַניט — איז אויפ'ן אויוועז...

י ו נ ה

אָבער פאַר וואָס טראַכט איהר ניט בשעת איהר שלעפּט זיך מיט דעם שווערען אַלמער: פאַר וואָס דאַרף איך צו דער עלטער ברע־כען דעם קאַרק אונטער דעם דעמבענעם אַלמער בעת מענשען ווע־רען געשוואָלען פון וואוילטאָג, געזונד ווי די פערד און הויבען זיך

ניט אויף פון אָרט נעהמען פאר זיך אפילו אביסעל וואסער?

ל א ה

בעוויזט אויף מרים'ען.

און פאר וואָס קלערט ניט אזא מיידעל זיצענדיג איינגעבויגען ביי דער אַרבייט: פאר וואָס בעדאַרף איך זיצען און פוילען דאָ אין גאַסען קעלער איבער'ן זאָקען־מאַשין בעת אנדערע מיידלאך ווי איך זיצען זיך אין פאַלאַצען און לעבען א גוטען טאָג?

מ ר י ם

איך וויל גאָר ניט טראכטען פון אזוינע זאכען. איך בין צופריעדען מיט מיינס. מען דאַרף קוקען אַרונטער און ניט אריבער...

מ ש ה

גערעכט — ווי איך בין א איד! א חכמה א מיידעל! מען טאָר ניט טראַכטען צופיעל.

י ו נ ה

א פערד האָט אויך א גרויסען קאָפּ און טראַכט ווייניג.

מ ש ה

איך וויים שוין פון לאַנג אָט די אַלע טענות. פאר אזוינע טענות קאַטעוועט מען אין יענעם אָרט... דו, טאַכטערעל, הער זיך ניט איין צו אזוינע מעשות: גאָט האָט דיר געגעבען הענד — וואָס דאַפסטו נאָך?... אזוי רעדען ליידיג־געהערס. די וואָס טראָגען שטיינער אין די ארבעל רעדען אזוי... פערשטעהסט? נאָר געהאַרעוועט אין וואָס קנאַפּער געטראַכט... עט, הבלים!... איהר וויסט, רבותי? איהר האָט מיר אָנגעקאָרמעט מיט קאַרטאָפּעל און איך וועל אייך פונדעוועגען מיט טיי. קום, מירע'לע, נאַ דיר א קאָפּיקע און כאַפּ אריין א קאַן טיי.

מ ר י ם

זעהר גוט! כ'האָב נאָך פריהער געוואָלט געהן.

נעהמט אראָב פון אויווען אַ טיי־קאַן.

ל א ה

וואַרט, מרים, איך געה אויך. דו וועסט דאָ נעכטיגען היינטיגע

נאכט, גוט, יונה?

יונה

ניין; איך געה אויך. כ'דארף מארגען אויפשטעהן פריה; כ'מוז ענ־דיגען די פאר שיך. אין דער היים וועל איך זיך אברוהען. דא איז ניטא וואו, — מירעלע האט מיין ארט פערנומען.

מרים

ווען איך וואלט וויסען, אז כ'פערנעהם אייער ארט, וואלט איך דא ניט גערונגען קיין דירה.

לאה

צו יונה'ן.

פון דעסטוועגען — נעכטיג דא — כ'האב דיר עפעס וואס צו דער־צעהלען...

דבורה

אפשר וועסטו אין אמת'ן דא בלייבען? וואו'סטו זיך שלעפען אין אזא גרויסען פראסט?

יונה

כ'מוז געהן אהיים. כ'האב צוגעזאגט דער מאמען צו קומען.

מרים

נו, רירט זיך שוין! איהר געהט אין א ווארימען מאנטעל און איך בלויז אין א דין בלוזקעלע. ברררר!

זיי געהען ארויס.

משה

שרייט זיי נאך.

פערגעסט נאר ניט צו זאגען, אז מען זאל אייך אריינגיסען געגוג טיי אין קאן — וואסערדיגען טיי האב איך פיינד! יע, מרים איז א מיידעל אהן חכמות: אט אזוינס האב איך ליעב... וואס איז דא צו טראכטען פון יענעם? יעדערער טהוט זיך ווי ער ווייסט און ווי ער קען. מקנא זיין יענעם... ווער עס פערמאגט עסט פלייש, און ווער ס'קען ניט, זאל עסען ברויט. בנאמנות, ס'איז אן עולה פון יונה'ן, וואס ער רעדט פאר איהר אין די אויגען אזוינע ווערטער.

שמעון

בהמות, ניט קיין מענשען...

דבורה

פון דעסטוועגען: דאס הארץ איז יונג, די אויגען זעהן אלצדינג, ס'איז גאר קיין עולה ניט...

משה

יונה איז א כוואט א בחור; איהר וועט אי"ה האבען נחת פון זיי. ער איז א מענש. דער עיקר וואס ער איז ניט קיין פוילער—דאס איז אן ענין!

ס'הערען זיך טריט הינטער'ן טיר. אלע הערען זיך צו. עס קומט אריין זילבערמאן. א געזונדער בחור.

זילבערמאן

גוט-נ'אבענד! פאר וואס איז דא אזוי פינסטער אויף אייערע טרעפ? מען קען דארט פאלען און ארויסנעהמען זיך ביידע אויגען. ס'איז דארט גאר קיין לאמפ ניטא?

דבורה

זייער פאפא זשאלעוועט געלד... אויף די אויבערשטע שטאקען ברענט יא פייער. נאר אלץ איינס. משטעהנסגעזאגט, ווער געהט צו אונז ביי-נאכט? אפילו ביי טאג קומען אויך גאנץ ווייניג צו אונז מענשען.

זילבערמאן

אט בין איך געקומען — איך בין שוין ביי אייך גאר ניט פעררעכענט פאר א גאסט?

דבורה

דערלאנגט איהם א שטול.

זיצען זיי.

זילבערמאן

דאנקע. מיין פאפא איז אביסעל קארגלעך, נאר אז מען פאדערט פון איהם, גיט ער. וויפיעל דארף עס קאסטען א לעמפיל אויף די

טרעפּ? איך אַליין וועל שוין בעזאַרגען, אַז ביי אייך אויך די טרעפּ זאָל זיין ליכטיג.

ד ב ו ר ה

איך דאַנק אייך זעהר. מיר האָבען ניט געוואָגט אַריינגעהן דרעהען אַ קאָפּ צוליעב אַזא נאַרישקייט.

ש מ ע ו ן

דער הער איז געקומען מסתמא נאָך די שליטלעך? איך האָב זיי שוין פערריכט; איך האָב גערעכענט מאָרגען פריה זיי אייך אַריינ־טראָגען. כ'האָב זיי שוין איינמאָל פערריכט! זעצט זיך ביים אויווען — ס'איז היינט אַ פראָסט אַ גרויסער — ביים אויווען איז וואַרימער... אָט איז ער! איהר זעהט ווי כ'האָב געמאַכט? פריהער האָב איך צוגענעהט גאַנץ שטאַרק און דערנאָך האָב איך פון אויבען געלעגט אַ לאַטקע — ס'איז גאָר ניט צו דערקענען, אַז דאָ האָט מען געלעגט אַ לאַטקע.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

נעהמט דעם שוך אין האַנד, אָבער ער בעקוקט איהם גאָר ניט. קוקט זיך אום.

כ'האָב היינט געהאַט אַ מיאוס'ען טעות: אויפ'ן הויף האָב איך בעגעגענט דאָס פריילין וואָס וואוינט דאָ ביי אייך, האָב איך גע־מיינט, אַז דאָס איז אייער טאָכטער און כ'האָב זי אָבגעשטעלט. כ'האָב איהר געוואָלט בעטען אייך איבערגעבען, אַז מען זאָל מיר דעם שוך פאַרריכטען... נאָר כ'האָב מיר באַלד אַרומגעזעהען, אַז כ'האָב אַ טעות געהאַט... אַ שעהנע פריילין... פון וואַנען איז זי עס?...

מ ש ה

אַ וואויל קינד... פון אַ קליין שטעדטעל.

ד ב ו ר ה

פון אַ קליין שטעדטעל איז זי. זי איז געקומען אהער פערדיע־נען. איז אַ זאָקענמאַכערקע.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

כ'האָב גלייך דערקענט, אַז זי איז פון אַ קליין שטעדטעל. כ'האָב די ניט־היגע פריילינס זעהר ליעב... ביי אונז דיענט אַ קליינשטעדטעלדיגע מיידעל, שעהמט זי זיך צו ריידען מיט מיר...

ד ב ו ר ה

זי דאַרף זיך נאָך אַביסעל צוגעוואוינען צו מענשען.

מ ש ה

*הויבט זיך אויף, נעהמט דעם שוך און בעקוקט איהם.*

ווי אַזוי האָט עס דער הער צוריסען אַזאַ שטאַרקען שוך?

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

ס'איז פּראָסט אַ חרפּה צו דערצעהלען ווי אַזוי איך האָב צוריסען דעם שוך: איך בין געגאַנגען אויפ'ן גליטש; איהר דאַרפט וויסען, אַז איך בין אויפ'ן גליטש אַ מזיק... אהין קומען אַן אַ סך אַזוינע וואָס לערנען זיך נאָך, און יעדער מינוט פאַלען זיי. איך האָב אויך ניט איינמאָל געכאַפּט דעם פּסק, ווען איך האָב זיך נאָך געלערענט. לאַז איך מיר, ווי מיין שטייגער, ווי אַ פייל פון בויגען, און אויפ'ן וועג רוקט זיך מיר אונטער אַן אָנפאַנגער און פאַלט נעבען מיינע פיס. כ'האָב איהם געוואָלט אויסמיידען, נאָר דאָ האָב איך זיך פערטשעפּעט אין אַ קוסט און דער שוך האָט געפּלאַצט...

מ ש ה

בעת איך בין געווען אַ קליינער אינגעל, געלערענט נאָך אין חדר, פלעג איך זיך אויך גליטשען מיט מיינע חברים, אָבער ניט אויף קיין של־טלאָך... און דער רבי פלעגט שמייסען... הינטער'ן טיר הערט זיך אַ געלעכטער. מ ר י ם און ל א ה רייסען זיך אַריין אין שטוב מיט קוראַזש פרעהליך. בעמערקענדיג זילבערמאַנען, ווערען זיי עפּעס איבעראַשט. קוקען האַלב פערוואונדערט, האַלב מיט חשד. מרים שטעלט אויפ'ן טיש דעם קאַן טיי.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

מאָרגען וועל איך אייך אריינברענגען געלד.

מ ש ה

טראָגט אַ גלאָז צום טיש.

גוט געלד... וואָלט איך נאָר האָבען ביי דעם הערען א פּאָר מאות...

ז י ל ב ע ר מ א ן

גיט די האַנד לאה'ן און מרים'ען.

נו, א גוטע נאכט! מאָרגען וועל איך ווידער קענען גליטשען זיך...
דערוויילע א דאנק.

ד ב ו ר ה

נעהמט, קינדער, און לייכט צו די טרעפּ. מען קען נאָך פאַלען.

ז י ל ב ע ר מ א ן

מאָרגען וועט שוין ברענען א לעמפּעל אויף די טרעפּ.

מ ר י ם נעהמט דעם לאָמפּ פון טיש און געהט נאָך זילבערמאַנען.

קומט צוריק מיט'ן לאָמפּ.

ד ב ו ר ה

דערלאנגט גלעזער צום טיש.

א חשק פון א מענשען... כדאי געווען אליין צו קומען נאָך דעם...

ל א ה

א שטיק שארלאטאן! ער וויים וואָס ער טהוט...

משה און שמעון זופּען די טיי.

מ ר י ם

ער האָט מיר היינט געטראָפען אין הויף... ער האָט זיך אזוי פערר־אינטערעסירט מיט מיר. א טעות — זאָגט ער — האָט ער געהאט; ער האָט געמיינט, אז דאָס איז לאה. אזוי ווי ער וואָלט איהר גאָר ניט קענען... ער האָט מיר אויסגעפרעגט פון וואנען איך בין? ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער איז געווען אין א סך קליינע שטעדטלעך... די קליינשטעדטעלדיגע פריילינס, זאָגט ער, דער־קענט ער שוין נאָך די באקען זייערע. ער האָט מיר געפרעגט ווי איך פיהל זיך דאָ — ס'איז נאָר צום לאכען!... ער האָט געזאָגט, אז ער וועט היינט קומען — זעהט ווי ער האָט געהאלטען וואָרט?

ד ב ו ר ה

ער געהט גאָר ניט ווי אַלע מענשען — ער שפּרינגט...

ל א ה

צוליעב אייך האָבען מיר עס היינט געהאַט די זכיה צו האָבען אַזאַ טייערען גאַסט. לאָזט זיך נאָר ניט צו צו איהם — איך קען איהם גוט, דעם לייט.

מ ר י ם

צוליעב מיר איז ער געקומען? איך האָב איהם דען געבעטען ער זאָל קומען?... וואָס האָב איך מורא פאַר איהם? וואָס וועט ער מיר טהאָן? איהר מיינט, אַז כ'בין נאָך אַ קליין מיידעלע... כ'וויים פון קיין מעשה ניט — איך געה אהיים — אין מיטען הער איך מען רופט מיך — אַ טעות, זאָגט ער, האָט ער געהאַט.

ל א ה

איך מיין גאָר ניט צו זאָגען; סתם אַזוי... איך זאָג, אַז פאַר אַזוינע בעדאַרף מען זיך היטען.

מ ש ה

נו, קינדערלאַך, מיין גלאָז איז שוין לעדיג. טרינקט טיי און איך וועל מיר געהן אביסעל אָברוהען... אַ פיינע ירושה וועט ער כאַפּען... כ'האָב שוין פאַר איהם פער'דאגה'ט... ער ט'שוין פון הונגער ניט שטאַרבען.

ד ב ו ר ה

ס'איז זעהר גוט, אַז אַ מענש געפעלט יעדערען — און בפרט נאָך אונזערען אַ געמיינעם מענשען... נאָר פאַר אַזוינע לייט דאַרף מען זיך היטען ווי פאַר פייער. מען קען גאָר גרינג אריינפאַלען, בלייבען אויף אייביג אומגליקליך...

ל א ה

איהר מיינט, מרים, אַז דאָס מיינט עס אייך די מאַמע? וואָס האָט איהר זיך אַזוי בעליידיגט?

מ ר י ם

איך ווייס ניט וועמען מען מיינט.

געהט אַוועק פון טיש און שטעלט זיך מיט'ן פנים צום פענסטער.

ל א ה

אויב אזוי, זענט איהר דאָך גאָר א נארעלע. איך האָב מיט דעם גאָר ניט אויסען געוועזן. כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגען אז מען בעדאַרף זיך היטען; איהר ווייסט נאָך גאָר ניט וואָס אין די גרויסע שטעדט טהוט זיך אָב...

ד ב ו ר ה

דער אָרימאַן, ניט געגונג וואָס ער ליגט אזוי טיף אין דער אדמה, סטאַרעט זיך נאָר יעדערער איהם וואָס טיפער בעגראָבען.

ל א ה

און יעדערער דאַרף זיך אליין היטען... קומט נאָר, מרים, לאָמיר זיך לערנען טאַנצען... איהר וועט דאָך טאַנצען אויף מיין חתונה?

מ ר י ם

שווייגט.

ל א ה

איהר זייט ברוגז וואָס מיר האָבען גערעדט?

מ ר י ם

איך בין ניט ברוגז....

ל א ה

טאָ וואָס זייט איהר עפּעס אזוי?...

ד ב ו ר ה

איך האָב, חלילה, מיט דעם גאָר ניט געמיינט... סתם אזוי... כ'האָב געזאָגט...

ל א ה

קומט!

ש מ ע ו ן

עפּעס ביזטו מיר היינט פרעהליך, מיין טאָכטער...

## לאה

וואָס האָב איך צו זיין אומעדיג? וועטשערע האָב איך געגעסען— א חתן האָב איך נאָר קלעזמער — פעלט. א לעב טהאָן אביסעל!...

היבט אָן טאַנצען אין קאַראַהאָד. שלעפּט מיט זיך מרים'ען אויך. מרים שלעפּט זיך נאָך אָהן חשק.

## צווייטער—אקט.

ס׳איזגענע צימער וואס אין ערשטען אקט. יונה זיצט ביי זיין ארבייט. געגענאיבער אויף א בענקעל זיצט זילבערמאן. מרים שטעהט ביים גרויסען טיש און פארריכט וועש. דער פענסטער איז אפען. א שעהנער וואַרעמער זומטער־טאג.

זילבערמאן

האלט אן אחל אין האנד.

ווען איך וואלט דא יעדען טאג געזעסען ביי אייך א שעה און אכטונג געגעבען ווי מען נעהט, וואלט איך געקענט זיין א גוטער שוסטער. איך האב א גוטען קאפ — און נעהם איבער גלייך.

יונה

עס דוכט זיך אייך. איהר מיינט אז צו זיין א שוסטער בעדארף מען גאר קיין שכל ניט האבען — אין שוסטעריי שטעקט אויך א חכמה. נאר למאי דארפט איהר עס אין גאנצען? געלד ציילען קענט איהר — וואס פעהלט אייך נאך?

מרים

איך מיין, אז זילבערמאן האט גאר ניט אזוי ליעב געלט ווי איהר טראכט.

זילבערמאן

כ׳שפיי אויף די געלד! א סטראשנע מעשה... גלויבט מיר, יונה, אז גאנץ אפט בין איך מקנא א פראסטען ארבייטער.

יונה

דרעהען מיט׳ן צונג איז גרינג. אלע מקנא דעם ארבייטער... פונדעסטוועגען האב איך נאך ניט געזעהען, אז אייערער א מענש זאל

אוועקוואַרפֿען די טייערע סאַליעס און זיך אוועקזעצען אויפֿ'ן שוס־טער בענקעל... נאָר צו וואָס דאַרפֿט איהר דאָס? ניט כדאי די הענ־איינצוריכטען.

מרים

איהר קענט ניט זילבערמאַנען.

זילבערמאַן

און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז פּראָסטע אַרבייט געפֿעהלט מיר זעהר גוט.

יונה

שטעהן פֿון ווייטען און קוקען ווי יענער שוויצט איז אפשר גע־שמאַק; אבער צו שוויצען אַליין... אַט אויף טשיקאַוועס — נאַט אייך אַ פאַרטיגע דראַטווע מיט אַ נאָדעל און נעהט.

זילבערמאַן

אַט לאָמיר זעהן! רייבט די הענד איינע אָן דער אַנדערער און קוקט אַריין אין שוך. אַ סטראַשנע מעשה! מיין האַנד איז ווי געבאָרען צו אַזאַ אַרבייט.

מעסט זיין האַנד צום שוך פֿון אויסווייניג.

יונה

כאַ־כאַ־כאַ, ווייזט אהער דעם שוך. אַ שוסטער ווילט זיך איהם זיין — איהר האָט דאָך גאָר מורא פֿאַר'ן שוך. פֿאַר וואָס האָט איהר מורא אַריין צו שטעקען די האַנד אין שוך אינעווייניג? אַט אַזוי טהוט מען ביי אונז!

שטעקט אַריין די האַנד אין שוך מיט אַ בעזונדער הנאה.

זילבערמאַן

אַז איהר האָט אַרויסגעריסען פֿון האַנד — וואָס לאַכט איהר?

יונה

נאָך אַ זאַך פֿערגעסט איהר; אַז זייענדיג אַ שוסטער מוז מען פֿוילען אין נאַסע קעלערען. דאַצו, פֿערשטעה איך האָט איהר ניט קיין שטאַרקען חשק... געלד צעהלען — דאַצו זיינען אייערע איי־דעלע הענטעלאַך ווי געבאָרען.

מרים

קאַקעטיש.

איך מיין, אז מיין האנד איז אביסעל איידעלער, אפילו א העלפט פון אייערע וועלען זיי ניט זיין.

זילבערמאַן

אדרבא — לאָמיר צומעסטען!

מרים

לאָמיר מעסטען!

זילבערמאַן

ווייזט אהער!

הויבט זיך אויף, געהט צו מרים'ען. זיי מעסטען זיך די הענד.

מרים

זעהט, אדרבא זעהט! יונה! איהר זעהט אביסעל? מיין האנד בע־האלט זיך אין זילבערמאנס. אפילו דער פינגער מיט'ן פינגערהוט איז א סך קירצער פון זיינע פינגער... די מענער דארפען נאָך אבי־סעל ווארטען ביז זיי וועלען זיין אזוי איידעל ווי מיר.

יונה

גרויסע פארשוינען זענט איהר אלע, פון דעסטוועגען הענגט איהר זיך מיאוסע בחורים אויפ'ן האלז. אלע מיאוסע בחורים נעהמען שעהנע כלות. אָט קוקט אויף מיר; וואָס פעהלט מיין לאה'ן? שוין גאָר ניט קיין מיאוסע, הא?

מרים

ווען איך וואָלט געווען אויף לאה'ס אָרט, וואָלט איך אפילו ניט געוואָלט קוקען אויף אייך... איך וועל מיר אויסקלייבען א חתן — קוקט חן'עוודיג אויף זילבערמאַן. שווארצע האָר וועט ער האָבען. שווארצע אויגען. ווי מילך דאָס געזיכט, עטוואָס ראָז וועלען זיין די באקען; די ליפען רויט ווי בלוט... נו, געפעהלט אייך מיין געשמאק?

זילבערמאַן

שוין איינמאָל א געשמאק!

מ ר י ם

און הענה, אייעדעלע — כ'האב גאר פערגעסען רעכענען.

י ו נ ה

ווינטער חלום'ט זיך איהר מיליאנען און זומער קריכען איהר אין קאפ שעהנע בחורים... נאר גלייכער, מירעלע, טראכטען פון קראַסאווצעס... דאס קענסטו אמאל כאפען... אבער מיליאנען — א פסיק!...

מ ר י ם

איך וועל קריגען!... איך וועל קריגען — זאג איך אייך.. און אניט— ווער וועט עס מיר הייסען חתונה האבען? ביי מיר איז די ברירה— וואס, ניט? וואס זאגט איהר, זילבערמאן?

ז י ל ב ע ר מ א ן

גערעכט, גערעכט.

געהט צו צו מרים'ען, נעהמט זי ארום.

מ ר י ם

געהט אוועק! איהר לאכט פון מיר...

ז י ל ב ע ר מ א ן

איך לאך שוין גאר ניט... כאפט זיך פאר'ן קעשענע. א סקאנדאל! איך האב ביי זיך דעם שליסעל פון שטוב און דער פאפא מיינער קען נאך אנשפרינגען... ס'פעהלט מיר מעהר ניט, ער זאל זיך נאך דער־וויסען, אז איך בין אן איינגעהער צו אייך: אז ער עפענט די מויל, פערגעסט ער שוין צו פערמאכען... איך קום גלייך צוריק.

לויפט ארויס פון שטוב.

י ו נ ה

א פיינער תכשיט! א שוסטער וויל ער זיין. ווערסט גלייך ברוגז, אז מען רעדט צו דיר וואס... גלייכער, אז איך וועל שווייגען.

מ ר י ם

רעדט זיך, רעדט זיך.

י ו נ ה

גלייכער שווייגען. וואס איז די פעולה? שטראפען יענעם און ער

הערט דיך אין טראַק.

מרים

איך ווייס דאָך שוין פאַראויס אייערע רייד. דבורה האָט מיר שוין אויך גענוג דערעסען מיט איהר מוסר זאָגען.

יונה

און אין אמת'ן, וואָס דארפסטו אונז צוהערען — מיר זייגען דאָך אַלע ווילד פרעמדע...

מרים

איך קען דאָך איהם ניט טרייבען פון שטוב, אז ער קומט אהער, ער ברענגט דאָך אייך ארבייט!...

יונה

ארבייט — איז זיך עפּעס אנדערש; און דאָס איז זיך ווידער — עפּעס אנדערש.

מרים

דבורה זאָגט מיר שטענדיג מוסר, גלייך ווי איהר וועט מען שמיי־סען אויף יענער וועלט פאַר מיין אויפפיהרונג... מען טאָר שוין גאָר ניט רעדען מיט אַ מענשען — איהר מיט לאה'ן זענט עס גאָר די צדיקים.

יונה

וואָס האָט איהר גערעדט ווינטער?

מרים

וואָס געוועזען — דאָס געשעהן! אמאָל בין איך געוועזען אַ נאר און איצטער בין איך קליגער געוואָרען... אמאָל האָב איך געמיינט, אז דער רעכטער עיקר איז אויסצושטריקען מיט אַ האַלב טוץ זאָקען מעהר. נאָר צו אזוי, צו אנדערש, ווייל איך ניט, אז מען זאָל מיר קריכען אין דער נשמה אריין.

יונה

ביזט אַ קינד — אָט האָסטו מיין וואָרט. פון וואַנען זאָלסט עס אַלצדינג וויסען? מיינסט אז מען איז אַ האַלב יאָהר אין אַ גרויסע שטאָדט ווערט מען שוין אזוי געניט... איך האָב שוין, גאָט צו

דאנקען, אויסגעדיענט פאניען... כ'האב זיך גענוג אנגעזעהען; איך האב ליעב אויף אלץ ווארפען אן אויג, כ'האב שוין, גאט צו דאנקען, א ווייב... און כ'האב זי ליעב ווי מיין לעבען — פערשטעהסט? קיין שום הינטער־דריידלעך איז דא ניט פארהאן... אויף סלוזשבע, די סאלדאטען מאכען אויך חבר־לאווער מיט מיידלעך... די מיידלעך פלעגען שוין קומען צו דער קאזארמע — אין פוילען האב איך געדיענט. וואס קומט אפ פון סאלדאט? גאר ניט! א סאלדאט — היינט איז ער דא און מארגען — פאשאל! קיין געדעכעניש פון איהם ניט געבליבען... מען דארף זיך היטען... מען דארף האבען שכל... אט וואס כ'האב דיר געוואלט זאגען...

מ ר י ם

און איהר זענט עס אזא צדיק געווען?... קיין מאל גאר מיט קיין פרייליין ניט פערבראכט?

י ו נ ה

זי און זילבערמאן — א שארפע פאר!

מ ר י ם

צי קען איך איהם ארויסטרייבען?... ריכטיג ווי איך וואלט איהם רופען.

י ו נ ה

קוקט איהר אן גלייך אין פנים.

דו האסט ניט געשפאצירט מיט איהם הינטער'ן שטאדט?... כ'וויים אלצדינג...

מ ר י ם

ער האט מיך דארט בעגעגענט.

י ו נ ה

אז מיר געהט עס גאר ניט אן... מעהר וויל איך שוין ניט רעדען.

מ ר י ם

און גוט וועט איהר טהאן. איהר און דבורה פערגעסט גאר, אז כ'בין א ווילד־פרעמדע ביי אייך אין שטוב און יעדער מינוט קען איך פון דאנען ארויסגעהן.

יונה

ווער איז שולדיג, אז דו ביזט א נאר.

זילבערמאַן רייסט זיך אַריין אין שטוב.

זילבערמאַן

אַט בין איך ווידער דאָ. בעמערקט מרים'ס צוטראָגענקייט. צו אַלדע רוחות! בין איך דורשטיג — הערט, יונה; איהר ווילט זיין א מאַלאַדיעץ — כאַפּט אריין א פּאָר פלעשלעך ביער — גוט? וועלען מיר טרינקען. וואו זיינען עס אייערע בעלי־בתים?

יונה

זיי זיינען אוועקגעגאנגען.

זילבערמאַן

איז וואָס?

יונה

איך ווילט זיך דוקא ביער — אפשר וועט איהר דאָס מאָל יוצא זיין מיט א קאלטען טרונק וואסער?

זילבערמאַן

וואָס וועט איהר דערלעגען? צוויי טריט פון דאנען.

יונה

ס'איז אביסעל מעהר ווי צוויי טריט. נאָר סיי ווי סיי קען איך ניט געהן. איך דאַרף זיך נעהמען פאר אייערע שיך — איהר האָט דאָך פיינד צו קוקען אין די צייהנער.

זילבערמאַן

אויב אַז מיר ווענדט זיך עס, קענט איהר אוועקגעהן האָטש אויף א גאנצען טאָג. איהר ווייסט דאָך, אז כ'בין א גוטער ברודער, מיט מיר דאַרף מען קיין סך ניט שמועסען, נאָט אייך קליינגעלד, זייט א בראַט און ברענגט ביער — וועט איהר אויך טרינקען.

יונה

איך טרינק ניט קיין ביער.

זילבערמאַן

אבער ניט גערעדט. נאַט אייך געלד.

יונה

וואָס פאַר אַ ביער זאָל איך קויפען?

זילבערמאַן

שווארץ־ביער: צוויי פלעשלאַך. קאַלטע זאָל זיין!

יונה

איהר וועט אָבער דאַרפען לאַנג וואַרטען.

זילבערמאַן

פאַר וואָס?

יונה

כ'וועל שוין פאַר איין וועגס אַריינשפּרינגען צו מיין פלונית'טע.

זילבערמאַן

טאָ וואָס קלעהרט איהר? ער וועט זעהן זיין טייבעלע — און איהם דאַרף מען נאָך צוצאָהלען...

יונה

אפשר וועט איהר קאָנטשען מיין אַרבייט?

געהט אַרויס.

זילבערמאַן

קומט באַלד!

מרים

געהט אַרויס אויף דער גאַס און קומט גלייך צוריק.

זילבערמאַן

אָבער אַ חכם בין איך!... ווי דער בחור האָט זיך גע'עקשן'ט! כאַ־כאַ־כאַ — אָט אַזוי פיהרט מען אַריין דעם נאַר אין זאַק... וואָס זיינט איהר אַזוי אומעדיג? איהר ווילט מיר גאַר ניט קוקען אין פּנים אַריין. זאָגט, וואָס איז אייך?

מרים

גאָר ניט.

זילבערמאַן

וואָס איז מיט אייך? זאָגט.... וואָס שווייגט איהר?

מ ר י ם

כ'האָב נאָך זונטאָג געזוכט א גוטע צייט מיט אייך עפּעס רעדען... כ'האָב זעהר א סך, וואָס מיט אייך צו רעדען... איהר מאַכט מיר אונגליקליך...

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איך?... וואָס איז מיט אייך געוואָרען פּלוצלונג? וואָס וויינט איהר, מרים?

מ ר י ם

וויינט.

אבער מעהר וויל איך ניט; כ'וויל ניט מעהר... גענוג... גענוג...

בעפרייט זיך פון איהם. בעהאלט דאָס געזיכט אין ביידע הענד.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איך הויב אייך ניט אָן צו דערקענען. וואָס רעדט איהר? איהר לאַכט אפּשר גאָר פון מיר? איהר לאַכט, מרים?

מ ר י ם

ניין, ניין... מעהר וויל איך ניט... איהר מאַכט מיר אונגליקליך. איך בין שטענדיג געווען צופריעדען און איהר...

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איהר געדענקט, מרים, וואָס איהר האָט אליין געזאָגט...

מ ר י ם

וואָס האָב איך געזאָגט? כ'האָב גאָר ניט געזאָגט. איך בין א נאַר געווען. כ'האָב גאָר ניט פערשטאַנען. איך וויל זיין אַן אָרענטליכע. כ'בין ניט ווי יענע מיידלעך... באשר איך זיץ איבער'ן מאַשין...

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

אָט, זעהט, אדרבא, איך בין יונג, פריש, געזונד... וואָס האָט איהר מיר געזאָגט? איהר האָט דאָך עס מיר אליין געזאָגט. מיר איז שוין שווער אליין, אָהן אייך... איך קוק אויף קיין שום זאַך ניט. איך קריך אהער אין קעלער אריין, צו שמעון דעם שוסטער—דאָס איז דאָך אלץ צוליעב אייך. אלץ צוליעב אייך...

מ ר י ם

אָבער איך טראַכט שטענדיג איינס : וואָס לאָז איך זיך צו צו אייך? דאָ אין שטוב רעדען זיי מיר אויך אַלע אויס, זיי זיינען געדענכט. איך בין אַן אָרימע מיידעל, אַ פּראָסטע. וואָס וועט דאַפון אַרויס־קומען ?... איהר קענט מיר ניט ליעבען... איך בין אַן עלענדע יתומה, נייז, כ׳וועל מעהר ניט... **מעהר וויל איך ניט...**

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

נעהמט זי אַרום.

איהר זענט נאָך אַ נאַרעלע... **איהר אליין האָט גאָר** קיין שכל ניט אויף אַזעלכע דבורים... נאָר **וואָס איז די שמועסען. אַז איהר** האָט אַ טעות. איהר האָט מורא, וואָס איך **בין אַ גביר׳עשער** — נו, איז וואָס ? וואָס איז מיר די רייכקייט — צו אַלדי רוחות ! זייהט איהר דאָך, אַז כ׳האָב זיך געוואָלט בעקאָנען **מיט אייך, האָב** איך אויף קיין זאַך ניט געקוקט. איהר געפעהלט מיר און גאָר ! אַט אַזוי ווי איהר זענט — מעהר וויל איך ניט וויסען. כ׳האָב אייך געפרעגט אַמאָל פון וואַנען איהר זענט ? אין דר׳ערד מיט די גאַנצע געלד !... איך פערשטעה אלץ: דאָ אין שטוב רעדען זיי אייך אָן... איהר פאָלגט זיי. וואָס, טאַטע־מאַמע אייערע זענען זיי ? און ווען אפילו זיי וואָלטען זיין טאַטע־מאַמע, פאָלגט מען זיי אויך ניט, פּונקט ווי איך פרעג אַ סך ביי מיין פּאַפּאַ... יונגע מענשען ווי מיר — וועמען דאַרפען מיר פרעגען ?... ווער האָט עס אונז אַ גרויסע דעה צו זאָגען ?...

קושט זי.

און אין אַ יאָהר אַרום וועט איהר מיר אויך ליעב האָבען ?

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

פאַר וואָס דען ניט ?

מ ר י ם

און אין דריי יאָהר אַרום.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איך פערשטעה אייך ניט, מרים; איהר פרעגט מיר אלץ אַזוינע

מאָדנע פראַגעז...

מ ר י ם

און איהר וועט מיט מיר חתונה האָבען אויך?

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

פאַר וואָס ניט? אבי איהר געפעהלט מיר נאָר... דער פאפּא וועט ניט וועלען געבען מיר קיין געלד, אין דר'ערד מיט זיי! אדרבא, איהר האָט דאָך מורא דערפאר וואָס איך בין א רייכער. נו, זעהט איהר שוין? איהר אַליין ווייסט ניט וואָס איהר רעדט, אבי געפלאַ־פעלט... וואָס וויינט איהר ווידער?

מ ר י ם

די מאַמע מיינע...

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

וואָס פאַר א מאַמע? איהר האָט דאָך געזאָגט, אז אייער מאַמע איז שוין לאַנג געשטאָרבען.

מ ר י ם

איך שרעק זיך אָבער פאַר איהר זעהר.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

וואָס הייסט?...

מ ר י ם

זי קומט מיר אַלע נאַכט צו חלום. כ'האָב עס קיינעם ניט געוואָלט דערצעהלען... שוין באַלד צעהן יאָהר נאָך איהר טויט. כ'האָב שוין באַלד פערגעסען אפילו ווי זי האָט אויסגעזעהען... זי איז געווען א נידריגע. כ'האָב זי אזוי ליעב געהאַט!... אז זי איז געשטאָרבען, האָב איך אזוי פיעל געוויינט! אפשר צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך אַלע געוויינט... ביינאַכט פלעג איך תמיד קלערען: וואָלט עפּעס גאָט מאַכען א נס, אז זי זאָל צוריק לעבעדיג ווערען... כ'האָב איהר האַטש אין חלום געוואָלט זעהען — און קיין מאָל איז זי מיר צו חלום ניט געקומען... און איצטער, זינד מיר האָבען זיך ביי־דע בעקענט, קומט זי צו מיר כמעט אַלע נאַכט...

ז י ל ב ע ר מ א ן

ווייטער אן עסק! חלומות גאר.. ווער קוקט אויף דעם?

מ ר י ם

דאס איז שוין גאר ניט קיין פוסטער חלום. כ'וועל געהן ארומוואשען דעם פנים, מען זאל ניט דערקענען, אז איך האב געוויינט.

ז י ל ב ע ר מ א ן

ייכה וועט שוין מסתמא באלד קומען.

מ ר י ם

ער וועט אזוי גיך ניט קומען. ער איז צו זיין ווייב געגאנגען — דבורה קען נאך אנגעהן. אט אדרבא איך וועל אייך דערצעהלען מיין ערשטען חלום. א קעלט געהט מיר אזש דורך דורכ'ן גאנצען לייב.

ז י ל ב ע ר מ א ן

וואס איז דאס גאנצע דערצעהלען?

מ ר י ם

אדרבא, הערט זיך איין... אין אונזער שטעדטעל דארט, הינטער'ן שטאדט געהט דורך א טייך, ניט קיין גרויסער טייך. דארט אויף דעם וועג, נעבען טייך, געהט די גאנצע שטעדטעל שפאציערען. איך פלעג דארט אויך שטענדיג שפאציערען מיט מיינע...

ז י ל ב ע ר מ א ן

בעסער דערצעהלט ניט.

מ ר י ם

פאר וועמען זאל איך דערצעהלען, אויב ניט פאר אייך?... דבורה'ן אדער לאה'ן קען איך דאך ניט דערצעהלען... דאס איז געווען נאכדעם ווי מיר האבען ביידע געשפאציערט אין וואלד... יענע נאכט האב איך גאר ניט געקאנט שלאפען, כ'האב אפילו מיט אן אויג ניט צוגעמאכט. מיט אמאל הויבט זיך מיר אן חלום'ען, אז איך שפאציר נעבען טייך, אין אונזער שטעדטעל... ארום מיר האט זיך אפילו קיין איין מענש ניט געזעהען... ס'האבען געשפאצירט אפי־

לע מענשען, נאָר באלד ווי איך בין צוגעקומען, זיינען זיי איינציג־וויַיז פערפאלען געוואָרען... איך קוק אויפ'ן טייך, נאָר עפּעס זעהט ער אויס אנדערש ווי שטענדיג... די וואסער איז אזוי שווארץ, אקוראט ווי פּעך... און אויף מיר איז אָנגעפאלען אזא אימה... כ'האָב געוואָלט אנטלויפען — נאָר איך קען ניט. כ'קען אפילו קיין פוס פון אָרט ניט ריהרען... כ'האָב געוואָלט אָנהויבען שרייען, רופען און כ'קען ניט — ווי מען וואָלט מיר שטיקען פאר'ן האלז... מיט אמאָל — די בוימער און די טשראָט וואָס נעבען טייך, האָבען אָנגעהויבען וואקסען... וואקסען... העכער... העכער... העכער — איך שטעה און קוק... די בוימער וואָס אנטקעגען מיר זיינען שוין אזוי אויסגעוואקסען, אז מען קען שוין דעם שפּיץ ניט דערזעהען... דער קווייט וואָס אויפ'ן וואסער האָט פּלוצלונג אויך גענומען וואקסען, הויבען זיך... ביסלעכווייז... פּאמעלענקע... אָט איז ער שוין ווי א קליין קינד... אָט איז ער שוין, מיט אמאָל, אי'ן גרויס פון א מענשען... כ'וויל אנטקלויפען, כ'וויל שרייען — און כ'קען ניט. ווי א צוגעשמידטע בין איך צו מיין אָרט... מאך איך צו שטארק די אויגען, איך זאָל ניט זעהן... זעה איך אבער דורך די ברעמען... מיט אמאָל — די מאמע!... פון דעם וואסער־קווייט איז זי ארויס... קוקט אויף מיר, קוקט אויף מיר... רעדט קיין וואָרט ניט... כ'האָב זי דערקענט — נאָכ'ן שווארצען פלעק, וואָס אויפ'ן זייט באַק, האָב איך זי דערקענט... ביי איהר נעבען אויער איז געווען א געבאָרענער צייכען גרויס ווי א גראָשען... זי האָט אזוי שארף געקוקט... דורך און דורך האָט זי מיר אריינגעקוקט... זי האָט געשוויגען, גאָר ניט גערעדט... אפילו מיט אן אויג ניט א פּינטעל געטהאָן... מיט א גליעד קיין ריהר ניט געטהאָן, נאָר מען האָט שוין געקענט פערשטעהן, וואָס ביי איהר אין הארצען איז... כ'האָב שוין גוט געפיהלט... זי האָט מיר געשטראָפט וואָס כ'פיהר זיך אזוי אויף... זי האָט מיר גלייך אין הארצען אריינגעקוקט... כ'האָב געשפּירט, אז זי ווייס אלצדינג וואָס ביי מיר אין הארצען טהוט זיך... כ'האָב איהר געוואָלט נעהמען בעטען: „מאמעלע... זיי

מיר מוחל... איך פיהר זיך ניט גוט אויף... מאמעלע!" מיט אמאָל דערהער איך שמעון'ס קול — וועקט מיך: מרים, מרים, שטעה אויף!

זילבערמאַן

כא־כא־כא! צו שטארבען פון געלעכטער! א פיינער חלום, גאר א פיינער... די בוימער ווערען גרעסער, גרעסער: אלץ ווערט גרעסער, גרעסער, איהר זיינט אויך מסתמא אויסגעוואקסען דאמאָלס? כ'וואלט וועלען א קוק געבען — ווי עוג מלך הבשן האט איהר גע־מוזט זיין. נארעלע! אז מען לעגט אין שלאָף אנידער די האנד אויפ'ן ברוסט, דוכט זיך אוים, אז גזלנים, וועלפע בעפאלען, ווי־לען דערשטיקען... כ'הער זיך איין „די מאמע"... וואס פאר א „מא־מע"? — טראכט איך מיר.

מרים

טא פאר וואס האב איך ניט געזעהן אין חלום גזלנים, וועלף? דוקא די מאמע איז מיר געקומען צו חלום — דאס איז עפעס ניט אומ־זיסט.

זילבערמאַן

נארישקייטען!... פרעגט מיר, וואס האט זיך מיר היינט ביי דער נאכט גע'חלום'ט? כ'געדענק גאר ניט. אין דער פריה נאך — פיו... ניטא קיין חלומות!

מרים

קושט איהם אויפ'ן שטערען.

זאגט איהר, אז פאר א חלום איז ניטא וואס מורא צו האבען?

זילבערמאַן

ער נעהמט זי אויפ'ן האנד און טראגט זי אום איבער'ן שטוב.

איהר זיינט נאך גאר א קליינע מיידעלע.

מרים

איהר האט מיך זעהר ליעב?

זילבערמאַן

וואס ווידער?

מ ר י ם

קוקט איהם גלייך אין די אויגען.

און איהר וועט מיך ניט אוועקווארפען?

ז י ל ב ע ר מ א ן

וואס מיינט איהר, איך בין א קליין אינגעלע?...

מ ר י ם

אבער, פאר וואס זאגט מען, אז א סך מאל ווערען חלומות מקוים?

ז י ל ב ע ר מ א ן

ס'האט קיינמאל ניט געטראפען.

מ ר י ם

איז ניטא, זאגט איהר, פאר וואס מורא צו האבען? די מאמע האט אזוי שרעקליך אויסגעזעהען...

ז י ל ב ע ר מ א ן

זעצט זיך מיט איהר.

גענוג... גענוג...

מ ר י ם

מיר ווילט זיך ווידער וויינען. איך ווייס ניט וואס, עפעס א שלעכטע מחשבה טאטשעט מיר דאס הארץ. שטיל א ווײלע. דו געדענקסט, בארים, דעם ערשטען אבענד? איך וועל דיר זאגען ד ו, גוט? דו ביזט דאמאלס געווען עפעס אזוי גוט... איך האב זיך פאר דיר פערשעהמט, קומענדיג אין וואלד. צו וואס בין איך געגאנגען?... איך האב די ארבייט אוועקלעגט און ניט ווילענדיג בין איך ארויס פון שטוב... איך בין געגאנגען... געגאנגען... אלץ ווי גאר ניט איך האב עס געטהאן... הערסט, ווי דאס הארץ קלאפט... טיק־טאק... טיק־טאק... בארים, ועסט ניט זיין אין כעס, אז כ'וועל דיר וואס פרעגען?

ז י ל ב ע ר מ א ן

ווייסט דאך, אז איך בין א גוטער.

מ ר י ם

שווייגט.

זילבערמאַן

נו, פאר וואָס פרעגסטו ניט?

מרים

הער ווי דאָס הארץ קלאפּט... טיק־טאַק... טיק־טאַק... טיק־טאַק...

זילבערמאַן

נו, פאר וואָס פרעגסטו ניט?

מרים

אז אייך וועט זיך מאַכען...

זילבערמאַן

וואָס וועט זיך מיר?...

מרים

דיר וועט זיך טרעפען א רייכערע, א שעהנערע פון מיר —

זילבערמאַן

וואָס דארף איך קלערען דאפון, אז דו געפעהלסט מיר.

מרים

טאָ פאר וואָס דאָ איז שטוב אלע זאָגען?

זילבערמאַן

וואָס זאָגען זיי?

מרים

איך זאָל זיך דערווייטערען פון דיר. דו ביזט א רייכער, זאָגען זיי... דו וועסט מיר נאָך אונגליקליך מאַכען...

זילבערמאַן

האָ—האָ! איצטער פערשטעה איך שוין אלץ...

מרים

נעכטען אויך, אז איך בין אוועקגעגאנגען, האָט מיר דבורה גע־מוסר'ט. יונה מאַכט חוזק. אמאָל הויב איך זיי אָן צו גלויבען... דו זיצט אויבען ביי זיך און איך ליג דאָ אין קעלער... מיר ווילט זיך זעהן מיט דיר; זאָגען דיר עפּעס; און איך קען צו דיר ניט צוקומען...

ז י ל ב ע ר מ א ן

איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אז דו זאָלסט פון דאנען ארויס.

מ ר י ם

זיי פרעגען אלע מאָל: פון וואנען האָט איהר עס, מרים, קליינ־געלד?...

ז י ל ב ע ר מ א ן

איין מאָל פאר אלע מאָל — היינט מאך איך א סוף. נעהמט ארויס פון קעשענע גאָלדענע מטבעות. נא דיר נאָך געלד, און נאָך היינט וועסטו פון דאנען ארויס...

מ ר י ם

וואָס וועל איך זיי ענטפערען, אז זיי וועלען מיר פרעגען: נאָך וואָס געהסטו פון דאנען ארויס?

ז י ל ב ע ר מ א ן

וואָס פאר א פראווע האָבען זיי עס דיר צו פרעגען? וואוהין דו געהסט? וואָס זיינען זיי דיר?!...

מ ר י ם

דבורה איז א טייערע אידענע... כ'האָב עפּעס דרך־ארץ פאר איהר...

ז י ל ב ע ר מ א ן

אָבער דאָך א פרעמדע.

מ ר י ם

היינט ביי־נאכט וועט זי מיט מיר אויך רעדען... זי וועט זיך נאָר דערוויסען, אז דו ביזט היינט דאָ געזעסען.

ז י ל ב ע ר מ א ן

אויב אזוי — געה איך מעהר ניט צו דיר!... נעהם די געלד. וועסטו האָבען גענוג אויף דער ערשטער צייט... אוים זאָקען! איך בעדאַרף ניט, אז דו זאָלסט זיך פערדרעהען מיט די זאָקען שטריקען.

מ ר י ם

*נעהמט פאַרזיכטיג דאָס געלד.*

אזוי פיעל געלד — צו וואָס דאַרף איך עס?

ז י ל ב ע ר מ א ן

אויף אַלע הוצאות... אַלץ אויף מיין רעכענונג!

מ ר י ם

קושט איהם.

ווי גוט דו ביזט!... מיר דוכט, אז מען געהט... זעץ זיך דו צוריק אויף דיין אָרט... מאַך זיך, אז דו נעהסט! מיר דוכט, אז דבורה געהט.

ז י ל ב ע ר מ א ן

קיינער געהט ניט.

מ ר י ם

פונדעסטוועגען דאַרף מען עפּעס געפינען א תירוץ, פאַר וואָס איך געה פון דאנען ארויס.

ז י ל ב ע ר מ א ן

קיין שום תירוץ בעדאַרף מען ניט. אומזיסט זיך דערשראָקען. קום צו מיר, קליינער נאַרעלע... גיב מיר נאָך איין קוש.

מ ר י ם

לאַכט קינדעריש.

גענוג, גענוג. איך וויל ניט, אז זיי זאָלען וויסען... איך פיהל, אז דו ביזט גערעכט. ס'איז ניט זייער דאגה; זיי דאַרפען מיר קיין דעות ניט זאָגען... נאָר מיין נאַטור איז שוין אזוי... איך קען עפּעס ניט...

זינגט:

ע—ל—ענד בין איך ווי א שטיין,
גע—לאַ—זען האָט מען מיך א—ליין...

ז י ל ב ע ר מ א ן

אויב דו האָסט מורא געהן צו מיר, וועל איך שוין אַליין מטריח זיין מיין עלטער. געהט צו איהר, קושט זי. שטענדיג זינגסטו דאָס ליעד־דעל — וואו האָסטו עס געכאַפּט?

מ ר י ם

כ'האָב עס געהערט. אבער געה זעץ זיך צוריק אויף דיין אָרט—

ראָס זינגט עס א בלינדע אָרעם־מענש, ס׳כאפּט פּראָסט פאַר׳ן הארצען... איך בין דאָך אויך אַן עלענדע יתומה.

זילבערמאַן

קוקט אין פענסטער.

ויי גנעהען שוין! לאָמיר, מירעלע, שנעלער אָברעדען: היינט וועסטו פון דאַנען ארויס... א בעזונדערען צימער נעהם... זשאַלעווע ניט קיין געלד... אויף מיין רעכענונג...

מרים

וועסט זיין היינט אין וואלד... כ׳האָב נאָך וואָס מיט דיר צו רעדען... כ׳האָב פערגעסען — וועסט זיין?

זילבערמאַן

איך וועל זיין.

שטעכט מיט׳ן נאָחל אַ שטיקעל לעדער. ס׳הערט זיך רעדען אונטער׳ן טיר. דבורה און יונה קומען אריין.

יונה

שטעלט אויפ׳ן טיש די פלעשער ביער.

מיר איז גוט צו שיקען נאָך דעם מלאך המות. מיין ווייבעל איז שולדיג וואָס כ׳האָב זיך אזוי לאנג געזאמט.

זילבערמאַן

און איך האָב זיך דערווייל אויסגעלערנט שוסטעריי... די פריילין האָט מיר דערצעהלט איהרע חלומות.

דבורה

מירעלע, דערלאנג א גלאָז.

זילבערמאַן

עטליכע גלעזער; אלע וועלען טרינקען!

דבורה

דאנק. איך טרינק גאָר קיין ביער ניט.

מרים

איך פערשטעה ניט, ווי קען מען גאָר טרינקען ביער... ס׳איז דאָך ביטער, ווי טשעמעריצע.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

מיט די ווייבער וויל איך גאָר ניט רעדען... טרינקט, יונה. נו, יונה!

י ו נ ה

ביער איז גוט צו טרינקען נאָך א פעטען מיטאָג... נאָך קאַרטאָפעל איז געזינדער א פרישער טרונק וואסער.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איהר זענט דאָך געוועזן א סאָלדאַט!

ד ב ו ר ה

צו יונה'ן.

טרינק, טרינק!

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

מיט איהם וועל איך קיין גרויסע קונציען ניט מאַכען — כ'וועל איהם אונטער'ן קאָלנער ארייננפליוכען...

י ו נ ה

גוטע ביער. אז כ'בין געוועזן ביי פּאַניען, פלעג איך אָפטער טרינקען ביער.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

און ווייטער?

י ו נ ה

מעהר וויל איך ניט.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

איך וויל אויך ניט מעהר. איהר וועט בעהאַלטען די אנדערע פלע־שעל — נו, מאָרגען וועל איך האָבען מיינע שיך?

י ו נ ה

פע, האַלט איהר דאָך ניט קיין וואָרט.

ז י ל ב ע ר מ אַ ן

נו, וועל איך וואַרטען ביז איבערמאָרגען. אדיע!...

ד ב ו ר ה

וואָס וועט זיין מיט דעם ביער?

זילבערמאן.

איהר וועט אויסטרינקען. אדיע!

גערט ארויס.

יונה

נעהמט זיך פאר דער ארבייט.

זעהסט, מירעלע, אז איך בין א גוטער מענש...

מרים

מיט וואס?

יונה

וואס איך בין אוועקגעגאנגען.

מרים

וואס פאר א טובה האט איהר עס מיר מיט דעם געטהאן?

יונה

א שאד, שוויגער, וואס מרים איז ניט אייער טאכטער...

דבורה

ווארום וואס?

מרים

ער האט שוין אנגעהויבען דרשן'ען.

יונה

וואלט איהר האבען א שעהנעם און א רייכען איידעם...

מרים

טפו! !...

דבורה

יונה, הער אויף.

יונה

וואס ביזטו אין כעס, קעצעלע? איך קען טהאן א טובה. בעצאהל מיר נאר גוטע שדכנות געלד — איז זילבערמאן דיינער. איהר זעהט, שוויגער, ס'טהוט איהר הנאה...

מרים

שווייגט.

יונה

וואס, דו ווײנסט וואס ער איז אוועקגעגאנגען?

דבורה

יונה, איך בעט דיר, הער אויף צו קאמאנדעווען... כ'וועל אוועק שטעלען די ביער אונטער די טרעפ, וועט זײן קאלט.

געהט ארויס.

יונה

וויצעלט זיך.

ווײן ניט; יונה קען אלץ. איך זאג דיר צו, אז איך וועל איהם פאקען פאר דיר.

מרים

הויבט אן ווײנען.

וואס ווילט איהר האבען פון מיר?... ווער זײנט איהר מיר?... איך קען אייך ניט.

יונה

שא—שא—שא....

מרים

איך בין אייך ניט קײן קלײן קינד; איהר האט זיך ניט וואס צו וויצלען איבער מיר. איך בעצאהל פאר דירה געלד... איהר קענט זיך וויצלען וויפיעל איהר ווילט, אבער אויף מיר האט איהר קײן פראווע ניט...

דבורה

אײלט זיך אין שטוב אריין.

וואס איז?... וואס איז?! וואס איז דא געווען? פאר וואס ווײנט זי?... דו, יונה, ווייסט שוין גאר ניט, כ'לעבען, וואס דו טהוסט... ער רעדט און זי ווײנט ווי א קלײן קינד. געזעהן אן ארבייט!

יונה

איך מאך גאר קײן שפאס ניט. איך וויל פראסט פערדינען

שדכנות־געלד. האסט דאך מיר אליין געזאגט, מירעלע, אז דו וואלסט מיט איהם חתונה געהאט...

ד ב ו ר ה

אבער וואס איז עס דיין דאגה? וואס מישסטו זיך אין פרעמדע עסקים?... זאל זיך יעדערער טהאן ווי ער פערשטעהט... איך האב גערעדט א פאר מאל... געזעהן, אז זי הערט ניט — שווייג איך...

מ ר י ם

בעסער וואלט איהר גאר ניט געוועזן אנהויבען.

ד ב ו ר ה

דו רעדסט דאך גאר ווי א קינד. דו מיינסט, אז איך האלט דיר פאר א פרעמדען אין שטוב... גלויב מיר, אז ביי מיר איז אלץ איינס — מיט'ן רובעל וואס איך נעהם ביי דיר און אהן דעם רובעל... יעדער מענש דארף האבען א מדריך...

מ ר י ם

און איך דארף קיין מדריך ניט האבען.

י ו נ ה

לאכט.

איהר, שווינגער, זאלט געזונד זיין — איהר האט גאר א טעות. איהר האלט זי נאך פאר א פיצעל מיידעלע, און זי וויל שוין א חתן נאך פון פאר פינף יאהרען. נאר איך האב ליעב צו טהאן א טובה... כ'וועל פאר איהר אויסזוכען א רעכטס...

קושט די שפיצען פינגער.

ד ב ו ר ה

לאכט.

איך האב דאך דיר געבעטען, דו זאלסט אויפהערען...

מ ר י ם

שמיצט אוועק די הע‏מד, וואס זי האט פעררי‏כט, און טחוט אן א טיכעל אויפ'ן קאפ.

יונה

זעהט, זי אַנטלויפט! קום וועל איך דיך דורכלאָזען דורך א נאָ־ העכטערע וועג — קום דורכ'ן פענסטער...

דבורה

וואוהין לויפסטו, מרים?

יונה

קום, וועל איך דיר בענשען פאר'ן אוועקגאַנג.

דבורה

יונה, כ'בעט דיר, זאָלסט שווייגען!... צו מרים'ען, נעהמט זי פאר'ן ארבעל. זאָג, וואוהין לויפסטו מיט פערוויינטע אויגען, הא?

יונה

איינ'מסר'ן פאר זילבערמאַנען מסתמא.

מרים

לאָזט מיך! לאָזט מיך! לאָזט מיר אַנטלויפען פון אייער פינס־ טערען קעלער... מיר איז דערשטיקט צו ווערען ביי אייך... איך וויל נאָך לעבען און איהר לאָזט מיר ניט... איהר זיינט מיר ווילד פרעמדע... כ'קען אייך ניט...

געהט שנעל ארויס. דבורה און יונה קוקען זי פערוואונדערט נאָך.

יונה

הא—הא!... לעבען ווילט זיך איהר... לעבען... ווי אזוי אבער?... מיט וואָס?...

## דריטער אקט.

ביי שמעון'ען אין דירה. אסתר־תענית ביי נאכט. שמעון און יונה זיצען ביים טיש און געגענאיבער זיצט לאה און האלט א קליין קינד אויפ'ן האנד. דער עולם קיוט מיט עפעס א מידקייט. דבורה גרייט צו א הערינג. ביים אויווען, אויפ'ן באנק, זיצען צוויי קינדער צוגע־טוליעט איינס צום אנדערען און דרעמלען.

דבורה

קענסט דאך איהם אוועקלעגען. וואס איז דאס האלטען רק אויפ'ן האנד? ער האט אהן עין הרע געטרונקען.

יונה

כ'פערשטעה אין גאנצען ניט; וואס איז געוועזן דאס פאסטען? אז מען זויגט א קליין קינד פאסט מען ניט.

דבורה

מיר טהוט אויך באנק וואס איך האב געפאסט — ס'פעהלט ב"ה ניט קיין תעניתים א גאנץ יאהר...

שמעון

מיר טשעפעט א תענית גאר ניט. א גרויסע זאך איבערצוקומען א ווינטערדיגען טאג אונגעגעסען.

לאה

וואלסט נאר, טאטע, פרואווען איין מאל זויגען א קינד; וואלסט וויסען ווי עס שמעקט... ס'ווערט אין הארצען פוסט נאר צום חלש'ן.

יונה

די חכמה רעדט נאך! זי מיינט אז דער רבונו של עולם קוקט

זעהר א סך אויף איהר מיט די תעניתים.

ד ב ו ר ה

דערלאַנגט אַ הערינג צום טיש.

אז ס'איז קיין מזל ניטאָ, איז אלץ פערפאַלען... איידער צו גע־בערען אין א בייזער דאַליע, איז שוין גלייכער גאָר ניט.

ש מ ע ו ן

ס'איז דאָך עעפּס ערב פּורים אויף דער נאכט און זיי האָבען אָנ־געהויבען פּלאַפּלען ניט ווייסענדיג וואָס און ווען.

ד ב ו ר ה

וואָס זשע ווילסטו?

ל א ה

מאמעלע, גיב מיר די ציקאָריע — כ'קען זיך ניט אויפהויבען. ער איז מיר אנשלאָפען געוואָרען אויפ'ן האנד.

ד ב ו ר ה

פריהער עס און דערנאָך וועסטו פערטרינקען. הערט, קינדער־לעך, אפשר זאָל איך גאָר ניט באקען קיין חלות? מען וועט קוי־פען פארטיג. ערשטענס, האָב איך פּראָסט קיין כח ניט מיט דעם זיך צו פערנעהמען, און צווייטענס.... ס'איז א שאָד דאָס האָלץ...

ש מ ע ו ן

אַ ווינטער א ביסעל! נו, נו, אויף איין טאָג זאָל עס פאַלען דער פראָסט... פאר־אַ־יאָהרען, געדענק איך, איז קיין סימן שנע ניט געוועזען אין דער צייט. פאר־אַ־יאָהרען אין דער צייט איז שוין גע־לעגען א פּאָר גראָשען אויף פסח הוצאות...

ד ב ו ר ה

דו פערגעסט נאָך, אז פאר־אַ־יאָהרען ווינטער האָט מען צו דער חופה געפיהרט די חברה־לייט.

י ו נ ה

שטארק כדאַי געוועזען...

ד ב ו ר ה

האָסט דאָך אליין געוואָלט; אפילו ביז פּורים איז דאָך דיר שווער

געוועז צו וואַרטעז.

ל א ה

וואָס איז דאָס כאַפּעניש געוועז ווייס איך ניט. ממש — די הויט האָט געברענט אויף איהם. וואָס וואָלט מיך געאַרט איך זאָל נאָך געוועז זיין א מיידעל?

י ו נ ה

איך האָב מורא געהאַט זאָלסט קיין חרטה ניט האָבעז. וואָלסט געפונעז א שעהנערעז בחור פון מיר, און מיר וואָלסטו געוויזעז די טיר...

ל א ה

ער איז גאָר קיין נאַר ניט, ער פערשטעהט כ'לעבעז.

י ו נ ה

אודאי.

ל א ה

בחורים, גרעסערע בריות פון דיר, האָבעז זיך געהאַנגעז אויף מיר און איך...

י ו נ ה

טאַ פאַר וואָס האָסטו טאַקי מיט זיי ניט חתונה געהאַט?

ל א ה

ווייל כ'ביז געוועז פערליעבט אין דיר; ווען דו וואָלסט מיך ניט גענומעז, וואָלט איך אפשר געשטאָרבען פאַר הארץ קלעמעניש.

י ו נ ה

זי לאַכט און איך וועל אייך תיכף דערצעהלעז, וואָס זי האָט מיר אמאָל געזאָגט פאַר דער חתונה, זייענדיג אליין אין שטוב.

ל א ה

ווען, זאָג, ווען?

י ו נ ה

יעמאָלט ווען משה איז פון דאַנעז ארויס.

ל א ה

ניין; איך געדענק גאר ניט. קיין נאר בין איך קיין מאל ניט געוועזן.

י ו נ ה

אויב אזוי, וועל איך דיר באלד דערמאנען — הערט אלע.

ל א ה

נו, נו — שוויג דארט. טאטע פערמאך איהם נאר דארט דאס מויל...

ש מ ע ו ן

ס'קריכען מיר גאר ניט אין קאפ אייערע נארישקייטען...

ד ב ו ר ה

איהר האט זיך ניט וואס צו שעהמעןביידע; איהר זיינט ביידע געננוג משוגע געוועזן...

ל א ה

ער האט מיר גענארט.

י ו נ ה

איצטער מוז איך שוין אלץ דערצעהלען...

ל א ה

דו ביזט גערעכט, דו ביזט גערעכט... שוויג, שוויג...

ד ב ו ר ה

וואס פעהלט דיר נאך, אז גאט האט דיר געבענשט מיט אזא זוהן אן אוצר.

ל א ה

כ'קען יונה'ן מוחל זיין די מתנה... בויך־וועהטאג פריהער, און שפעטער קאפוועהטאג.

ש מ ע ו ן

אינ'ם קינדס מזל וועט גאט העלפען.

ל א ה

פש... דו ביזט זעהר גליקליך אין דיינע קינדערס מזל...

ד ב ו ר ה

וואָס מיינסטו, מיין קינד, ס'זיינען צוגעקומען קינדער, מעהר גע־וואַרען מיילער, פון דעסטוועגען זיינען מיר פאר הונגער נייט גע־שטאָרבען.

י ו נ ה

ביי איך איז דער עיקר, אז מען שטארבט ניט פאר הונגער. אוי־סער קארטאָפעל איז דאָך נאָך עפּעס פארהאַן אויף דער ליכטיגער וועלט.

ש מ ע ו ן

וואָס, למשל?

י ו נ ה

איך זאָל אייך אויסרעכענען?

ש מ ע ו ן

אזוינע זאַכען וואָס ס'איז גאָר צו זיי קיין שיעור ניטאָ מיינסטו? צו ו ו ע ל ע ן איז גאָר קיין גרונד ניטאָ.

ל א ה

ביים טאַטען איז אַן איבעריגע זאַך, אז עס זאָל זיין שטענדיג עסען צו זאַט און מיט וואָס דעם אויוועז אויסצוהייצען.

י ו נ ה

דעם שווער האָט גאָט געבענשט מיט א גוטען מאָגען און ער האָט ניט מורא פאר קיין קעלט — וואָס דארף ער נאָך מעהר?...

ל א ה

טראָגט דאָס קינד אין וויעג.

וואָלט ער כאָטש שלאָפען היינטיגע נאכט, מיין טייערער אוצר! ווי א בעבעלע איז איינגעשלאָפען... כ'האָב קיינמאָל ניט געטראַכט אז איך זאָל אזוי ליעב האָבען מיינ'ם א קינד.

ד ב ו ר ה

איהר וועט גאָר ניט טרעפען ווענען איך האָב היינט בעגעגענט... פון זינען איז מיר אַרויס און כ'האָב ניט דערצעהלט.

ל א ה

ווען?

י ו נ ה

מרים'ען אודאי?

ד ב ו ר ה

אַלע, וואָס ווינשען מיר בייז, זאָלען זיין אין איהר מצב.

ש מ ע ו ן

וואָס איז געוואָרען מיט דער מרשעת?

ל א ה

פאר וואָס רופסטו עס איהר, מרשעת?

ש מ ע ו ן

ווייל זי איז עס ווערט; אז אן אָרענטליכע נעהמט און מאכט פון זיך בלאָטע...

ל א ה

דו האָסט איהר ניט געפרעגט, וואָס זי טהוט? וואָס מאכט זי? פאר וואָס קומט זי ניט אהער?

י ו נ ה

ער האָט דאָך איהר אוועקגעוואָרפען נאָך מיט א האלב יאָהר צוריק; וואָס טהוט זי איצטער?

ד ב ו ר ה

כ'האָב מיט איהר ניט גערעדט קיין סך. ווי עס ווייזט אויס, מוז נאָך מאכען זאָקען. איהר וואָלט עס א קוק טהאָן אויף איהר. דאָס פנים געל און גרין.

ל א ה

ווי שעהן און פריש זי איז עס געווען!

ש מ ע ו ן

זעה, ווי מען נעהמט זיך עס צום הארצען... ווער איז איהר שולדיג, דער בעסטיע? ווי זי האָט זיך פערדיענט, אזוי האָט זי... קנאפ האָט מען אין איהר אריינגערעדט.

דבורה

זי האָט גאָר ניט געקענט רעדען מיט מיר. זי האָט גלייך אָנגעהויבען וויינען... געהט פערוויקעלט אין א פאַטשיילע...

לאה

פאר וואָס איז זי די גאַנצע צייט ניט געקומען?

דבורה

זי איז מיר שיער אויפ׳ן האלז ניט ארויפגעפאַלען, ווי כ׳בין דערגאַנגען פון איהרע רייד... פון איהר פנים... ווי ס׳ווייזט אויס, איז זי שוין...

שמעון

טפוי!...

לאה

וואָס רעדסטו, מאמע? דו ווייסט עס געוויס?... ווי אונגליקליך דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט... ווי קען זי גאָר ארבייטען אין אזאַ לאַגע?

דבורה

ב׳וויים עפּעס ניט פאר וואָס די מיידעל איז מיר געבליבען איינגעבאַקען אין הארצען... מיט מיין גאַנצען לעבען האָב איך געוואָלט, זי זאָל בלייבען ביי מיר אין שטוב. דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז מיט איהר וועט עפּעס טרעפען אַן אונגליק. געזונד פלעגט מיר קאָסטען, זעהענדיג ווי ביז האַלבע נאכט זיצט זי איינגעבויגען איבער׳ן מאַשין.

לאה

איהר געדענקט, ווען זי איז אַנגעקומען צו אונז?

יונה

איך האָב עס געוואוסט פאַראויס — א סך האָב איך אזוינע מעשות געזעהען. פאר איהר שעהמען זיך און פאר איהר חן׳עוודיג פּנים׳ל האָב איך זיך שטאַרק געשראָקען...

לאה

ווי אזוי האָסטו עס פאַראויס געוואוסט?

יונה

איך האָב עס געוואוסט פאַראויס — אַ סך האָב איך אזוינע מעשות. געזעהן — איהר ווייסט גאָר ניט, וואָס אַ גרויסע שטאָדט איז... איהר בייצוקומען דארף מען געבאָרען ווערען אין עזות פנים, אַ שייגעץ מחוצף... אָ, אָ, כ'האָב געזעהען וואָס עס ווערט פון אזוינע מיידלאך ווען זיי הויבען אָן ווערען פאַר זיך בעלי הבית'טעס.

לאה

וואָס זשע האָט זי געקענט טהאָן אנדערש אויב זי איז געבליבען אַ יתומה אָהן טאַטע־מאַמע?

יונה

ווערען אַ דיענסטמיידעל אין איהר קליין שטעדטעל.

דבורה

אז די מאַמע איז איהר געשטאָרבען, האָט זי געדאַרפט נעהמען אַ שטריק און אויפהענגען זיך.

יונה

דאָס איז אַ רציחה אין דער וועלט!...

דבורה

מיר האָבען איהם געדאַרפט אליין ארויסטרייבען פון שטוב... וויפיעל מאָל מען האָט עס אריינגערעדט אין איהר!

יונה

וויפיעל מאָל האָב איך אליין מיט איהר גערעדט! איהר ווייסט, אז איין מאָל האָב איך שוין געוואָלט נעהמען אַ שטעקען און ארויסטרייבען איהם פון שטוב... פאַר וואָס האָב איך איהם ניט צושפּאָלטען דעם שאַרבען זיינעם?... איך האָב אייך ניט דערצעהלט. דער פאָדליעץ האָט זיך צו מיר געווענדעט, נאָך פאַר אונזער חתונה, אז איך זאָל איהם בעהילפיג זיין אריינצוקריגען מרים'ען...

שמעון

ווער איז זי אייערע? ווער זענט איהר און ווער איז זי? בפרט נאָך איצטער... זי האָט אָבגעוואוינט דאָ, בעצאָהלט און אוועק — איך

קען זי גאָר ניט. ווי זי האָט זיך אויסגעבעט, אזוי וועט זי שלאָ־
פען !...

ל א ה

כ'ווייס שוין לאנג, אז דיר, טאַטע, קריכען ניט אין קאָפּ אַזעלכע
זאכען.

ש מ ע ו ן

אז איך וויל גאָר ניט ריידען פון דער חצופה.

ל א ה

זי איז א חצופה, אויב ס'איז געקומען אן אויסוואורף און האָט
איהר אונגליקליך געמאכט ?

ש מ ע ו ן

ווער האָט איהר געהייסען איהם פאָלגען ?

ד ב ו ר ה

טאָכטערקע, הער אויף צו רעדען מיט איהם.

י ו נ ה

אז מרים וועט האָבען א אינגעל, וועט מען אייך, שווער, מכבד
זיין מיט סנדק.

ש מ ע ו ן

טפוי !

געהט צום אויוועז.

ל א ה

זי האָט געמיינט, אז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען.

י ו נ ה

מעגסט זיין זיכער, אז ער האָט זי שוין לאנג אין דער פיאטע
אויך ניט...

ד ב ו ר ה

געהט צום טיש, כ'האָב נאָך עפּעס א געריכט פאר אייך... איהר
האָט גאָר פערגעסען.

ש מ ע ו ן

וואָס פאר א געריכט ?

ד ב ו ר ה

הירזש געדיכטע. דערלאַנגען באַלד, אָדער בעסער לאָזען אויף שפּעטער?

י ו נ ה

פון מיינעטוועגען קען שוין גאָר זיין גענוג.

ל א ה

איך וויל אויך מעהר ניט עסען.

שטיל. דבורה לעגט אויס געדיכטע הירזש אויף אַ פלאַכען טעלער, בעשיט עס מיט מעל־צוקער און טראָגט צום טיש.

ד ב ו ר ה

נו, קינדער, געהט צום טיש. געהט עסען. איהר האָט דאָך גע־פאַסט דעם גאַנצען טאָג. יונה, לאה, וואָס איז מיט אייך?

ש מ ע ו ן

זיפצט זיך אָב.

מהום—הום—הום...

י ו נ ה

שטעלט אריין זיין לעפעל אין די הירזש.

כ'בין אַ פּראָסטער מענש, אַן עם הארץ, אַ פּראָסטער שוסטער... גע־דיענט פּאַניען און דאַרטען אויך מעהר ווי דעם מוזשיק ניט גע־זעהן... פון דעסטוועגען אַזוינע זאַכען כאַפּען מיר פאַר'ן הארצען... ווען מען לאָזט מיר — מיט אַ מעסער אין הארצען וואָלט איך איהם געגעבען! ס'איז ניט געהערט געוואָרען אין דער האַלבער וועלט... עס קומט אַן אָרימע, עלענדע יתומה, אָהן טאַטע־מאַמע— געקומען פּעררדיענען אַ שטיקעל ברויט — רייסט זיך אויס פון דער בלאָטע עפּעס אַ טייוועל און לעגט איהר אין דער ערד אריין...

ש מ ע ו ן, ד ב ו ר ה און ל א ה קייען אָהן חשק.

ד ב ו ר ה

און ווען מען זאָל פאַר אַזאַ זאַך אַנגעבען אין סוד?

י ו נ ה

איז וואָס — וועט זי צוריק ווערען אַ מיידעל?

ס׳הערט זיך פלוצלונג אַ געשריי אויף די טרעפּ. אַלע ווערען אי־בעו־ראַשט, וואַרפען די לעפּעל און קוקען צום טיר אַנגעשטרענגט.

ל א ה

וואָס איז עס? וועמעס קול?

ד ב ו ר ה

אויף די אויבערשטע טרעפּ.

ל א ה

עפּעס שלאָגט מען זיך!

עס הערט זיך ווידער אַ פרויען געשריי.

י ו נ ה

איך געה ארויס זעהן.

ל א ה

געה ג׳ט. שטעה.

ש מ ע ו ן

זיי ־אַ — דאָס איז פון די אויבערשטע טרעפּ.

דער קול ווערט נעהנטער. ס׳הערט זיך אַ קרעכצען.

ל א ה

דאָס איז איהר קול!.. מרים איז עס. מען שלאָגט זי ביים בעל־הבית אויף די טרעפּ!

י ו נ ה

איך געה ארויס.

די שטימע הינטער׳ן טיר: „ראַטעוועט!.. עפענט!...

ד ב ו ר ה

דאָס איז זי!

עפענט די טיר.

מ ר י ם

פאַלט אַריין אין שטוב. דאָס געזיכט פלאַמט. פון די אויגען איהרע פליסען טרערען, אויסגעוויקעלט אין אַ שווארצע דיקע טוך. וואַרפט זיך דבורה׳ן אויפ׳ן האַלז.

דבורה׳לע, הארץ, קרוין! ראַטעוועט מיך, ראַטעוועט מיך!

ל א ה

וואָס איז געשעהן, מרים? זאָגט, וואָס איז געשעהן?

ד ב ו ר ה

אָבער זאָג, מרים, קינד מיינס, וואָס איז געשעהן?

י ו נ ה

וואָס האָט איהר זיך אָבגעשטעלט נעבען טיר?.... ווער האָט אייך געשלאָגען?

די קינדער ביים אויווען כאַפּען זיך אויף און קוקען פערוואונדערט.

מ ר י ם

ראַטעוועט מיך... מען האָט מיר געשלאָגען, שיער צום טויט ניט געשלאָגען...

ד ב ו ר ה

זיץ דאָ, מיין קינד, ווער האָט דיר געטהאָן, רבונו של עולם!

מ ר י ם

האַלט פעסט דבורה'ן.

לאָזט מיר ניט אָב, מיין טייערע!

י ו נ ה

ווער האָט אייך געשלאָגען, מרים? זאָגט — זילבערמאַן? הא? ווער, זילבערמאַן? וואו איז מיין שטעקען?!... כ'וועל באַלד איהם צושפּאַלטען אויף צוויי זיין שאַרבען!

ל א ה

איך בעט דיר, יונה, זאָלסט ניט געהן... מען וועט דיר נאָך אַרעסטירען...

י ו נ ה

איין מאָל פאַר אַלע מאָל — איך וועל זיך מיט איהם אָברעכענען, לאָז!...

מ ר י ם

בעט מיט אַ שוואַכע שטימע.

יונה... כ'בעט אייך... יונה, געהט ניט...

ד ב ו ר ה

אבער ווער האָט דיך געשלאָגען?

ש מ ע ו ן

צו יונה׳ן.

געה ניט! וועסט נאָך אריינפאלען אין טורמע.

מ ר י ם

פון די טרעפּ האָבען זיי מיך אראָבגעוואָרפען...

י ו נ ה

ווער האָט געוואָרפען? זאָגט, מרים! ווער האָט געוואָרפען — כ׳מוז דעם שארבען שפּאַלטען! דער ממזר האָט אייך געוואָר־פען?...

מ ר י ם

געוואלד, איך געה אוים! דבורה׳לע, שענקט מיר... שענקט מיר... אוי, עס צוברעכט מיר אויף צווייען...

ש מ ע ו ן

זאָל מען אפשר דעם פעלדשער רופען?

ל א ה

פיהרט יונה׳ן צום טיש.

אַט דאָ זאָלסטו מיר זיצען... דיר גלוסט זיך נאָך אָנמאַכען א צרה...

מ ר י ם

לאָזט זיך אראָב אויף דר׳ערד.

ראטעוועט מיר...

ד ב ו ר ה

זי געהט צו קינד, וואָס זאָל איך טהאָן?!

מ ר י ם

איך געה אוים... דבורה, ראטעוועט מיר...

ד ב ו ר ה

לאה׳לע, געה בעט אוים דיין בעט... אין דיין בעט...

ש מ ע ו ן

געהט ארויס פון שטוב.

ל א ה

לויפט צו זיך אין חדר׳ל.

ד ב ו ר ה

יונה, קום, זאָלען מיר איהר אוועקלעגען אין בעט...

י ו נ ה געהט צו, זיי פיהרען זיי אין צימער אריין.

מ ר י ם

לאָזט מיר שטארבען! געוואלד, לאָזט מיר שטארבען... מאמעלע מיינע!

ל א ה

שוין פארטיג... איך וועל אַנקלאַפּען אין וואנד צו דוואָשען. לויפט צו צו אַ וואַנד און קלאפט מיט אַ האָלץ און רופט:

דוואָשע! דוואָשע!

מ ר י ם

איהר קול הערט זיך איבער׳ן ווענטיל.

לעגט מיך לעבעדיגערהייד אין קבר אריין... געוואלד, בעגראָבט מיר... רופט איהר ניט!

ד ב ו ר ה

איהר קול פון צימער׳ל.

זיי רוהיג... זיי רוהיג... גוט, וואָס דו ביזט אהער געקומען... מיר וועלען דיך ניט לאָזען פאלען... מיר וועלען דיר ניט לאָזען קיין בייז טהאָן...

י ו נ ה

קלאפט אין וואנד און שרייט.

דוואָשע! דוואָשע!

מ ר י ם

רופט ניט דוואָשען... האָט רחמנות! מאמעלע מיינע!... טייערע מאמעלע!... גיט מיר סם... מאכט מיר דעם טויט...

ד ב ו ר ה

קינד מיינס, הער אויף... בערוהיג זיך... אלץ וועט פערביי געהן... בערוהיג זיך... דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט... ווער האָט עס גע־וואוסט, אז אזא בייזער סוף זאָל אויסגעהן...

מ ר י ם

כ'האָב דיר ניט געפאָלגט, טייערע מאמע, צו חלום ביזטו מיר גע־קומען... כ'האָב דיר ניט געפאָלגט...

ל א ה

וואָס ווייסטו אזוי... ביי אונז ביזטו דאָך...

מ ר י ם

אזוי אומגליקליך... אזוי אומגליקליך...

ד ב ו ר ה

מיט א פאַמוניצע האָב איך איהם בעדאַרפט אָבגיסען... מיט זודיגע וואסער האָב איך איהם געדאַרפט אָבקאָכען...

ס'לאָזט זיך הערען דוואָשע'ס גראָב קול הינטער דער טיהר.

ד ו ו אָ ש ע

קומט אריין. א דיקע אידענע אין די זעכציגער. דאָס געזיכט פער־וויקעלט אין א פאטשיילע, נאָר די נאָז זעהט זיך אַרויס. קושט די מזוזה.

וועה צו דער מאמען דאָרט אין קבר... שמעון האָט מיר שוין די גדולה אָנגעזאָגט.

ל א ה

דוואָשע קרוין, איצטער הערט אויף, איך בעט אייך... הערט אויף..

פון צימער טראָגען זיך היסטערישע קרעכצען.

ד ו ו אָ ש ע

דער טייוועל וועט עס ניט נעהמען. כשר'ע ווייבער וועלען די כפרה געהן ביים געווינען פאר איהרע גוטע מעשים; אָבער דאָס... דאָס זיינען דאָך צייג... היינט וואַרפט עס אָפּ און מאָרגען...

ל א ה

דוואָשע, איך בעט אייך...

דוואָשע

שטעלט זיך אין טיר פון צימער מיט אַ בייזע איראָניע.

נו, מירעלע, עס טהוט וועה די בויך, אַ?.. דער רוקען איז נאָך גאַנץ?... צו לאה'ן. וואסער דאַרף מען צושטעלען...

לאה

גלעט דוואָשע'ן.

אפשר זענט איהר גערעכט... נאָר דאָס מאָל...

דוואָשע

וואָס דאָס מאָל?! דעם טויט דאַרף מען זיי מאַכען אינאיינעם מיט זייערע ממזרים! אסור לרחם אויף דעם... ס'איז אין דער האַלבער וועלט ניט געהערט געוואָרען... אַ חצופה, אַהן טאַטע־מאַמע... אַ קבצן'טע זאָל זיך אוועקלאָזען אויף אַזוינע דרכים... וועה צו טאַטע־מאַמע אויף דער וועלט און אַ בראָך צו זיי דאָרטען אויף יענער וועלט!... נאָך וואָס האָט איהר מיר גערופען?... ס'וועט רעכט זיין אַהן מיר אויך...

מרים

דבורה'לע, לאה! לאָזט מיר שטאַרבען!... האָט רחמנות!... מאַ־מעלע! נעהם מיר צו!... מאַ־מע־לע!... מאַ־מע־לע, נעהם מיר צו!...

דוואָשע

ניש־קשה, וועסט נישט שטאַרבען; כשר'ע געוויינערינס וועלען צו־ליעב דיר פון קינדבעט אין דער ערד געהן פאַר דער צייט... דו וועסט ניט שטאַרבען... וועסט ניט שטאַרבען!

מרים'ס היסטערישער געוויין רייסט איהר איבער.

## פ י ע ר ט ע ר  אַ ק ט.

ביי גרונען און נאַטאַלקע. אַן אויבערשטיבעל ערגעץ אין עק שטאָדט. דער צימער איז גענוג גרויס, נאָר דער סופיט ליגט אויפ׳ן קאָפּ. אין מיטען צימער שטעהט אַ רונדער טי־שעל, צוגעדעקט מיט אַ ריינעם טישטוך. ארום טיש שטו־לען. ביים אריינקומען, רעכטס, שטעהט אַ בעט פערבעט אין אָרדנונג, געגענאיבער אַ צווייטע בעט ניט פערבעט. אויף די ווענט הענגען וואו ניט וואו בילדער אָהן רעמלאך. דער פענסטער פערהאנגען מיט א גארדין. אויפ׳ן טיש ברענט אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אבאָזשור. נעבען איהם שטעהט אַ וועק־זייגער, וועלכער טיק׳עט כסדר. מרים, גרונע און נאַטאַלקע זיצען אַלע ביים טיש געפּרעסט איינע צו דער אַנדערער. אויפ׳ן טיש איז אָנגעשטעלט בראנפען, קאָנפעקטען, אוגער־קעס, שווארצע ברויט א. ד. גל.

### נ אַ ט אַ ל ק ע

אַ גראָבע, אונגעלומפּערטע דאָרפישע קריסטען, גאַנץ זויבער גע־קליידעט, האַלט אַ האַלבע טיי־גלאָז בראנפען, שטעקט מרים׳ן צום מויל.

איך דיר זאָג, מירקע, טרינק!

### מ ר י ם

כ׳וויל ניט.

### ג ר ו נ ע

מיט אַ מאָגער געזיכט. די אויגען ברענען.

טרינק! פריהער אָדער שפּעטער...

נ אַ ט אַ ל ק ע

כאַפּט מרים׳ן פאַר בײדע הענט.

איך איהר האַלט, דו, גרונטשע, גיס — האַלז גיס! גיס!...

ג ר ו נ ע

גוט, גוט, האַלט איהר שטאַרק, איך װעל איהר גלײך אין האַלז אַרײַנגיסען...

מ ר י ם

אָבער פאָלגט מיר... כ׳װיל ניט, כ׳װיל ניט. איך האָב אײך װאָס צו דערצעהלען.

נ אַ ט אַ ל ק ע

גיס, גיס!

מ ר י ם

אָבער...

ג ר ו נ ע

אָהן קײן שום תירוץ טרינק!

מ ר י ם

איך מוז געהן אַהין, צו מײן מאַדאַם... כ׳האָב שױן אַזױ אױך פערשפּעטיגט.

ג ר ו נ ע

און מיר װעלען דיר ניט לאָזען געהן אַהײם. הײנט װעסטו שױן ניט געהן אַהײם. בײ אונז װעסטו נעכטיגען.

מען קלאַפּט אין טיר.

נ אַ ט אַ ל ק ע

קטאָ־טאַם?

ג ר ו נ ע

װער איז דאָרט?!

מ ר י ם

ס׳איז אַ גאַסט.

אַ ש ט י מ ע

עפּענט, עפּענט.

ג ר ו נ ע און נ אַ ט אַ ל ק ע

מען קען היינט ניט.

ג ר ו נ ע

היינט נעהמט מען קיין געסט ניט צו.

נ אַ ט אַ ל ק ע

געדאַרפט עפּענען.

ג ר ו נ ע

צו אַלדי שוואַרץ יאָהר!

נ אַ ט אַ ל ק ע

געווען אַ וואַזשנער יאָלד....

ג ר ו נ ע

דורך ד'ערד קיין פּעטערבורג! יום טוב היינט ביי מיר! איין מאָל פּאַר אַלע מאָל. קיינעם ניט אַריינגעלאָזען. דער ווינטער איז נאָך גענוג גרויס... ס'וועט דיר נאָך קריכען פון האַלז. טרינקט בראַנפען, נעהמט מרים'ען אונטער'ן האַנד. קום, מירעלע! לאָמיר געהן אַ פּאַלקע.

מ ר י ם

איך דאַרף געהן.

ג ר ו נ ע

פערגעס!

מ ר י ם

קענסט ניט מיין מאַדאַם.

ג ר ו נ ע

איך קען זיי, איך קען זיי. ב'קען זיי שוין מעהר ווי פיער יאָהר! איך בין אָבער קיין מאָל קיין פלאַקען ניט געווען... לאָז זיך נאַר... וועלען זיי פון דיר די הויט אַראָבשינדען... הונדערט געסט אַ נאַכט... איך האָב זיך אַנדערש געפיהרט מיט זיי... וואָס מ י ר איז מיר— האָב איך געזאָגט — און וואָס דיר איז דיר — און אַניט... — קאָפּ אין דער וואַנד — האָב איך געזאָגט — אַליין מיט'ן קאָפּ אין דר'ערד, גיה אין קאַמער אריין!... אַ, אַ, פאַר מיר האָט מען מורא

געהאט מרים! איך וועל דיך לערנען ווי צו לעבען. איך, מרים!

נ א ט א ל ק ע

און איך איהר זאָג דו מיר — צויג, איך דיר די צייהנער האק!...

ג ר ו נ ע

מיינסט, אז א דיענסט ביזטו ביי איהר? — זי איז די פּאמוייני־צע... איך בין שטענדיג געווען דער תקיף. אלע געסט זיינען פאר מיר געווען די כפּרה, פלעגען פרעגען: גרונדעל איז דאָ? די ערד האָט אונטער מיר געציטערט. קוקט אין דעם קליין שפּיגעלע וואָס הענגט אויפ׳ן וואנד. ניט אזוי בין איך געווען מיט פיער יאָהר צו־ריק, אפילו פאר צוויי יאָהרען האָב איך נאָך אויך גאָר אן אנדער פּנים געהאט. ניטאָ יענע בעקעלעך... לחיים! איך טרינק היינט ביז... היינט טרינק איך... לחיים! דאָ וועסטו, מירעלע, נעכטי־גען.

נ א ט א ל ק ע

נעהמט פעסט ארום מרים׳ען און קושט זי.

דאָ נעכטיגען, דאָ נעכטיגען... פאר וואָס, גרונטשע, דו טרייבסט געסט?...

ג ר ו נ ע

איך קען דיר לאָזען געהן אויף א גאנצע נאכט. נאָר דאָ ניט. היינט ניט...

נ א ט א ל ק ע

איך דארף געלד.

ג ר ו נ ע

געלד... געלד... ווארפט איהר דאָס! געלד־ביימעלע. נאָ דיר געלד ווי־פיעל דו ווילסט... מיין נשמה פערקויף איך ניט. פערשטעהסט? מרים, טרינק!

מ ר י ם

טרינקט.

אויב ניט אהיים, וועל איך בעסער געהן געוואר ווערען צו מיין קינד.

גרונע

האסט א קינד?

מרים

שוין אלט א האלב יאהר. ביי אז אם — א אינגעל.

גרונע

האסט א אינגעל?

מרים

איך זאג דאך.

גרונע

כא־כא־כא! פלאקען! קארמענען נאך א נפש... דערשטיקען האסטו עס געדארפט.

נאטאלקע

נעהמט צוזאמען אלע פינגער און ווייזט ווי מען שטיקט.

זעה, מירקע, ווי טהוט — אט אזוי!... און גאטאווא!

מרים

פערקרימט דאס געזיכט.

געה... כ'האב עם אזוי ליעב! גאר מיין לעבען. איהר וואלט זעהן ווי ער קוקט מיר גלייך אין פנים, אז איך קום צו איהם.

גרונע

כא־כא־כא־כא!

מרים

ווען דו וואלסט האבען אזא אינגעלע, וואלסטו עס אויך ליעב האבען.

גרונע

פאלג מיר, מרים, אין פאליציע גיב עס אוועק.

מרים

ער איז מיין טאטע און מיין מאמע... איך בין דאך אזוי עלענד... אזוי עלענד....

גרונע

ס'פעהלט מיר נאך מיין טאטע און מיין מאמע.. זיי זאלען קומען אלע

מאָל בעקלאָגען דעם קאָפּ.

מ ר י ם

ווען איך וואָלט האָבען טאַטע מאַמע, וואָלט איך אין אזא לאַנגע איצטער ניט געווען.

ג ר ו נ ע

פערגעס, פערגעס אלץ! איך בין צוליעב זיי געוואָרען אַט דאָס וואָס איך בין...

מ ר י ם

נעהמט אַ פּאַפּיראָס.

אז איך רויכער, דרעהט זיך מיר נאָך דער קאָפּ. אַ־אַ, ווען מיינע טאַטע מאַמע וואָלטען געלעבט.

ג ר ו נ ע

איך וועל זיי ניט פערגעסען...

מ ר י ם

וואו זיינען זיי?

ג ר ו נ ע

געשטאָרבען.

מ ר י ם

צו נאַטאַלקע.

דו האָסט טאַטע מאַמע?

נ א ט אַ ל ק ע

האָב: איך זיי שיק געלד.

מ ר י ם

זיי זיינען ניט אין כעס אויף דיר?

נ א ט א ל ק ע

הויבט זיך אויף, לאָזט זיך אַוועק טאַנצען אַרום טיש, שלעפּט גרונען מיט זיך.

קום, טאַנצען... טאַנצען. וואָס איהר זיצט?...

זי טאַנצט און זינגט.

„עך, מוזשטשיני — ווי סקאַטיני!
„עך, דיוועשינאַ — דוראַטשינאַ!

גרונע

האָסט אַ היהנערשע קאָפּ, נאַטאַשע, קענסט גאָר ניט טרינקען.

נאַטאַלקע

נאַטאַלקע ניט קען טרינקען, דו זאָגסט... ווייז, נאַטאַלקע, וואָס דו קען... גיסט זיך אָן אַ גלאָז בראַנפּען און טרינקט אויס מיט איין אָטהעם. אַזוי, נאַטאַלקע, אזוי, אזוי!... שטעלט זיך פאַר מרים'ען אויף די קניע. גיב, איך דיר קושען, גיב, מירקע, כי־כי־כי...

מרים

האָסט אַמאָל געהאַט אַ קינד?

נאַטאַלקע

אַ־אַ־אַ!

גרונע

צוועלף קינדער האָט זי שוין געהאַט און נאָך אַכט וועט זיין צוואַנ־ציג.

נאַטאַלקע

ליגען, ליגען — נאָר צוויי איך געהאַט.

מרים

וואו זיינען זיי?

נאַטאַלקע

פיו! איך נישט האָב קינדער; איך נישט דאַרף קינדער...

גרונע

זי איז אַ מאַלאַדיעץ. ווי דען? אַנדערש דאַרפען מיר לעבען.. אַלע— קאָפּ אין דער ערד!... נאָר פאַר זיך אַליין גע'דאגה'ט, נאָר פאַר זיך אַליין... אויף קיינעם דאַרף איך קיין רחמנות ניט האָבען. אויף קיינעם ניט! אפילו אויף אייגענע טאַטע מאַמע אויך ניט... די גאַנ־צע וועלט, טיערפּעטי ניע מאָגו! טרינקט בראַנפּען. קלאַפּט אין גלאָז. אָט, ווער מיין איינציגער גוטער פריינד איז — ביז צום טויט

טרינק איך זיך היינט אָן. טרינק, מרים! איך פּליוכע ווי אויף הייסע שטיינער.

מ ר י ם

איך קען ניט.

ווישט די טרערען.

נ אַ ט אַ ל ק ע

גיב מיר... גיב מיר...

הויבט זיך אויף און פאלט צוריק אויפ'ן שטול. זי געהט און ווארפט זיך אויפ'ן בעט.

ג ר ו נ ע

צו מרים'ן.

וואָס וויינסטו, דורע, פערגעס! אַלץ פערגעס... וואָס האָב איך צו וויינען? אָט אזוי, אָט אזוי... טרינק, טרינק, וועסטו אַלץ פער־געסען... אַלץ פערגעסען... ס'האָבען זיך גאָר ניט געפונען „גוטהער־ציגע" מענשען, וואָס זאָלען צונעהמען דאָס קינד?

מ ר י ם

ער איז אריינגעפאלען צו דער פּאָליציי — האָב איך איהם קאָם צו־ריק בעקומען.

ג ר ו נ ע

וואָס הייסט?

מ ר י ם

נאָך דאָרט אין קעלער.

ג ר ו נ ע

און דו קלערסט. מען קלאַפּט אין טיר. היינט ניט! מען קען היינט ניט!...

נ אַ ט אַ ל ק ע

הויבט אויף דעם קאָפּ.

קען! קען...

ג ר ו נ ע

איך לאָז קיינעם ניט אריין! איך בין קראנק! אָט ווער עס לעגט

אונז אין דער ערד אריין! זיי בעגראָבען אונז לעבעדיגערהייד אַט די קרעציגע הינט! זיי... צוטרעטען זיי ווי ווערעם... די פעל פון זיי אראָבשינדען! שווייגט אַ ווײַלע. ווי אזוי, זאָגסטו, איז אריינ־געפאלען צו דער פּאָליציע?

מ ר י ם

זאָגסט, אז ס'איז גאָר קיין גוטע מענשען ניטאָ, גרונעלע! איך זאָג אייך, אז ס'איז יאָ דאָ... ס'איז דאָ... ס'איז דאָ... דעם שוסטער'ס ווייב, איך מוז ווײנען, ווען איך דערמאָן זיך אָן איהר... ווען ניט זי... א מלאך איז זי... שוין אפילו גאָר דערנאָך... אז כ'בין שוין געווען אזוי שולדיג, אזוי שולדיג...

ג ר ו נ ע

רייסט איהר איבער, קלאפּט אין טיש.

וואָס שולדיג? ווער שולדיג?... קיינער ניט שולדיג! מען מעג! אלץ אין דער וועלט מעג מען — מרים! איך בין שוין אלט פינף־און־צוואנציג יאָהר... פינף יאָהר אין דעם ברויט... פינף יאָהר גע־וועלטיגט אויף מיר יעדער קרעציגער הונד... יעדער בלאָטע, יעדער כאָלעריע. הערסט, מרים! אלץ האָב איך געפּרובירט! כ'ביז שויז געווען אויפ'ן באנק און אונטער'ן באנק — ניטאָ קיין רחמנות! ס'אליגען, מרים! ניטאָ קיין רחמנות!

נ א ט א ל ק ע

קריכט קוים צו צום טיש, נעהמט ארום גרונעס האלז.

וואָס דו שרייסט, גרונע? וואָס דו שרייסט?... איך ניט פער־שטעהן — דו גערעכט... גרויע גערעכט... גיב די בראנפען, עך... שלעכט מיר...

„עך, מוזש־טשיני!

„ווי סקא־טיני!..."

וואָס דו טרייב געסט?... סקאטיני...

לאָזט זיך אראָב אויף דער ערד.

ג ר ו נ ע

ווי א פערד איז זי געזונד... בין איך שוין געווען אויפ', באנק אוי

אונטער׳ן — זאָג איך דיר... פערליעבט געווען — עטליכע מאָל געווען פערליעבט. טפוי! פּוסטיאַקי, מרים, פאָלג מיר, מרים, טראַכט בעסער ניט, גאָר ניט. סיי ווי פערפאַלענע...

מ ר י ם

איך בין נאָך ניט קיין פערפאַלענע. איך בין נאָך ניט קיין פער־פאַלענע אין גאַנצען. כ׳וועל זיך נאָך ארויסרייסען פון דער בלאָ־טע... ביזט גערעכט, גרונע. איך פערשטעה, אז די מענער זיינען אין גאַנצען שולדיג... פון דעסטוועגען, גרונע, וועסט דאָך לאַכען, כ׳ווייס, אז דו וועסט לאַכען... ער איז געווען... אמאָל איז ער גע־ווען ווי א מלאך.

ג ר ו נ ע

ניטאָ קיין מלאכים! ניטאָ — זאָג איך דיר... וואו איז ער איצטער דער מלאך דיינער?!

מ ר י ם

איך בין אליין שולדיג, איך האָב איהם אָנגעטהאָן אזוינע חרפּות... ער איז דערנאָך אזוי קראַנק געוואָרען... מען האָט מיר דער־צעהלט.

ג ר ו נ ע

וואָס פאַר א חרפּות?

מ ר י ם

איך האָב דעמאָלט געוואוינט אליין אויף אַן אויבער־שטיבעל. אליין האָב איך געוואוינט. ער פלעגט צו מיר קומען אלע מאָל און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט. געלד האָט ער מיר איבערגעלאָזט. ער האָט מיר א סך מאָל געשיקט געלד... דער קאָפּ האָט זיך פער־דרעהט: צופיעל געטרונקען.

ג ר ו נ ע

ס׳שאַדט ניט; גוט!

מ ר י ם

כ׳האָב דאָרט געוואוינט גאָר אליין. כ׳האָב געשטריקט די זאָקען... אין דעם חודש פאַר מיין האָבען איז ער נאָר איין מאָל געקומען

און מעהר שוין ניט... כ'האָב באַלד דערשפּירט, אַז ער וועט מיך אוועקוואַרפען... ער פלעגט קומען צו מיר... זיצען, זיצען... ער פלעגט דרעהען די מאַשין... באַלד ווי איך בין אַרוים פון שוסטער, האָב איך גלייך דערשפּירט, אַז איך בין שוין אַן אומגליקליכע... באַלד ווי איך בין פון דאָרט אַרוים... מיט איין מאָל איז מיר די גאַנצע וועלט פרעמד געוואָרען... אַלע, אַלע... נאָך אין פיערטען חודש... מען האָט נאָך אויף מיר ניט געקענט דערקענען... און איך האָב זיך שוין געשעהמט... כ'האָב מיר געשעהמט אַרויסצוגעהן אויף דער גאַס... קיינער קען דאָך מיר ניט — און איך האָב זיך געשעהמט... כ'האָב זיך געשעהמט פאַר מיין צימער, פאַר מיין מאַשין... עפּעס ווי די מאַשין וואָלט מיר אָנגעקוקט און געזאָגט מוסר... און פאַר וואָס? כ'האָב דען וועמען שלעכטס געטהאָן?... כ'האָב, דוכט זיך, קיינעם גאָר ניט געטהאָן...

גרונע

טרינקט, געהט אום איבער'ן צימער.

עך נאַר, דו נאַר; כ'האָב פיינד צו רעדען אַ פולע, כ'האָב פיינד צו רעדען... נאַר איצטער, אַ קוואַל האָט זיך דאָרט, אין האַרצען, אויפגעריסען... מרים, דו ביזט מיט אַ האַרץ, מרים... איך שפּיר. קושט שטאַרק מרים'ען. איך רעד... ניט איך רעד עס... ס'האַרץ רעדט... פערשטעהסט? — דאָס האַרץ... דאָרט אין די הויכע פענסטער, מיינסטו, טרעפען ניט אַזוינע מעשיות? ס'טרעפט, ס'טרעפט... אַ סך גרעסערע! זיי מעגען... דאָרטען מעג מען אַלץ... אַלץ מעג מען... דאָרט מעג מען האָבען ממזרים... האָבען מעג מען...

נאַטאַלקע

אין בעט... אין בעט!

מרים

לאָמיר איהר לעגען אויפ'ן בעט.

לעגען איהר אויפ'ן בעט. מרים בלייבט זיצען ביי איהר צוקאָפּענס.

גרונע

שווער ווי א שטיין איז זי.

מרים

כ'האָב דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאָן... נאָר מיר האָט זיך איינגעהאקט א געדאנק אין קאָפּ, אז כ'בין שוין ערגער פון אלע־מען... מיר האָט זיך געדוכט, אז אויף מיין פּנים איז פארהאַן אַ שווארצער פלעק און אלע קוקען אויף מיר... כ'פלעג געהן צום פאבריקאנט ער זאָל מיר געבען באוועל צום שטריקען... און די מיידלעך דאָרטען קוקען מיר אָן... אלע קוקען מיר אָן... כ'בין נאָך יעמאָלט געווען אין פינפטען חודש, ס'איז נאָך אויף מיר גאָר ניט געווען צו דערקענען... און זיי האָבען געקוקט... און עפּעס זיך גע־סוד'עט....

גרונע

גע'סוד'עט... ביי זיי איז אויך קיין רחמנות ניטאָ... שעהמען זיך אויך מיט אונז...

מרים

האָב איך זיי אלעמען פיינט געקראָגען... כ'בין מעהר שוין ניט געגאנגען צו זיי נאָך ארבייט... געלד האָב איך נאָך געהאט... ארומצוגעהן איז מיר געוואָרען אלץ שווערער און שווערער... די ברוסט האָט זיך אלץ געהויבען, געוואקסען... נאָר כ'האָב ניט גע־גלויבט, אז כ'זאָל וואָס האָבען... אז ביי מיר איז אין די געדע־רעם עפּעס פארהאן... און די מאמע... יעדע נאכט מיר צו חלום גע־קומען... יעדע נאכט...

גרונע

מיין מאמע... אַ־אָ, נאָר צוליעב איהר בין איך געוואָרען א יענע זאך... זעצט זיך אויף דר'ערד. דער טאטע איז גלייך געשטאָר־בען... א קברן איז ער געווען... דאָרטען אויפ'ן בית עולם האָבען מיר געוואוינט...

מרים

און איהר האָט ניט קיין מורא געהאט?

ג ר ו נ ע

צווישען די קברים פלעג איך זיצען... שטענדיג ביי נאכט. בחורים פלעגען קומען, פלעגען זיי ווארטען אויף מיר צווישען די קברים... אין א פרישען אויסגעגראבענעם קבר זיינען מיר אמאל געזעסען... קיינער האט ניט געוואוסט...

מ ר י ם

האסט ניט געהאט קיין מורא צו זיצען אין א קבר?

ג ר ו נ ע

די מאמע, זי האט עפעס אנגעהויבען צו דערקענען אויף מיר... און האט גענומען שלאגען... פון וואנען האט מען אין שטעדטעל זיך דערוואוסט?... פונקט ווי איך וואלט זיי אומגליקליך געמאכט... דערנאך האט דער טאטע גענומען שלאגען. וויפיעל ס'איז נאר אריין האט ער געשלאגען... אזוי ווי א רוצח האט ער געשלאגען..

מ ר י ם

מיר האט קיינער ניט געשלאגען... נאר אליין האב איך געוואלט ערגעץ אנטלויפען, פונקט ווי מען וואלט מיך יאגען... כאטש אין גיהנום וואלט איך אנטלאפען...

ג ר ו נ ע

יעמאלט, איך האב נאך געטראגען, האב איך געוואלט אנטלויפען... ס'איז ניט געווען וואוהין. מען האט דעם טאטען געוואלט מאכען אויס קברן; האט מען איהם געוואלט מאכען... פונקט ווי ער וואלט ניט געקענט בעגראבען די מתים אויב זיין טאכטער איז א מיידעל טראגעדיג... דיין טאכטער איז א נאפקע — האבען איהם אלע אין שטעדטעל געשטאכען די אויגען... און ער האט געשלאגען... דער רב איז געשטארבען... פאר פסח איז דאס געווען... די גאנצע שטעדטעל איז געגאנגען צו דער לויה... אלע האבען זיך אריינגעשפארט צו אונז אין שטוב... און איך נעהם פונקט געהן צו קינד... די מאמע חלש'ט... כ'וויל זיך איינהאלטען, ניט שרייען... כ'האב זיך איינגעהאלטען מיט אלע כחות... נאר ס'האט זיך אליין געשריען... נאך פאר פסח איז דער טאטע געשטארבען. די מאמע

האָט ניט געוואָלט געבען צו עסען... האָט געשאָלטען... — כ'וועל קריגען צו עסען — האָב איך געזאָגט... שעהם זיך! — האָב איך געזאָגט... ביזט אַ מאַמע און האָסט קיין רחמנות ניט — האָב איך געזאָגט — איז דאַרף מען ניט! האָב איך געזאָגט... האָב איך אויך קיין רחמנות ניט... זאָלען זיי אַלע קומען בעטען זיך... פאַלען צו די פיס — ווי ווערעם וואָלט איך זיי צוטרעטען... טרינק, מירעלע! נאָך אין אַ יאָהר ארום וועסטו זאָגען, אַז גרונע איז גערעכט געווען...

מ ר י ם

כ'וועל זיך נאָך ארויסרייסען... כ'וועל זיך נאָך...

ג ר ו נ ע

דערלאַנגט איהר בראַנפען.

וועסט פערפאַלען ווערען... ווי איך, מיט'ן קאָפּ פערלייגען... טרינק, שוועסטער! ניטאָ קיין אַנדער וועג פאַר אונז... מיט'ן קאָפּ אין דער ערד...

מ ר י ם

מיך האָט עפּעס אימיצער געשטויסען אַלץ ווייטער, אַלץ טיעפער...

ג ר ו נ ע

קרעציגע הינט האָבען דיך דערשטיקט... הינט, אָהן רחמנות — פערשטעהסט?

מ ר י ם

טרינקט.

אַז כ'האָב גענומען פיהלען, אַז כ'געה צו קינד — בין איך עפּעס משוגע געוואָרען... נעהם איך און לויף צו זילבערמאַנען...

ג ר ו נ ע

ווער איז ער עם זילבערמאַן?

מ ר י ם

ער, דאָס איז ער... און דאָרטען האָט מען מיך אראָבגעוואָרפען פון

אַלע טרעפּ... בין איך צום שוסטער אריינגעפאַלען... און יונה האָט איהם מיט א שטעקען צושפּאַלטען דעם קאָפּ...

ג ר ו נ ע

וואָס פאר א יונה?

מ ר י ם

דעם שוסטער'ס איידעם... איך האָב געוויינט... פּאָליציע האָט איהם אַרעסטירט.

ווישט די טרערען.

ג ר ו נ ע

**גענוג... גענוג...**

מ ר י ם

וואָלט מען ניט געוועסט לאַכען פון מיר דערנאָך, ווי איך בין אראָב פון בעט... כ'האָב ניט געקאָנט איינזיצען אין שטוב... א דוואָשע איז דאָרט געוועזן... זי האָט מיר פערטאַטשעט... דאָס הארץ האָט זי מיר אויסגעטאָטשעט... די מאָשין האָב איך פערקויפט... די געלט איז אוועקגעגאַנגען... די הענד האָבען צו קיין זאַך ניט גע־טויגט... פונקט ווי גאָר ניט מיינע הענד... אזוי ווי כ'וואָלט מיט אמאָל מיינע הענד אָנגעוואָרען... ביי טאָג האָב איך בושה געהאַט ארויסצוגעהן אין גאַס... נאָר ביי נאַכט פלעג איך זיך דורכלוי־פען ווי א גנב... כ'בין ארומגעגאַנגען אין די גאַסען... קאַלט איז מיר געווען... הונגעריג בין איך געווען... געהט דורך עפּעס א מענש... קוקט מיר אריין אין פנים און שושקעט מיר וואָס... כ'האָב גאָר ניט געהערט... נאָר איך בין איהם נאָכגעגאַנגען... איך האָב צו איהר גאָר ניט גערעדט... ער האָט אויך מיט מיר קיין וואָרט מעהר ניט געהערט... נאָר איך בין איהם נאָכגעגאַנגען... איך בין צו איהם געגאַנגען... צו עסען האָט ער מיר אויך געגעבען... כ'האָב ביי איהם גענומען א פּאַפּיראָס... ס'האָט זיך מיר אזוי פערדרעהט דער קאָפּ כ'האָב אזש שיער ניט גע'חלש'ט...

ג ר ו נ ע

שילט! אויב דו קענסט... גוט, שילט! אז זיי זאָלען מיט אמאָל די

מיתה משונה האָבען!...

מ ר י ם

ער האָט מיר געהייסען קומען מאָרגען אויך... איך בין א קראַסאַ־וויצע, האָט ער געזאָגט... בין איך געגאַנגען... אין שטוב זאָגט מען מיר מוסר אלמאי איך טהו גאָר ניט... און איך קען ניט... איך האָב מיינע הענד אָנגעוואָרען... איבערמאָרגען בין איך צו איהם ווידער געקומען... האָב איך דאָרט געטראָפען א גראָבע מאַדאַם, דאָס איז זי... שוין מיין מ א ד א ם געווען...

ג ר ו נ ע

טרינקט אויס דעם לעצטען בראָנפען און שליידערט דער גלאָז צום טיר. די גלאָז ווערט צושמעטערט אויף פּיצלעך. זי ברעכט אויס מיט אַ ווילד געלעכטער.

כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! אַט אזוי! אַט אזוי! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

מ ר י ם

וואָס טהוסטו? גרונע!...

ג ר ו נ ע

קלייבט צוזאַמען די שטיקלעך גלאָז און שמייסט זיי נאָך אַמאָל אָן דער ערד.

אַט אזוי!... אַט אזוי!...

מ ר י ם

גרונע!

ג ר ו נ ע

דעם טיש וועל איך צוברעכען... אויף פּיצלעך צושמעטערען!

מ ר י ם

נאָך וואָס, גרונע?!

ג ר ו נ ע

נעהמט אַרום פעסט מרים'ען און קושט איהר ווילד.

מ ר י ם

וויל זיך בעפרייען.

גרונע! גרו —

גרונע

כ'בין אין כעס!... אויף אלעמען אין כעס... נוקם זיין זיך אין דער גאנצער וועלט!... אויסקוילענען... צוטרעטען אלעמען... הינט מיאוסע! צו וועמען זאל איך אויסלאזען מיין כעס? ! לאזט פריי מרים'ען. צו וועמען, מרים! זאלען מיר אויסלאזען אונזער כעס? ! קלאפט זיך אין ברוסט. ס'ברענט דארט... פעך ברענט!... מרים, פערשטעהסט... עס ברענט א פייער, פלאמען... וויין, מרים, פון מיינעטוועגען... קלאג, מרים! איך וועל פיהלען... פערשטעהסט... איך וועל פיהלען... ביזט א גוטע... א ווייך הארץ...

מרים

איהר קול ציטערט.

און דו האסט קיין מאל ניט געוויינט?

גרונע

ניין!

מרים

קיין מאל ניט?

גרונע

קיין מאל ניט!

מרים

אפילו דעם ערשטען מאל... האסטו ניט געוויינט?...

גרונע

שכור בין איך געוועזן... קום צו מיר, מרים, קום, זעץ זיך אט דא... פיהרט זי צו צום טיש און זעצט זי אוועק אויף א שטוהל און אליין זעצט זי זיך נעבען איהר. אט אזוי זיץ...

מרים

וואס ווילסטו?

גרונע

גיב מיר דיין הארץ. קושט מרים'ען, בעגראבט איהר קאפ אויף מרים'ס ברוסט. אט אזוי... אט אזוי... גיב מיר, מרים, די פלעשעל, גיב מיר...

מ ר י ם

נאָך וואָס?

ג ר ו נ ע

אָבער גיב!

ציהט אויס די הענד.

מ ר י ם

נאָך וואָס?

ג ר ו נ ע

כ׳וועל צושמעטערען!

מ ר י ם

מען דאַרף ניט...

ג ר ו נ ע

אויף פּיצלעך צושמעטערען!

מ ר י ם

מען דאַרף ניט.

ג ר ו נ ע

מען דאַרף!... מען דאַרף!... נוקם זיין זיך — איין מאָל פאַר אַלע מאָל! קלאַפּט זיך אין ברוסט. ס׳ברענט א פייער דאָרטען... שטאַרקער נעהם מיר ארום, מרים! שטאַרקער... מיין קאָפּ... שטאַרקער צו דיין הארצען דריק!... שטאַרקער... וויין, קלאָג פאַר מיר... איך וועל אַלץ פיהלען... פיהלען... קלאָג... קלאָג...

מ ר י ם

דריקט גרונעס קאָפּ פעסט צו איהר ברוסט.

ג ר ו נ ע

שטאַרקער... שטאַרקער... אָט אזוי!... אָט אזוי! איך פיהל... איך פיהל... וויין, מירעלע... וויין פאַר מיר... איך קאָן ניט... נאַטאַלקע קען ניט... שטאַרקער... נעהם מיר ארום... שטאַרקער... שטאַרקער...

שטיל.

מ ר י ם
**הייבט אָן זינגען מיט אַ ציטערענדע שטימע.**

ע—לענד בין—איך—ווי—אַ שטיין,
גע—לאָ—זען האָט מען מיר אַ—ליין..

**ע נ ד ע.**

# וואו דאָס לעבען פערגעהט

1905

## פ ע ר ז א נ ע ן:

ש ו א ל

ק י ל ע, זיין ווייב.

צ י ט ע ל ⎫
ק ד י ש ⎬ זייערע קינדער
ר ע ש י ל ⎭

צ ב י ה

פ נ ח ס

ד א ק ט א ר

# ע ר ש ט ע ר  א ק ט.

ביי שואל'ן. א קעלער־וואוינונג. ביים טיר איז פון ברעט־לאך אבגעצאמט א חדר'ל וואו צ ב י ה וואוינט. ווינ־טער אבענד.

ק י י ל ע

שטעהט איינגעבויגען איבער א באליעע און וואשט גרעט.

צ ב י ה

זיצט אויפ'ן שוועל פון איהר צימערעל, האלט איהר קינד ביים ברוסט.

ק י י ל ע

אט בעסער לעג איהם אריין אין וויגעלע; גענוג שוין זיין איהם צו ציהען. קען נאך חלילה איהם וועה טהאן דאס בייכעלע.

צ ב י ה

פייגעלע מיינס; איהר זעהט, לאזט נישט ארויסנעהמען די ברוסט פון מויל... נאר אויף לאנגע יאהרעלאך זאל עס מיר זיין!

ק י י ל ע

איך האב געמיינט, אז כ'וועל שוין זיין געראטען אין דער מאמען מיינער, האט אבער גאט נישט געוואלט איך זאל האבען א פולע קינדער.

צ ב י ה

אייער מאמע האט עס דען געהאט אזוי פיעל קינדער?

ק י י ל ע

שטענדיג א גיהנום געוועזן אין שטוב.

צ ב י ה

וויפיעל ברידער און שוועסטער, זאלען געזונד זיין, האט איהר?

קיילע

זאָלען זיי זיך זיין געזונד און שטאַרק, דריי ברידער און דריי שוועסטער האָב איך. דער פיערטער ברודער, וואָס איז געשטאָרבען איז עס געווען דער זיבעטער ביי אונז אין שטוב. זאָל זיין אָלע־מען אויף לאַנגע יאָהר — געווען דער גראַטענסטער; זלמן, האָט ער געהייסען.

צביה

אַז גאָט העלפט, ס'איז קיין דאגות נישטאָ אין שטוב, איז טאַקי אַ גרויסער נחת צו האָבען אַ סך קינדער.

קיילע

דער טומעל, דער הו־האַ, וואָס איז שטענדיג געווען אין שטוב. נישט געקענט אויסקומען צווישען זיך.

צביה

איך קען הייזער וואו סע'פאַרהאַן אַ סך קינדער און פונדעסטוועגען איז אַ נחת צו זעהן ווי זיי לעבען צווישען זיך.

קיילע

צי האָבען מיר זיך דען חלילה געקריגט? מיר זענען דען חלילה געווען שלעכטע קינדער? נאַר, מישטענס געזאָגט, נישט איין מאָל האָט געטראָפען אַז אין שטוב האָט אויסגעפעלט דאָס שטיקעל ברויט. אַז מען לעבט אין הרחבה, איז דאָך עפּעס אַנדערש. ווער בע־דאַרף זיך דען קריגען, ווען אין שטוב איז פאַרהאַן פון אַלדאָס גוטס? דער טאַטע, זאָל זיין אין גן־עדן, געווען אַ חלוש אַ איד, אַ שוסטער, קאָם וואָס די נשמה האָט זיך אין איהם איינגעהאַל־טען. אָט, דאָ נישט ווייט, אויף דער אַנדערער גאַס, אין אַזא קע־לער ווי דאָ, זענען מיר אַלע אויסגעוואַקסען.

צביה

און די מאַמע אייערע, זאָל זיין אין גן עדן, האָט אַליין גאָר נישט נישט געטהאָן?

קיילע

נישט געקענט די שטוב לאָזען. זי וואָלט אפשר יאָ געוואָלט עפּעס

אָנהייבען: אפשר וואָלט זי וואָס פערדינט — געקענט נעהמען אַ קאַשיק עפּעל און מען געהט ארויס אין גאַס, שלאָגט מען אויס די הוצאה. דער טאַטע, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט נישט געוואָלט זי זאָל עס טהאָן.

צ ב י ה

געוועזן אַ טרייער מאַן אודאי.

ק י י ל ע

האָבען זיך חלילה נישט געקריגט.

צ ב י ה

אַ ברכה פון גאָט.

ק י י ל ע

און אז מען האָט זיך אַמאָל צעווערטעלט, איז עס נישט געוועזן צוליעב אַ זיידענער קלייד, חלילה; אָדער צוליעב כ׳ווייס דאָרט וואָס.

צ ב י ה

איהר זאָגט — אַ זיידענע קלייד. אָט, האָט זיך מיר פערוואָלט האָבען דוקא אַ זיידענע קלייד צו דער חופּה; וויפיעל טרערען האָב איך צוליעב דעם פערגאָסען... איצטער טראַכט איך טאַקי, אז ס׳איז געוועזן אַ גרויסע נאַרישקייט.

ק י י ל ע

צוליעב אַזוינע זאַכען, חלילה — וואָס בעדאַרף מען זיך קריגען— פרעג איך. מישטענס געזאָגט, וואָס? ווען מען קריכט עס דען אין קאָפּ — פּוצען זיך? אין קעלער איז מען ברוך־השם געבוירען געוואָרען: אין קעלער — אויסגעוואַקסען. אין קעלער מיין חתונה געוועזן און איז קעלער, ווי ס׳ווייזט אויס, וועל איך שוין איבערשטופּען דאָס ביסעל יאָהרען... ביי אונז אין שטוב, מען איז געוועזן קליינע קינדער, מען האָט זיך פּשוט צושלאָגען איבער אַ שטיקעל ברויט.

צ ב י ה

פונדעסטוועגען, אַ מענש האָט דאָך אַ שטיקעל האַרץ. מען קען זיך

לעבעדיגערהייד אין דער ערד אריין נישט לעגען. נאַר צוליעב וואָס כ'האָב מיר בעדאַרפט אָננעהמען אַזוי פיעל שמאַטעס צו דער חתונה, ווייס איך אַליין נישט. כ'האָב קליידער, וואָס כ'האָב זיי נאָך אפילו קיין איין מאָל נישט אָנגעטהאָן.

קיילע

נישט נאָר זיידענע קליידער — ביי אונז האָט גאַנץ אָפּט אויסגע־פעלט א העמד צום לייב. נישט איין מאָל האָט געטראָפען, אז כ'האָב אראָבגענומען פון לייב מיין העמד, אויסגעוואַשען און אויפ־געהאַנגען טריקענען — און קיין אַנדער העמד איבערצובייטען איז נישט געווען.

צביה

ברענגט ארויס פון איהר צימער א גאַנצען פּאַק קליידער.

קיילע

נו, זאָג אַליין — בעדאַרפסטו עס דען איצטער האָבען?

צביה

איך בין דאָך נאָך גאָר א קינד. ניינצען יאָהר אלט. דאָך פאַרהאַן פינף און צוואַנציג יאָהריגע מיידלאַך אויך. כ'האָב דרייסיג יאָהרי־גע מיידלאַך געזעהן. זאָל נאָר גאָט געבען, כ'וועל פּיווועלען קענען אראָבלאָזען פון האַנט... אָט, אדרבה, טהוט נאָר א טאָפּ די סחורה... אמת'ע זייד!

קיילע

לאָז מיר נאָר אָבווישען די האַנט... מהום... מיינסט כ'בין טאַקי אזא גרויסער מבין? זעהט אוים, א גוטע סחורה.

צביה

וואָס איהר רעדט! ס'איז דאָך אמת'ע זייד. דריי יאָהר צייט איז די סחורה געלעגען אין קאָמאָדע. מיין פעטער פון וואַרשע האָט עס מיר געבראַכט א מתנה. כ'האָב מורא געהאַט, אז די מולבען זאָ־לען עס צועסען, האָב איך עס איבערגעשאָטען מיט שמעק־טאַבאַק. א לאַנגע צייט האָט זיך דער טאַבאַק געלאָזט הערען. און איצ־

טער... זאָלט איהר מיר געזונד און שטארק זיין, טהוט נאָר. כ'בעט אייך, א שמעק... נו וואָס? הערט זיך!

**קיילע**

אז דו טהוסט עס קיין מאָל נישט אָן דארומעך האָט נישט אויס־געוועבט.

**צביה**

כא־כא־כא — די שניידערקע האָט די גאנצע צייט געניסט, ווען זי האָט די קלייד גענעט.

**קיילע**

מיר האָט מען צו מיין חתונה איינגאנצען איין שטיקעל קלייד אויפגענעט, און די אנדערע האָט מען ביי א שכנה אויסגע־באָרגט... כ'האָב מורא, אז די קלייד איז שוין גאָר שמאָל אויף דיר.

**צביה**

אז כ'בין געווען נאָך אין פיערטען חודש, האָב איך די אלע חתונה קליידער נישט געקענט אנטהאָן. איז דאָך עס געווען יעמאָלט.

**קיילע**

איצטער אויך זיין ענג. ס'זעהן מיין וואָרט.

**צביה**

איצטער מיין איך וועלען זיי ווידער פאסען צו דערמאָס. אָט, אדרבה, האָלט נאָר צו דעם אוצר מיינעם; כ'בין א בעלן אָנצו־מעסטען.

**קיילע**

קיין עין־הרע, א קינד ווי א שטיק גאָלד... וועסט זעהן מיין וואָרט: וועלען זיין ענג. אפילו נישט קענען איבערנעען אויך.

**צביה**

פאסט אָן אויף זיך די קליידער. ענג, די עקלאָך קומען נישט צו.

זאָלט איהר מיר לעבען, קיילעשו! ס'איז דאָך ענג... אָט וועל איך דעם פארטוך אראָבוואָרפען... מאמעלאָך מיינע! איך קען דאָך

נישט פערשפּילען! כ'האָב מורא אז דאָס יאַקעלע וועט אויך זיין... וואָס איז דאָס? די גאַנצע הארץ ארויס... איהר זעהט?

קיילע

וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? וואָס דען האָסטו געמיינט?

צביה

אָבער זעהט, די גאַנצע הארץ ארויס. מען וועט עס גאָר נישט קענען פערריכטען אפילו.

קיילע

וואָס מיינסטו, אויסגעטראָגען א קינד אין די געדערעם; איצטער בעדאַרף מען עס דערנערען מיט דער ברוסט... ביי די גבירים, אז מען האָט קינדער, מאַכט מען זיך נייע זאַכען...

צביה

וועה איז מיר... כ'האָב געמיינט, אז כ'וועל פּייוועלען אנטוואוינען וועל איך ווידער אבאַטעמען. כ'האָב גאָר נישט געטראַכט, אז אזוי גיך וועל איך האָבען א קינד... כ'האָב נישט געוואוסט, אז אזוי גיך וועלען אוועק מיינע יונגע יאָהרען. ווי מיט א מעסער וואָלט מען מיר אין הארצען געגעבען.

טהוט אויס פון זיך די נייע קליידער, לעגט זיי אָוועק טרויעריג אָן א זייט.

קיילע

וואָס האָסטו געמיינט, חתונה האָבען איז עפּעס א קליינינגקייט? נאָך דער חתונה איז שוין צו אַלץ א סוף. נאָר, מישטענסגעזאָגט, איך האָב פאַר דער חתונה אויך די ליכטיגע שיין נישט אָנגעזעהן.

צביה

איך האָב נישט געגלויבט, אז אזוי גיך וועלען מיינע יונגע יאָהרען פערשווינדען. ווארום מיין גדליה איז דאָך א גאָלד, נישט קיין מענש. נישט אומזיסט האָב איך איהם אזוי ליעב... איך קען זיי גאָר נישט אויפהענגען צוריק.

טראָגט די קליידער צו זיך אין צימער אריין.

ק י י ל ע

חתונה האָבען, קינדער האָבען — ס'איז עפּעס נישט קיין קליינינ־קייט.

צ ב י ה

נעהמט דאָס קינד אויפ'ן האַנט.

פייגעלע מיינס; אוצר מיינער. מיין גאַנץ לעבען ביזטו דאָך. ביז כ'האָב עס אימשטאַנד געבראַכט און איצטער... אפשר צוויי מאָל אין גאַנצען האָב איך די קלייד אַנגעטהאָן.

ק י י ל ע

גאָט וועט געבען, גדליה וועט דאָרט פערדינען א סך געלד, וועסטו זיך אַנ'אַנדער קלייד מאַכען. געוועזן צייטען, ווען ביי מיר אין שטוב איז דער דלות נישט געוועזן אַזוי גרוים; האָט מען זיך געקענט ערלויבען עפּעס אריינשלעפּען אין שטוב אריין. איצטער אבער — כ'וואָלט נאָר וועלען, אז מיינע קינדער זאָלען די ליכטיגע וועלט אַנזעהן.

צ ב י ה

אָבער איך, כ'בין דאָך נאָך אפילו קיין גאַנצע צוואַנציג יאָהר נישט אַלט. פונדעסטוועגען רעכען איך, אז מען קען נאָך פעריכטען; ווען, למשל, מען זאָל אָט דאָ אין יאַקעלע אריינשטעלען א סאַמעטענע הערצעלע — אַזוי פון שוואַרצע סאַמעט... זאָל איך אַזוי געזונד זיין, קיילעשו. איהר זעהט?

ק י י ל ע

ווען איך זאָל דיך טרעפען אין גאַס, נישט קענענדיג, וואָלט איך דיך אָנגענומען פאַר א יונגע מיידעל. דיין פּנים איז נאָך גאָר יונג.

צ ב י ה

ווארום כ'בין נאָך טאַקע גאָר א קינד. צומאָל שעהם איך מיר, ווען כ'בעדאַרף פּייוועלען געבען זויגען.

ק י י ל ע

ביזט מיט מיין צייטלען אין איינע יאָהרען.

צ ב י ה

פייוועלע! טיוטקעלע מיינער! ווייסט איהר, קיילע, אז אמאל, ליי־גענדיג מיט פייוועלען אין בעט, טראכט איך: פאר וואס האט מען עם אזוי ליעב קינדער? כ'נעהם איהם אזוי ארום אט אזוי... א'ן עס דאכט זיך מיר, אז ס'הארץ האט זיך מיר געעפענט און כ'האב איהם צו זיך אין הארצען אריינגענומען.. פייגעלע מיינס! האר־צעלע מיינס... זאל מיר זיין פאר דיין קעפעלע.

ק י י ל ע

הא־הא, קינדער... עפעס א קלייניגקייט.

צ ב י ה

מיידעלווייז — איי האב איך געקענט שלאפען! אזוי ווי א שטיין בין איך געשלאפען. ווען מען לעגט מיר אנידער א קליין קינד ביים זייט וואלט איך עס געוויס דערשטיקט, גאר נישט פיהלענדיג. א'ן איצטער? צעהן מאל א נאכט כאפ איך מיר אויף, גלייך ווי אימע־צער וואלט מיך וועקען: זעה, ווי איז דאס קינד! און אזוי גאר נישט וויסענדיג אפילו, זוכען די הענט ארום זיך... איז עס נישט א וואונדער?

ק י י ל ע

קינדער... עפעס א קלייניגקייט איז עס? ס'איז דאך א שטיק הארץ, א שטיק פון דיין לעבען. ווער רעדט נאך, אז דער וואס א'ן הימעל בענשט — מיט רעכטע קינדער: גוטע קינדער, דאס איז דאך א צירונג פאר גאט און פאר לייטען.

צ ב י ה

פייוועלע, טיוטקעלע! זאג מיר מיין פייגעלע, וואס וועסטו זיין? נו, זאג מיר: זאג דער מאמען דיינער!

ק י י ל ע

מען קען נאך נישט וויסען. וועט זיין אן עהרליכער מאן — וואס נאך קען מען פערלאנגען פון גאט?

צ ב י ה

פייוועלע, פייגעלע... זיין אן עהרליכער מאן, זאגט מען אויף דיר,

פייגעלע טיוטקעלע...

קײלע

איך קלער אמאָל, וואָס וואָלט מיין לעבען ווערט געוועזן ביי גאָט ווען נישט די שטיקלאך קינדער? ווען איך זאָל זיין אן עקרה אָדער, די קינדער זאָלען חלילה קליינערהייד צושטארבען, ווי עס טרעפט ביי אַנדערע מאַמעס? ס'איז דאָך עפּעס פאַרהאַן צרות אויף דער וועלט...

צביה

אוי וועה, ס'איז מיר אזש א קעלט אריבער איבער די ביינער... פייגעלע מיינס, איך וואָלט אפשר פון זינען אראָב.

קײלע

כ'מעלד דיר, אז פון זינען געהט מען נישט אראָב. נאָר...

צביה

פאר וואָס האָט צייטעל אויסגעקליבען אַזאַ מלאכה; דער טאבאק עסט דאָך אויף דאָס הארץ?

קײלע

איך וויים וואָס זי האָט זיך אזא מלאכה אויסגעקליבען... מיינסט מען קלייבט אוים? ס'האָט זיך שוין אזוי געמאכט.

צביה

זעהט אוים שלעכט. און כ'מיין, אז ס'איז פון איהר מלאכה. מען זאָגט, אז א צווילינג זענען געראטען איינס אין אנדערען. — כ'וואָלט זאָגען: צוויי אינגלאך, אָדער צוויי מיידלאך; דאָס אבער— א אינגעל און א מיידעל — רעשיל און קדיש — ווי צוויי טראָפּענס וואסער!

קײלע

געבוירען געוואָרען אין א שלעכט מזל.

צביה

קלוגע קינדער.

קײלע

קלוגע קינדער... וואָס זעהען זיי אָן נעבעך אויף דער וועלט? מילא

ציטעל: די קלענערע אבער, וויפיעל זענען זיי אינגאנצען אלט? קינדער נאך קיין פופצעהן יאהר נישט אלט און רעשיל, שוין באלד פינף יאהר, אז דער טאבאק פרעסט זי אויף. קדיש איז שוין אויך באלד דריי יאהר אין פאבריק. וואלט איך געווען אין א בעסערען מצב... קדיש האט דאך, קיין עין הרע א מלך'שע קאפּ! און רע־שיל? האט זי דען ווער גלערענט שרייבען? און איהם?... פונ־דעסטוועגען ווי ער לעגט איין א בריוועל...

צ ב י ה

האט אזא שעהנעם האנדשריפט.

ק י י ל ע

און רעשיל? און ציטעל?

צ ב י ה

ס'איז טאקע א ברכה פון גאט.

פּ נ ח ס

קומט אריין.

צ ב י ה

דער חתן געהט! דער חתן קומט!

פּ נ ח ס

גוט'ן אבענד!

ק י י ל ע

א גוט יאהר... כ'האב טאקע געטראכט, אז דו וועסט קומען. האסטו אפשר געזעהן די קינדער?

פּ נ ח ס

כ'האב זיי נישט געזעהן. נישט געהאט קיין צייט. דאס בין איך געקומען געוואר ווערען: כ'האב געהערט אז זייער פאבריק האט זיך צוגעמאכט.

ק י י ל ע

וואס דו רעדסט! די טאבאק פאבריק? וועה איז מיר!

צ ב י ה

פאר וואס האבען די קינדער דערפון גאר נישט געוואוסט?

פּנחס

איך ווייס אויך נישט אויף קלאָר; כ'האָב אין גאס געהערט רעד־דען.

צביה

מסתמא נישטאָ קיין ארבייט.

פּנחס

אפשר ווינציג ארבייט, האָט ער פערמאכט. וואָס אַרט עס איהם אז מענשען וועלען אויסגעהן פאר הונגער... זיין ווייב און קינד וועלען האָבען פון וואנען צו לעבען.

צביה

אפשר מעהר פון צוויי הונדערט מענשען האָבען דאָרט געארבייט.

קיילע

וועה איז מיר! אויב ס'איז טאקע אן אמת — כ'ווייס גאָר נישט וואָס אונז וועט אויסקומען צו טהאָן. עפּעס א קלייניגקייט פופצעהן רובעל א חודש!

צביה

ס'קען זיין, אז נאָר אויף א קורצע צייט האָט מען די פאבריק פער־מאכט.

קיילע

מיר דאכט, אז די קינדער געהן שוין. באלד וועלען מיר וויסען.

צייטעל, רעשיל און קדיש קומען אריין. צייטעל טראָגט א פּעקעל אין פּאַפּיר איינגעוויקעלט.

קדיש

גוט יום־טוב!

צביה

זעהט נאָר ווי ער איז עס פרעהליך.

קיילע

וואָס, קינדערלאך, טאקע אמת, אז מען האָט צוגעמאכט די פאב־ריק?

צ י י ט ע ל

אמת, אמת. וועלען מיר זיך אביסעל אברוהעו.

ר ש י ל

פון וואנען ווייסט איהר שוין?

צ ב י ה

פנחס האט דערצעהלט.

ר ש י ל

מען האט בעצאלט פאר א גאנצע וואך.

ק י י ל ע

וועה איז מיר וואס וועט איצטער זיין? וואס וועלען מיר איצטער טהאן? דער טאטע האט זיך נעכטען אומגעשלעפט א גאנצען טאג אין די גאסען און האט קיין פרוטה נישט פערדינט. וואס האט איהר עס דארט פאר א פעקעל?

פ נ ח ס

מען האט נישט געזאגט, ווען די פאבריק וועט זיך ווידער עפע־נען?

ר ע ש י ל

ניין.

ק ד י ש

די מאמע וועט זיין אין כעס וואס מיר האבען אויסגעגעבען געל־.

צ י י ט ע ל

וועסט נישט זיין אין כעס, מאמע? מיר האבען געקויפט פאר דיר א ווארימע פאטשיילע.

ק י י ל ע

פאר מיר? ווער בעדארף עס דען האבען?

ר ע ש י ל

כ'האב פריהער געוואוסט, אז זי וועט אזוי זאגען.

ק י י ל ע

טאקע, ווער בעדארף האבען א נייע פאטשיילע?

צ י י ט ע ל

אלע בעדאפען עס האָבען. מען קען זיך שוין צודעקען מיט דער אלטער שמאַטע.

ק י י ל ע

אזא אומגליק, אזא אומגליק... ווער זאָל עס גאָר גלויבען אזא זאך.

צ י י ט ע ל

בינט אויף דעם פעקיל.

מען קען זיך דאָך לעבעדיגערהייד נישט לעגען אין דר'ערד אריין. וואָס זיצטו פנחס אזוי אומעטיג.

פ נ ח ס

אזוי, איך טראַכט.

צ י י ט ע ל

דו האָסט דאָך ארבייט.

ק י י ל ע

ביי זיי איז עס א שפּילכעל.

צ י י ט ע ל

גיב מיר קדיש א מעסער, כ'וויל איבערשניידען דעם שטריקעל, האָ־בען אזוי פערקניפּט, אז כ'קען נישט אויפבינדען... אָט אזוי... איהר זעהט א פּאַטשיילע!

צ ב י ה

א גרויע: אך, ווי שעהן!

ק ד י ש

קוק, מיט ווייסע פינטעלאך.

ר ע ש י ל

אָט קום צום לאָמפּ — זעהסט?

ק י י ל ע

א פיינע פּאַטשיילע, נישטאָ וואָס צו רעדען. וועה איז מיר...

צ י י ט ע ל

וועסט אפשר אויפהערען צו זיפצען?

ק י י ל ע

וויפיעל האָט איהר בעצאָהלט?

ר ע ש י ל

זאָל זי פריהער אָנמעסטען.

צ ב י ה

נאָך גרעסער פון מיין פאטשיילע!

ק י י ל ע

זאָגט מיר שוין, וויפיעל האָט איהר בעצאָהלט?

ר ע ש י ל

זאָלען זיי טרעפען. נו, טרעפט וויפיעל זי קאָסט?

פ נ ח ס

ווילסט איך זאָל טרעפען — טאָ לאָז מיר זי נאָר גוט בעטראַכ־טען.

ק י י ל ע

קאָסט אודאי מעהר ווי צוויי רובעל.

צ ב י ה

אודאי מעהר!

פ נ ח ס

איך זאָג אויך אז מעהר.

צ י י ט ע ל

איך בעט דיר, מאמע, הער אויף צו מאכען אזא טרויעריג פנים.

פ נ ח ס

וואָס טאקע, מחותנת'טע, נעהמט איהר זיך אזוי צום הארצען.

ק י י ל ע

איי, קינדערלאַך, איהר ווייסט גאָר נישט וואָס פאר א שווערע צייט עס רוקט זיך אָן. אזא ווינטער... אזא אומגליק.

צ י י ט ע ל

טהוט אָן די פאטשיילע אויף איהרע אַקסלען און שפּאצירט אום.

אַבער זעהט, וואָס פאר א גרויס!

פ נ ח ס

איך זאָג, אז איהר האָט בעצאָהלט דריי רובעל.

צ י י ט ע ל

איך האָב געוואוסט, אז זיי וועלען נישט טרעפען — אין איין ביסעלע האָסטו, פּנחס, נישט געטראָפען. אָט, לאָז, מאמע, איך ווע אָנמעסטען אויף דיינע אקסלען... קום אהער, וואס אנטלויפסטו? אָט אזוי... ביזט גאָר יונגער געוואָרען אין דער נייער פּאטשיילע.

ק י י ל ע

קינדערלאך, איהר וועט מיר פאָלגען? נעהמט, פּערפּאקט עס אין פּאפּיר און טראגט עס אָב צוריק.

ר ע ש י ל

וואָס זאָגסטו?

ק ד י ש

מיר וועלען שוין בעדארפען עס אבטראגען!

צ י י ט ע ל

מיינסט טאקע אין אמת'ן, מיר זאָלען אוועקטראָגען צוריק?

צ ב י ה

אָט, קיילעשו, מען בעדארף זיך שוין נישט אזוי אָבלאָזען. גאָט וועט העלפען. וואָס, די וועלט געהט שוין חלילה אונטער?

פ נ ח ס

מען וועט עס נישט וועלען צונעהמען צוריק.

ק ד י ש

שטענדיג דאגהט זי; דו, מאמע, דאגהסט שטענדיג.

ק י י ל ע

איהר וועט אנווערען א פּאָר גראָשען, און זאָל מען עס אָבגעבען צוריק. קום, קדיש'ל, מיין קינד, וועסט מיר ווייזען וואו איהר האָט עס געקויפט, וועל איך אליין געהן אהין.

צ י י ט ע ל

ב'וויים נישט וואָס דו ווילסט האָבען. מיר האָבען זיך אזוי גע-פרעהט. מיר האָבען זיך צונויפגעלעגט אלע דריי אינאיינעם. גע-

מיינט, זי וועט זיין צופרידען — צום סוף...

קיילע

איך בעדארף עס נישט, קינדערלאך.

צייטעל

דו בעדארפסט. האסט שבת נישט וואס אנצוטהאן.

צביה

וואס מיינט איהר טאקע, קיילעשו, מען קען זיך עס נעהמען און אריינלעגען זיך אין דר'ערד אריין? פאר דער צייט לעגט מען זיך נישט אין דר'ערד אריין.

קיילע

וואס בעדארף איך דען נאך האבען אויף דער וועלט? כ'וואלט נאר וועלען זעהן א שטיקעל נחת פון אייך קינדערלאך; מעהר נישט. מיר איז שוין, קינדערלאך, גוט ווי אזוי איך געה שוין אנגעטהאן.

רעשיל

אט וועל מירווארטען וואס דער טאטע וועט זאגען. יועסט שוין זעהר אז ער וועט גאר נישט זאגען.

קיילע

וואס בעדארף איך הערען, צו דער טאטע וועט זאגען, אז גוט האט איהר געטהאן? כ'ווייס אליין אין וואס פאר א מצב מיר זענען. דער טאטע געהט ארום און פערדיענט קיין גראשען נישט.

צביה

מען קען דאך, חלילה, נישט אויפהערען צו זיין מיט מענשען צו־גלייך.

צייטעל

קומט לאמיר געהן א טענצעל ארום איהר, אפשר וועט זי פרעהלי־כער ווערען. גיב א האנט פנחס.

צביה

איי, צייטעל, דערפאר האב איך אייך ליעב. מען בעדארף זיך נישט נעהמען צום הארצען.

ק ד י ש

דערוויל האבען מיר אזוי פיעל געלד!

פ נ ח ס

א סך מיט נאך.

ק י י ל ע

אודאי א סך מיט נאך.

ר ע ש י ל

און מיין געלט, וואס כ'האב אין באנק?

ק ד י ש

און מיין געלט, וואס כ'האב אין באנק?

ק י י ל ע

אלץ וואס איהר האט וועט אפילו אויף איין חודש נישט קלעקען.

ק ד י ש

איך וועל געהן העלפען דעם טאטען אויפקויפען אלטווארג.

צ ב י ה

וואס מיינט איהר, ער וועט וואלט נישט געקענט?

ק י י ל ע

זאל שוין זיין ווי ס'איז. אז איהר ווילט אזוי — זאל זיין אזוי.

ק ד י ש

וואס בעדארף איך האבען געלד אין באנק? איך בעדארף קלייבען נדן?

ר ע ש י ל

און איך בעדארף אויך נישט קלייבען קיין נדן:

צ י י ט ע ל

וועסט קריגען אזא חתן ווי איך, וועט ער דיך אויך נעהמען אהן נדן — אמת, פנחס?

ק י י ל ע

איהר חכמה'ט זיך קינדערלאך. וואס וועט פון די חכמות ארויס־קומען?

צ ב י ה

פנחס האט טאקע געקענט קריגען א שעהנעם נדן, אבער אזא מיידעל ווי צייטעל...

צ י י ט ע ל

פאר וואס עפעס, קנאפ מיידלאך זענען דא אין שטאדט?

פ נ ח ס

איך האב טאקי חרטה, וואס מיינסטו?

צ י י ט ע ל

קענסט נאך חרטה האבען.

צ ב י ה

אזוינע בחורים ווי פנחס האבען שוין נישט קיין חרטה. אבגעטהאן און פערפאלען.

ק י י ל ע

נו, וואס וועט זיין, קינדערלאך, געהט קיינער נישט מיט מיר?

פ נ ח ס

אט, לאזט געמאכט. איך וועל אומקעהרען דאס געלד און א סוף זאל עס נעהמען. איך גיב עס אייך א מתנה, גוט מחותנת'טע?

צ ב י ה

פיין! אט דאס הייסט א חתן.

צ י י ט ע ל

דאס וועלען מיר נאך זעהן. זאל די מאמע נישט מיינען, אז די וועלט געהט שוין אונטער.

ק י י ל ע

וואס וועט זיין, וואס וועט זיין? דער טאטע קאם וואס ער שלעפט די פיס. געהט אום איבער די הויפען שרייען מיט די לעצטע כחות.

צ י י ט ע ל

וואס וויינסטו? זעה נאר אויף איהר — וואס האסטו זיך צעוויינט?

ק י י ל ע

איי, קינדערלאך, קינדערלאך...

פ נ ח ס

מחותנת'טע, ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? טאָמער וועט נישט זיין קיין ארבייט וועלען מיר גאָר פּראווען א חתונה.

צ ב י ה

אנ'איינפאל.

צ י י ט ע ל

כ'האָב מיר אזש פערשעהמט.

צ ב י ה

וואָס שעהמט איהר זיך? כ'האָב פריהער געוויינט, און איצטער טראכט איך טאַקי, אז מיר איז, קיין עין הרע, גוט.

צ י י ט ע ל

אייך איז טאַקי אזוי גוט, צביה'שו?

צ ב י ה

איך האָב פריהער געוויינט: מיינע חתונה קליידער זענען אויף מיר אזוי ענג געוואָרען, כאָטש נעהם און וואַרף זיי ארויס.

צ י י ט ע ל

מסתמא פעט געוואָרען.

צ ב י ה

פון צרות פעט געוואָרען.

צ י י ט ע ל

וואָס האָט איהר פריהער געזאָגט?

פ נ ח ס

דאָס בענקט זי נאָך איהר מאַן.

צ ב י ה

איך בענק טאַקע. אז קדיש'ל וועט זיין א גוטער וועט ער מיר ווידער אָנשרייבען צו מיין מאַן דעם אדרעס.

ש ו א ל

קומט אריין. טראָגט אויפ'ן האַנט אַ פּאַק אַלטע קליידער.

א גוטען אבענד! וואָס זיצט איהר עפּעס אזוי אומעטיג?

קײלע

די קינדער זענען געבליבען אָהן ארבייט.

שואל

וואָס, טאַקע פערמאכט די פאבריק? מען האָט שוין לאנג גע־שמועסט פון דעם. אלע מענשען אָבגעשיקט אהיים?

פּנחס

אודאי.

שואל

נו, דאריבער איז וואָס, בעדאַרף מען אזוי דאגה'ן?

צייטעל

מיר האָבען געקויפט פאר איהרעטוועגען א פאטשיילע, נו, הייסט זי אונז, אז מיר זאָלען צוריק אבטראגען. זי זאָגט, אז מען בעדארף נישט. זאָגט, אז די שמאטעס זענען גענוג פאר איהר.

שואל

דאָס איז עס? א פיינע פאטשיילע. זעהר א פיינע. אליין אויסגע־קליבען?

קדיש

יא, מיר אליין.

שואל

מען בעדארף נישט אָבגעבען צוריק. קאָסט מסתמא אריבער דריי רובעל. זאָל שוין זיין, אויב מען האָט עס שוין געקויפט.

רעשיל

אבי זי האָט מורא.

שואל

איך קלער אפשר, איז גוט, וואס אזוי האָט זיך געמאכט. דאָס געלד האָט מען דאָך אייך אָבגעצאָהלט?

צייטעל

פאר א גאנצע וואָך.

קײלע

וואָס מיינסטו מיט דעם?

ש ו א ל

איך האָב עס נאָך פריהער געטראַכט, אז ס'וואָלט געווען די גלייכס־טע זאַך.

צ י י ט ע ל

וואָס מיינסטו, טאַטע?

ש ו א ל

איך מיין, אז מען זאָל אריינעהמען טאַבאַק אין שטוב — אהיים מיין איך.

פ נ ח ס

און דאָ אין שטוב מאַכען פאַפּיראָסען?

ש ו א ל

־אָס מיין איך.

ק י י ל ע

מען קען נאָך אריינפאַלען.

צ ב י ה

איך מיין אויך, אז ס'איז א קרומע זאַך.

פ נ ח ס

און איך טראַכט, אז ס'איז שוין גאָר נישט קיין קרומע זאַך.

ק ד י ש

זעהר גוט, טאַטע.

ק י י ל ע

וואָס ווייסטו, נאַריש קינד?

ש ו א ל

נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבען. קיינער וועט זיך נישט דער־וויסען. און טאָמער כאַפּט מען אונז... אבער ווער וועט עס כאַפּען?

ק י י ל ע

כ'האָב מורא.

ש ו א ל

ביזט א נאַר.

ק י י ל ע

מען קען נאָך חלילה אין קייטען אוועקגעהן.

ש ו א ל

אַט לאָז געמאַכט.

פּ נ ח ס

נישטאָ וואָס מורא צו האָבען.

צ ב י ה

און אפשר טאַקע, ווער ווייסט?

צ י י ט ע ל

איך זאָג אויך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען.

ר ע ש י ל

פאַר וועמען בעדאַרף מען דען האָבען מורא?

ש ו א ל

און מען וועט אויסמאַכען אַ סך מעהר ווי פריהער.

ק י י ל ע

דאָס האַרץ שרעקט מיר.

ש ו א ל

ס'איז מיר שווער אַרומצוגעהן אַזוי פיעל און שרייען אין די גאַסען. כ'וועל פערשפּאַרען צו שרייען אַזוי. וועל מיר נעהמען אַ פּעקעלע אונטער'ן אָרעם און צוטראָגען עס אין בעקאַנטע הייזער. ווער וועט דען וויסען וואָס איך טראָג דאָרט אונטער אָרעם?

צ י י ט ע ל

אודאי דער טאַטע איז גערעכט.

ש ו א ל

אַזוי בלייבט עס. מען וועט אָבוואַרטען אַ פּאָר טעג און דערנאָך, וועט מען אָנהייבען. מיט גאָטס הילף, ס'איז נישט קיין קרומע זאַך.

ק י י ל ע

איך בין מעהר נישט ווי אַ אידענע. כ'ווייס מיינט איהר?

ש ו א ל

אודאי ביזטו נישט מעהר ווי אַ אידענע און הער זיך איין וואָס

מען זאגט דיר.

צ ב י ה

קיילע האט שוין פריהער געוויינט אויך.

ר ע ש י ל

נו האבען מיר שוין טאקע געמעגט קויפען די פאטשיילע?

צ י י ט ע ל

אט, אדרבה מעסט נאר אן מאמע, דער טאטע זאל זעהן ווי שעהן ס'איז.

ר ע ש י ל

קום אהער, מאמע... אט לאז אנמעסטען.

צ י י ט ע ל

האלט זי צו... אט אזוי נעהם איהר נאר פאר די הענט... אט אזוי וועל איך איהר אנטהאן אויף די אקסלען.

מען טהוט דער מוטער אן די טוך מיט געוואלד.

צ ב י ה

צורייסט געזונד!

ש ו א ל

מילא, וועסט עס פערנוצען געזונדערהייד.

ק ד י ש

בי־בי־בי, נישט אויסגעפיהרט...

## צווייטער אקט.

די אייגענע דירה. ארום האלבען טאג.

צייטעל

זיצט ביים טיש און מאכט פאפיראסען. נעבען איהר אויפ'ן טיש ליגט א גאנצער בארג טאבאק.

פנחס

זיצט נעבען איהר העלפט איהר כלמורשט.

שואל

ליגט קראנק צו בעט.

צייטעל

דו טארסט, פנחס, איצטער דערפון נישט רעדען. דער טאטע ליגט קראנק; דאס איז ערשטענס און...

פנחס

וועסט דאך שפעטער אויך קענען מאכען פאפיראסען. און וואו בין איך אין דער וועלט? איך פערדין דאך אויך.

צייטעל

איך נעהם דאך די פערדינסטען נישט פאר זיך אליין!

פנחס

מיינסט, א גרויסע חכמה טהוסטו מיט דעם.

צייטעל

און דו וואלסט מיר הייסען, אז איך זאל זיי לאזען אויסגעהן פאר הונגער? לאזען, אז דער טאטע זאל שטארבען.

פנחס

איך וויים נישט, פאר וואס דו זאגסט עס.

צייטעל

און אויסער דעם אלעמען, צי קען איך גאר טראכטען פון אזא זאך.

פּ נ ח ס

אז דו פערשטעהסט נישט וואָס איך מיין.

ש ו א ל

הוסט.

צ י י ט ע ל

אָט אדרבה, זאָג אליין: צי קען איך גאָר איצטער קלערען פון חתונה האָבען? ווי ער הוסט! וואָס איז דיר, טאַטע?

זי געהט צום קראַנקענס געלעגער; הערט זיך צו.

פּ נ ח ס

ער איז אויף? כ'האָב געוואָלט מיט איהם רעדען אביסעל.

צ י י ט ע ל

ניין, ער שלאָפט. דאָס הוסט ער פון שלאָף.

פּ נ ח ס

פריהער האָסטו אַלץ אבגעלעגט, ווייל כ'בין נאָך נישט געשטאַ־נען צו מיליטער. איצטער ווידער ווייל...

צ י י ט ע ל

ווען דו וואָלסט געווען א זוהן דאָ אין שטוב וואָלסטו אזוי נישט גערעדט.

פּ נ ח ס

אנטקעגען וואָס זאָגסטו עס?

צ י י ט ע ל

איך מיין עס טאַקע אנטקעגען דעם, וואָס דו וואָלסט וועלען איך זאָל נעהמען און לאָזען זיי דאָ אויף הפקר. שלאָג זיך עס ארויס פון קאָפּ, פּנחס.

פּ נ ח ס

זעהר שלעכט וואָס דו האָלסט מיר דאָ פאר א פרעמדען. אפשר איז גלייכער אז איך זאָל שווייגען.

צ י י ט ע ל

קענסט אפשר טראַכטען, כ'ווייס דאָרט וואָס.

פּ נ ח ס

וואָס קען איך טראַכטען? איך קוק, וואָס דו זעהסט אויס אַזוי שלעכט. דאָס טראַכט איך.

צ י י ט ע ל

פון וואַנען זאָל איך אויסזעהן גוט? פון דעם גרויסען נחת וואָס כ'האָב?

פּ נ ח ס

ער נויגט איהר קאָפּ. קושט זי.

צ י י ט ע ל

טהו עס נישט, פּנחס.

פּ נ ח ס

ווילסט עס נישט ליידען...

צ י י ט ע ל

נישט איצטער איז אַ צייט דערפאַר.

פּ נ ח ס

ביזט גערעכט.

צ י י ט ע ל

צייטענווייז דוכט זיך מיר אויס, אַז דו ביזט נאָך גאָר אַ פרעמדער ביי אונז.

פּ נ ח ס

איך פערשטעה עס נישט.

צ י י ט ע ל

כ'וואָלט וועלען אַמאָל מיט דיר פון אַלצדינג רעדען: אויסוויינען זיך, און איך קען עס נישט.

פּ נ ח ס

עפּעס רעדסטו היינט אַזוי...

צ י י ט ע ל

אַך, ווען דו וואָלסט אַלצדינג וויסען; ווען איך זאָל קענען אַלצדינג פאַר דיר אויסדערצעהלען.

פ נ ח ס

כ'וועל שוין גאָר שווייגען .וועל איך אפשר מאכען בעסער.

צ י י ט ע ל

גאָט ווייסט, וואָס דו קלערסט איצטער איבער.

פ נ ח ס

כ'וויל דיר זאָגען, אז היינט פערשטעה איך שוין גאָר נישט וואָס מיט דיר איז. עס דאכט זיך מיר, אז דו בעהאלסט א סוד פון מיר.

צ י י ט ע ל

איך?

פ נ ח ס

עס זעהט אוים, גלייך ווי היינט וואלטען מיר זיך צום ערשטען מאָל זיך געטראָפען: גלייך, ווי דו וואָלסט מיר גאָר קיין מאָל נישט געקענט.

צ י י ט ע ל

אפשר ביזטו גערעכט.

פ נ ח ס

האָסט קיין מאָל אזוי נישט גערעדט צו מיר. פערשאפסט מיר עגמת־נפש און איך וויים נישט פאר וואָס און פאר ווען.

צ י י ט ע ל

פערקערט, איך וויל דיר קיין עגמת נפש נישט פערשאפען, דאריבער רעד איך נישט פון אלץ. נישט נאָר פון דיר אליין בעהאלט איך זיך אוים. די שטוב־לייט, ווען זיי וואָלטען וויסען...

פ נ ח ס

זאָג איך דאָך, אז דו בעהאלטסט זיך מיט עפעס אוים פון מיר. אויב דו האָסט עפעס אויפ'ן הארצען — האָסטו עס נישט וואָס צו בעהאלטען.

צ י י ט ע ל

ווי לאנג איך וועל קענען אָנציהען...

פּ נ ח ס

אויב אזוי, וועל איך מעהר נישט פרעגען; טהו זיך ווי דו פער־שטעהסט.

ד אָ ק ט אָ ר

קומט אריין.

דאָ איז א קראנקער?

צ י י ט ע ל

יא, הער דאקטער; מיין פאָטער איז קראנק.

ד אָ ק ט אָ ר

נעהמט פון זיך אראָב זיין פעלץ.

פּ נ ח ס

דער הער דאָקטער וועט מיר געבען וועל איך צוהאלטען.

ד אָ ק ט א ר

לעגט איהם אנידער וואו ס'איז. א פאטער איז עס. ער שלאָפט?

פּ נ ח ס

איהר פאָטער.

ד אָ ק ט א ר

שוין לאנג קראנק?

צ י י ט ע ל

עס טהוט איהם וועה אין הארצען שוין גאנץ לאנג, נאָר אז ער ליגט איז איינגאנצען פיער טעג.

ד אָ ק ט א ר

וואָס איז זיין ארבייט?

צ י י ט ע ל

קויפט אויף אלטע זאכען. ווען ער זאָל נישט בעדארפען שרייען דעם גאנצען טאָג.

ד אָ ק ט א ר

ער הוסט?

צ י י ט ע ל

נאָך ווי!

ש ו א ל

הוסט פון שלאָף.

צ י י ט ע ל

דו שלאָפסט, טאַטע? דער הער דאָקטאָר איז געקומען.

ש ו א ל

הא, דער הער דאָקטאָר..

ד אָ ק ט אָ ר

אַט אזוי, וועט איהר זיך אויפזעצען... וואו טהוט אייך וועה?

ש ו א ל

די הארץ, אוי...

ד אָ ק ט אָ ר

דעקט אויף אַ טייל פון'ם חולה'ס אויסגעטריקענטען קערפער און הויבט אָן אויסצוקלאפען.

אפשר איז פארהאן א ריינער האנטוך?

צ י י ט ע ל

אַביסעל צוטומעלט.

יא, הער דאקטאר... אפשר גוט אנ'אנדער זאך; כ'וועל פון א ריי־נער העמד אַברייסען א שטיק...

ד אָ ק ט אָ ר

גיט, דאָרט וואָס איהר וועט געפינען.

צ י י ט ע ל

דערלאנגט איהם אַ העמד. ער פערשפרייט אויפ'ן חולה'ס אַבגעדעק־טער פלייצע און הערט איהם אויס.

ד אָ ק ט אָ ר

ציהט דעם אטעם. אָט אזוי. נאָך אביסעל; טיעפער... טהוט וועה?

ש ו א ל

שטעכט. אוי.

ד אָ ק ט אָ ר

איהר קענט איהם צוריק אנידערלעגען. אָט אזוי, פאָרזיכטיג. פאר־האז טיגט און פעדער?

צ י י ט ע ל

גנעה, פנחס, נעהם ביי א שכנה טינט און פעדער.

פ נ ח ס

אט שוין.

געהט ארויס.

ד אָ ק ט א ר

טהוט וועה דער קאפּ, וואס?

ש ו א ל

אַלע אברים טהוען וועה.

צ י י ט ע ל

דערלאנגט א שטול דעם דאָקטאר.

ועט מוחל זיין זיצען.

ד אָ ק ט א ר

דאנק!

ש ו א ל

די כחות געהן אויס. מיט אמאל געבליבען אזוי פערשוואכט...

פ נ ח ס און הינטער איהם ק י י ל ע קומען אריין.

צ י י ט ע ל

אט איז שוין טינט און פעדער.

פ נ ח ס

אין דריי הייזער געוועזן ביז כ׳האב געקריגען.

ק י י ל ע

געהט צו אָהן ווערטער צום קראנקענס בעט און ווישט די טרערען.

ד אָ ק ט א ר

א מוטער?

ק י י ל ע

יא. די מאמע... איז דאָ א שטיקעל האָפנונג, אז ער וועט פון בעט אראָב?

ד אָ ק ט א ר

נו געוויס.

ק י י ל ע

און וואָס איז איהם?

ד אָ ק ט אָ ר

שוואך, דאָס אַלץ.

שרייבט אין זיין ביכעלע אויפ'ן קניה אַ רעצעפּט.

ק י י ל ע

פון וואנעו זאָלעו זיין כחות? מישטענס געזאָגט, פון דעם גרויסען נחת וואָס מען האָט?

ד אָ ק ט אָ ר

האָט קיין מאָל ניט געשפּיגען מיט בלוט?

ק י י ל ע

זאָל גאָט בעהיטען! ניין חלילה.

צ י י ט ע ל

קערט זיך אָב אַן אַ זייט, ווישט די טרערען.

ד אָ ק ט אָ ר

דאָ האָט איהר אַ רעצעפּט. וועט עס בעשטעלען אין אַפּטייק. וועט זיין אַ טראָפּענס. אַלע צוויי שעה צו צעהן טראָפּענס אין אַן עסלעפעל וואַסער. ווי איך זעה מאַכט מען דאָ פּאַפּיראָסען אין שטוב. ס'איז זעהר שעדליך פאַר אַזאַ חולה.

ק י י ל ע

וואָס זאָל איך טהאָן? מיין ביטער מזל... ס'וואָלט אונז אויסגעקומען פון הונגער צו שטאַרבען. כ'ווייס, אַז ס'איז אַ סם־המות. פריהער האָבען די קינדער ביי דעם געאַרבייט אין פאַבריק. געווען ווי ס'איז מיט וואָס זיך דורכצושלאָגען... אַזאַ פינסטערע פרנסה. אַהן הערצער זענען זיי אַלע געבליבען. אָט, דאָס איז מיינע אַ טאָכטער, אויך קאָם וואָס די נשמה האַלט זיך אין איהר... ס'טהוט איהר וועה אין הארצען, קלאָגט זי זיך.

צ י י ט ע ל

מיר איז גאַר נישט... איך בין געזונד...

ד אַ ק ט אָ ר

אויב איהר ווילט, אז ער זאָל ווערען געזונד מוזט איהר דעם טאַ־באַק ארויסנעהמען פון שטוב.

צ י י ט ע ל

אפשר קען מען אַבצאמען?

ד אַ ק ט אָ ר

דער שטארקער ריח וועט דאָך אָבער בלייבען אין שטוב

ער טהוט אָן זיין פּעלץ.

ק י י ל ע

זי רופט אָב אָן אַ זייט צייטלען, זוכט אין קעשענע און צעהלט אין איילעניש מטבעות.

ד אַ ק ט אָ ר

מען בעדאַרף נישט. רעכט אזוי...

די פרויען אַ ווײלע צוטומעלט.

ק י י ל ע

דאנק אייך, הער דאָקטאר... וואָס זאָל איך טהאָן צו מיין ביטער מזל... נישט געווען פאר וואָס צו רופען א דאָקטאר. געטראכט אפשר וועט עס מיידען...

ד אַ ק ט אָ ר

איהר קענט איהם געבען אַלץ צו עסען, וואָס נאָר ער פערלאַנגט. אזוי פון שארפע מאכלים זאָלט איהר זיך אביסעל אָבהיטען. יא, דעם טאַבאַק בעדאַרף מען צונעהמען פון שטוב... כ'וועל מאָרגען אי'ן דער צייט ווידער זיין באַנ'אייך. א גוטען טאָג.

געהט אַרויס.

צ י י ט ע ל

ס'אַרא טייערער מענש!

פּ נ ח ס

א פיינער מאַן.

ק י י ל ע

ווי אזוי ער האָט עס בעמערקט! כ'האָב געהאַט אין קעשענע עט־

ליבע גראַשען: מורא געהאט טאָמער איז עס צו קנאפּ, קאָן נאָך ווערען איין בעס... צום סוף...

פּ נ ח ס

איך וועל געהן אַבטראָגען די טינט און פעדער.

גערט אַרויס.

ש ו א ל

זיפצט.

ק י י ל ע

דו שלאָפסט, שואל? נו, ווי פיהלסטו זיך?

ש ו א ל

אוי, מיר איז שלעכט.

ק י י ל ע

וועה איז מיר, ווינד איז מיר...

ש ו א ל

כ'האָב געזאָגט, אז דער טאַבאַק וועט מיר עקען די יאָהרען. סם־המות.

צ י י ט ע ל

אפשר וואָלט מען בעטען, אז צביה זאָל איהר צימער אבטרעטען? זי וועט שלאָפען מיט אונז דאָ, ביז דער טאַטע וועט ווערען געזונד.

ק י י ל ע

ווי קען מען עס גאָר פערלאַנגען פון איהר? מיט א קליין קינד... וואָס האָסטו זיך, צייטעל אזוי פערטראַכט?

צ י י ט ע ל

הא?... גאָר נישט, גאָר נישט.

ק י י ל ע

וואָס איז מיט דיר?

צ י י ט ע ל

איך זאָג דאָך דיר גאָר נישט. כ'האָב זיך אזוי אביסעל פערטראַכט... געקלערט ווי מען ווערט פּטור פון דעם טאַבאַק.

ק י י ל ע

גאָט ווייסט, גאָט ווייסט.

פּ נ ח ס

קומט אריין.

צ י י ט ע ל

מען וועט בעדארפען ארויסנעהמען פון באנק דאָס ביסעל געלד וואָס מיר האָבען דאָרט; וועט זיין אויף דער הוצאה.

פּ נ ח ס

אָט וועל איך אייך געבען... מען בעדארף מאכען דעם רעצעפּט. נאָט אייך, מחותנת'טע, וועט איהר געהן בעשטעלען דעם רעצעפּט.

גיט איהר געלד.

ק י י ל ע

אפשר וועט נאָך דער וואָס איז הימעל זיך דערבארימען. מיט גאָטס הילף, כ'וועל עס דיר אבגעבען. זאָל ער נאָר פון בעט אראָב.

ש ו א ל

קיילע... וואו ביזטו?

ק י י ל ע

האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגען?

ש ו א ל

וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאר?

ק י י ל ע

ער האָט געזאָגט, דו וועסט מיט גאָטס הילף זיין געזונד.

ש ו א ל

מיט עפּעס זיך צו דערקוויקען... אפּלעציגען... כ'וואָלט מיר דער־קוויקט.

ק י י ל ע

יא, כ'וועל אפשר קריגען.

ש ו א ל

וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאר?

צ י י ט ע ל

ער זאָגט, אז דו וועסט ווערען אין גיכען געזונד.

פ נ ח ס

אפשר וואָלט מען בעדארפט געהן אין משמרת־חולים; נעהמען ביי זיי א צעטעל?...

צ י י ט ע ל

ניין, ניין, כל־זמן מיר קענען.

ק י י ל ע

ווישט די טרערען. געהט אַרויס.

צ י י ט ע ל

דעקט אריבער דעם טאַבאק, אויפ'ן טיש מיט אַ פּאַפּיר.

איך בעדארף עס נאָך האַלטען דעם מלאך המות אין שטוב! ווי אזוי ווערט מען פּטור פון דעם? וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס פאַר אן עצה קען איך מיר געבען?

פ נ ח ס

וואָס ביזטו אזוי צושראָקען?

ער זעצט זיך נעבען איהר און גלעט איהרע האָר.

צ י י ט ע ל

איך וויים גאָר נישט, איך וויים גאָר נישט. וואָס וועט איצטער זיין מיט זיי?

פ נ ח ס

וואָס מיינסטו? וואָס זאָל זיין מיט זיי? מאַלע וואָס א מענש ווערט קראנק? ער וועט ווערען געזונד און אלץ וועט זיין ווי געוועזן.

צ י י ט ע ל

הערסט ווי שווער ער אָטעמט. ווי ער פאכט מיט דער נשמה... הערסט?

פ נ ח ס

נו, ער איז דאָך קראנק. ס'איז פון שלאָף אזוי.

צייטעל

גאָט ווייסט.

הוסט.

פּנחס

דו האָסט אויך אָנגעהויבען די לעצטע צייט צו הוסטען.

צייטעל

איך?

פּנחס

יאַ, דו זעהסט אוים די לעצטע צייט אזוי שלעכט. אלע דאָקטוי־רים זאָגען, אז טאַבאַק איז זעהר שעדליך פאַר'ן הארצען.

צייטעל

יאַ...

פּנחס

וואָס ביזטו אזוי צוטראָגען? עפּעס יעדער מאָל, אז איך זיץ נע־בען דיר ווערט מיר אזוי אומעטיג. פאַר וואָס ווייס איך נישט. מיר האָבען דאָך געדאַרפט זיין פרעהלאַך.

צייטעל

רעד עס נישט איצטער. איך קען עס איצטער נישט הערען. כ'וואָלט אפשר שוין בעדאַרפט פון אלץ פערגעסען... ווארום וואָס קען איך נאָך האָפען...

פּנחס

וואָס רעדסטו?!

צייטעל

איך זעה דו שרעקסט זיך, פּנחס.

פּנחס

איידער דער דאָקטאר איז געקומען האָסטו עפּעס אָנגעהויבען צו רעדען אזוי פערשטעלט; און איצטער — איך פערשטעה נישט וואָס מיט דיר איז, צייטעל. שוין באַלד דריי יאָהר אז מיר קענען זיך און דו, ווי דו וואָלסט זיך פון מיר וועלען מיט עפּעס אויסבע־האַלטען. דאַרפסט וויסען, אז מיר טהוט עס וועה. יאַ, עס פער־

דריסט מיר; ס'האָט נישט בעדארפט זיין אזוי. נאָר איך פערשטעה אלצדינג.

צייטעל

וואָס פערשטעהסטו, זאָג מיר?

פנחס

דו האלסט מיך פאר א נאַר. מיינסט אז כ'זעה שוין גאָר נישט.

צייטעל

אדרבה, וואָס ווייסטו? זאָג מיר.

פנחס

איך וויים, אז אויסער דעם טאַטענס קראנקהייט איז נאָך א זאך פארהאן, וואָס דו בעהאלסט אוים פון מיר. ווילסט נישט דער־צעהלען.

צייטעל

אויב דו מיינסט, אז איך בעהאלט פון דיר אזעלכע זאכען... איי, פנחס, דו האסט א גרויסען טעות.

פנחס

טאָ פאר וואָס פערשאפסטו מיר שמערצען.

צייטעל

אז איך וועל דיר דערצעהלען וועט נאָך ערגער זיין.

פנחס

מיר מעגסטו אלץ אויסזאָגען. איך זעה, אז דו קענסט מיך נישט.

צייטעל

געהט צום קראנקענס בעט. שטעהט דאָרט אַ ווײַלע זעהר טרויע־ריג, אויפגערעגט.

פנחס

קום צו מיר, צייטעל.

צייטעל

אט בין איך נעבען דיר, פנחס. וואָס ביזטו אזוי צושראָקען?

פנחס

איך בעט דיר, צייטעל, טהו מיר נישט אָן קיין צער.

צ י י ט ע ל

קוסט איהם צערטליך.

פ נ ח ס

וואס איז מיט דיר היינט, צייטעל?

צ י י ט ע ל

האסט דאך עס פריהער געוואלט.

פ נ ח ס

ניין, נישט דאס מיין איך.

צ י י ט ע ל

נארעלע דו, וואס שרעקסטו זיך? מיט מיר איז גאר נישט...

זי הויבט אָן הוסטען. געהט אָב צום טיר און ווערגט זיך, ווי זי וואָלט זיך וועלען פון איהם אויסבעהאלטען.

פ נ ח ס

געהט צו איהר. פערקוקט איהר פנים.

וואס איז דאס, צייטעל?! בלוט?... ס'איז דאך בלוט!...

צ י י ט ע ל

בלאס, ציטערט פון קעלט.

פ נ ח ס

ס'איז נישט אמת, עס קען נישט געמאלט זיין.

צ י י ט ע ל

יא, פנחס: בלוט...

פ נ ח ס

פונדעסטוועגען זיי נישט אזוי צושראקען.

צ י י ט ע ל

כ'האב געמיינט, אז כ'וועל אמאל אנזעהן א שטיקעל ליכט, אין ביטער לעבען פערגעסען. איצטער — א סוף צו אלע האפנונגען.

פ נ ח ס

ווי לאנג איז עס שוין? פאר וואס האסטו עס מיר נישט דער־צעהלט? מען דארף פרעגען א דאקטאר. מען האט דאך בע־דארפט...

צ י י ט ע ל

וואָס האָב איך דען צו פרעגען? איצטער איז מיט אַלעמען א סוף.
וואָס האָב איך דען נאָך צו האָפען?

פ נ ח ס

נאַרישקייטען רעדסטו, אָט וואָס. מען טאָר נישט רעדען אזוי אָט וואָס...

ווישט די טרערען.

צ י י ט ע ל

ניטע, פנחס, טהו עס נישט... איך האָב ד״ר נישט דערצעהלט;
כ׳האָב דיר נישט געוואָלט אָנטהאָן קיין צער און דערצו...

פ נ ח ס

מיר האָסטו בעדאַרפט באַלד דערצעהלען. אָט וואָס.

צ י י ט ע ל

כ׳האָב געטראַכט... אזוי ביזטו נאָך מיט מיר; וועסט זיך אבער דערוויסען, אז כ׳בין אזוי קראַנק — אפשר...

פ נ ח ס

אז דו ביזט גאָר נישט אזוי קראַנק. ווער האָט עס דיר איינגערעד׳ט, אז דו ביזט... וועסט זעהן, אז גאָר אין גיכען וועסטו ווערען צו־ריק געזונד.

צ י י ט ע ל

דו האָסט זיך דאָך אויך דערשראָקען.

פ נ ח ס

דערשראָקען.. ס׳איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניגקייט... בלוט פון האַלז... ס׳איז דאָך בלוט.

צ י י ט ע ל

ווען כ׳וואָלט כאָטש אויף איין חודש געקענט ארויס פון דער שטוב; פטור ווערען פון דעם טאַבאַק. איך פיהל ווי עס דערקירצט מיר די יאָהרען.

פ נ ח ס

ווי לאַנג איז שוין, אז דו ווייסט עס?

צ י י ט ע ל

נאָך אין פאַבריק זייענדיג האָב איך געשפּירט עפּעס אזא וועהטאָג אין הארצען. כ'האָב געמיינט, אז ס'איז גאָר נישט. זיצענדיג מיט אנדערע מיידלאַך, מען לאַכט, מען זינגט — כ'האָב גאָר נישט געשפּירט ווי דער טאַבאַק נאָגט מיר אוים דאָס הארץ. דאָ, אין דער היים האָט זיך עס אלץ מיט אמאָל אראָבגעלאָזען. אלץ מיט אמאָל.

פ נ ח ס

הער, צייטעל, איך נעהם דיך צו פון דאַנען.

צ י י ט ע ל

וואָס הייסט?

פ נ ח ס

אויף איין חודש וועסטו פון דאַנען ארוים.

צ י י ט ע ל

וואוהין?

פ נ ח ס

ווייסט, וואוהין! איך וועל אויסגעפינען ערגעץ א טרוקענע דירה, וואו דו וועסט קענען זיי א חודש. כ'וועל דיך מיט געוואלד צוגעה־מען פון דאַנען.

צ י י ט ע ל

און דער טאַטע?

פ נ ח ס

מאכסט דען איהם גרינגער מיט דעם וואָס דו ביזט דאָ? רעשיל איז דאָך דאָ.

צ י י ט ע ל

זיי וועלען דאָך פון הונגער אויסגעהן.

פ נ ח ס

פאָלג מיר, צייטעל; דו פאָלג נאָר מיר. איך וועל זעהן אז אלץ זאָל גוט זיין. איך פערדין דאָך. איך וועל אלע מיינע פערדינסטען ברענגען אהער און דו פאָלג נאָר מיר.

צ י י ט ע ל

און אויף וועמעס פּלייצעס וועל איך ליגען?

פּ נ ח ס

איך וועל אלצדינג פון זיך פערקויפען. נאַקעט, אָהן א העמד וועל איך בלייבען און וועל דיך נישט לאָזען פאלען. אָט, זעהסט, דאָס קייטעלע מיט דעם זייגערעל — אויף כפּרות! איך בעדארף עס נישט האָבען. ווער איז אין דעם שולדיג, אויב נישט דו אליין? גלייך ווי דו האָסט נאָר דערשפּירט, אז דיר איז נישט גוט, האָסטו מיר עס בעדארפט דערצעהלען. ווער איז שולדיג, אז דו האָסט געשוויגען. נאר מילא, וואָס געווען — איז פערפאלען. איצטער אבער, מיינסטו, אז איך וועל מיר אזוי לאָזען דו זאָלסט זיין קראנק? איך וועל דיר נישט לאָזען, דו זאָלסט אזוי אויסגעהן ווי א ליכט.

צ י י ט ע ל

ניין, איך קען פון דאנען נישט אוועקגעהן.

פּ נ ח ס

פאר וואָס?

צ י י ט ע ל

איך קען עס דער מאַמען נישט אויסזאָגען. זי וועט זיך דערוווי־סען... ניין, ניין איך קען נישט.

פּ נ ח ס

איך וועל רעדען מיט איהר.

צ י י ט ע ל

טהו עס נישט, פּנחס. זאָל שוין געהן ווי עס געהט. איך קען פון דאנען נישט געהן.

פּ נ ח ס

ער כאַפּט זי ארום און קושט איהר קאָפּ.

צ י י ט ע ל

פּנחס, מיין לעבען...

פ נ ח ס

איך וועל דיר נישט לאזען זיין קראנק: ניין, ניין.

צ י י ט ע ל

איך שרעק זיך זעהר... מיר דאכט זיך, אז אלץ איז שוין פערפא־לען...

פ נ ח ס

נישט פערפאלען. דו ביזט געזונד. ס'איז אלץ גאר נישט. אפשר האט זיך נאר אזוי אויסגעדאכט...

ש ו א ל

וואכט אויף. הוסט.

צ י י ט ע ל

ביזט אויף, טאטע?

ש ו א ל

מיר איז שלעכט... האט מען געבראכט די רפואות?

צ י י ט ע ל

די מאמע איז אוועקגעגאנגען בעשטעלען.

ש ו א ל

וואס האט געזאגט דער דאקטאר?

צ י י ט ע ל

אז דו וועסט באלד זיין געזונד. וועסט קענען אראב פון בעט.

ש ו א ל

אוי, ווער ווייסט... גאט ווייסט... פנחס...

פ נ ח ס

אט בין איך. וואס מאכט איהר?

ש ו א ל

איך ווער דערשטיקט. כ'וואלט קענען אויף א ווייל זיך אויפ־הויבען... אראבגעהן... אויף איין ווייל...

שלאפט איין.

צ י י ט ע ל

געהט אויף די שפיץ פינגער צוריק אויף איהר ארט נעבען טיש.

פּנחס

די מאַמע געהט, איך וויל מיט איהר רעדען.

ציי טעל

ניין, ניין..

קיילע

קומט אַריין.

נו, וואָס הערט זיך? אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט זיין פאַרטיג די רפואות. אפשר וועט דער וואָס אין הימעל רחמנות האָבען. וואָס ער שלאָפט די גאַנצע צייט? פון שוואַכקייט שלאָפט ער, וועה איז מיר.

צייטעל

זאָגסטו אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט זיין פאַרטיג?

קיילע

וואָס ביזטו אַזוי בלייך? זעהסט אויס אַזוי שלעכט.

צייטעל

פון וואַנען זאָל איך גוט אויסזעהן? דער גרויסער נחת וואָס מיר האָבען דאָ? פאַר וואָס עסטו גאָר נישט, מאַמע? האָסט דאָך נאָך היינט גאָר נישט געהאַט אין מויל?

קיילע

ביזט אַ קינד, וואָס דאַגהסטו פאַר דער מאַמען? מיר מיין קינד וועט שוין גאָר נישט זיין... קינד מיינס הער אויף צו וויינען. גאָט וועט זיך דערבאַרימען. נו, און דו, האָסטו עפּעס גענומען אין מויל?

צייטעל

יאָ, איך האָב נישט לאַנג געגעסען.

געהט אַרויס.

קיילע

נישטאָ קיין נחת. כ'האָב געמיינט, די קינדער וועלען אַביסעל אונטערוואַקסען; וועט אַביסעל זיין גרינגער. צום סוף האָט זיך אַלץ מיט אַמאָל אַראָבגעלאָזען אויף אונזערע קעפּ. ער איז קראַנק. די קינדער געבליבען אָהן אַרבייט... און דאָס קינד, צייטלען מיין

איך, זעהט אוים אזוי שלעכט. אלץ דער טאבאק, וועה איז מיר. וואלט עפּעס אַנ׳אנדער פאבריק געווען. וואָס רעדט מען אין שטאָדט, וועט זיך די פאבריק אפשר עפענען אין גיכען?

פּנחס

און, אז זי וועט זיך עפענען איז וואָס?

קיילע

וויים וואָס רעדסטו? פריהער איז דאָך אזא דלות נישט געווען. כאָטש געווען געגוג אויף דער הוצאה. אָט, וויפיעל זיי האָבען נישט פערדינט — איז דאָך אזוי שלעכט נישט געווען.

שואל

קיי־לע, וואו ביזטו?

קיילע

ווילסט עפּעס, שואל?

שואל

מיר איז שלעכט. איך ווער דערשטיקט. וואָלט מען עפּעס צוקלע־רען. אפשר די רפואות... וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

פּנחס

אפשר וואָלט מען גאָר בעטען אז מען זאָל זיי נעהמען אין הקדש אריין?

שואל

אין הקדש?

קיילע

ווען מען וואָלט נאָר וועלען צונעהמען.

שואל

כ׳וועל שוין בעסער דאָ בלייבען. וואָס וועט זיין — ט׳זיין. בלייבען אין שטוב. ס׳הארץ איז שוואך. דעם טאבאק מ׳זאָל צונעה־מען.

קיילע

וואָס פאר אן עצה גיט מען זיך. וואוהין זאָל איך געהן? וואו זאָל איך מיר קערען און ווענדען?...

ש ו א ל

כ'וויל אין שטוב. אפשר בעשערט שוין... וויל איך אין שטוב.

ק י י ל ע

פאר געזונדע מענשען איז דאָ סם־המות. אָהן כחות איז ער גע־בליבען. אפשר זאָל מען ארויסנעהמען די לעצטע קינדערשע געלד און מען זאָל זעהן אנ'אַנדער דירה? אפשר ליכטיגער... טריקענער.

פּ נ ח ס

אודאי בעדארף מען עס טהאָן.

ק י י ל ע

ווען מען וואָלט געקענט אויסזוכען עפּעס א קעלער, זאָל נישט זיין אזוי טיעף. די פענסטער זאָלען ארויסקומען אין א ליכטיגע־רער זייט... נאָר ווי אזוי... ווי אזוי?...

פּ נ ח ס

צייטעל האָט אויך בעדארפט ארויסציהען פון דאנען.

ק י י ל ע

נו, אודאי. ס'איז פאר אלעמען דאָ א סם־המות.

פּ נ ח ס

איך מיין טאקי איהר. זי האָט בעדארפט אוועק פון דאנען. ס'א סכנה פאר איהר, ווען זי זאָל דאָ בלייבען.

ק י י ל ע

דאָס זאָג איך דאָך אויך. קאָם וואָס די נשמה האלט זיך אין איהר.

פּ נ ח ס

אַז איהר ווייסט גאָר נישט וואָס מיט איהר איז. איך אליין וועל זעהן, אז זי זאָל אוועק פון דאנען.

ק י י ל ע

וואָס מיינסטו? ווילסט מיר עפּעס; הא? וואָס האָסטו גאָר וואָס געזאָגט?!...

פּ נ ח ס

כ'מיין גאָר נישט. אזוי זאָג איך, אז איך וועל אליין, אויף מיין

חשבון נעהמען פאר איהר ערגעץ אן אנדער דירה... וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? איך מיין דאך גאר נישט.

קיילע

פנחס'ל, מיין גאלד! מיר וועסטו נישט פערלייקענען. עפעס אזוינס ווייסטו... זאג מיר, וואס איז מיט מיין קינד? האט חלילה עפעס געטראפען מיט איהר? איך בעט דיר... זאלסט מיר די מינוט אלץ זאגען.

פנחס

ניין, גאר נישט... זי אליין זי האט נישט געוואלט דערצעהלען.

קיילע

איך וועל דיך, מיין קינד, נישט אבלאזען ביז דו וועסט מיר נישט דערצעהלען. ווארום ווער זאל וויסען אויב נישט א מאמע?... לעגסט מיר נאר אן שטיינער אויפ'ן הארצען מיט דעם וואס דו ווילסט מיר נישט דערצעהלען. איך בין דאך א מאמע בין איך...

פנחס

איך זאג אייך, אז ס'איז גאר נישט. אומזיסט שרעקט איהר זיך.

קיילע

איך וועל דיך נישט אבלאזען. א מאמעס הארץ קען מען נישט פערלייקענען. ס'הארץ זאגט מיר עפעס... פנחס מיין גאלד... איך לאז דיך נישט אב...

פנחס

ווישט די טרערען.

זי האט מיר דערצעהלט אז זי איז קראנק... ס'צעך בעוויזען בלוט פון האלז.

קיילע

הא? ! וואס, בלוט? ציימעל?... וואו איז זי? ציימעלע, מיין קינד! וואו ביזטו? וואו איז זי? וואוהין איז זי געגאנגען? נשמה מיי־נע... איך וועל עס נישט אויסהאלטען...

אײלט אויף דרויסען.

פ נ ח ס

וואוהין לויפט איהר?

געהט איהר נאָך.

ש ו א ל

וואכט אויף. קרעכצט.

אוי, איך ווער דערשטיקט... איין ביסעלע לופט... גיט מיר אביסעל לופט...

ער וויל זיך אויפזעצען נאָר זיין קאָפּ פאלט צוריק.

# ד ר י ט ע ר  א ק ט.

די אייגענע וואוינונג ווי פריהער. ערב־שבועות. ארום האַלבען טאָג. צ ב י ה בעט אוים אַ בעט און קלאַפּט אויף די קישען, זאָל זיין ווייך. ק ד י ש שטעהט דאביי, האַלט צביה׳ס קינד אויפ׳ן האַנט. פון צביה׳ס צימער קו־מען אַן ק י י ל ע און ר ע ש י ל פיהרען אונטער די אָרעמס צ י י ט ל ע ן.

צ ב י ה

שוין די בעט אויסגעבעט!

צ י י ט ע ל

אין איין העמד. ס׳פּנים אויסגעטריקענט, בלויז אַ ראזער פארב שפּיעלט אין די איינגעפאלענע באקען. זי קוקט זיך ארום ווי צום ערש־טען מאָל וואָלט זי אין דעם צימער געוועזן.

ק י י ל ע

פאר א יאהרען אין דער צייט, וועה איז מיר — כ׳האָב גאָר אליין נישט געוואוסט ווי גליקליך איך בין.

צ י י ט ע ל

דאָ וועט מיר זיין גוט. דאָ איז ליכטיגער. גרינגער צו אטעמען.

צ ב י ה

אין דער בעט וועט טאקע זיין וויבער אויף.

צ י י ט ע ל

וואָס פאר א בעט איז עס?... ניין. כ׳וויל נישט אין דער בעט. ס׳איז דאָך... ניין ברענגט אריין יענע בעט.

ק י י ל ע

נו, גוט, מיין קינד. מע וועט דיר אריינברענגען דיין בעט. אָט אזוי,

שפּאַר זיך אָן אויף מיין אַקסעל... אַזוי וועט דיר זיין גוט. גען, רע־
שעלע, וועסט העלפען צביה'ן אריינברענגען יענע בעט... וואָס פאַר
אַן אומגליק האָט זיך עס אויף מיין קאָפּ אַראָבגעלאָזען.

צביה און רעשיל

טראָגען אריין פון צימער אַ בעט.

קיילע

איצטער, מיין קינד, קענסטו שוין זיין רוהיג. איצטער איז שוין
גוט.

צביה

איהר קיילעשו זאָלט נאָר נישט אָנווערען די האָפנונג. איך זעה, אַז
איהר אַליין זענט ביי זיך געפאַלען. דער זומער קומט, גאָט וועט
געבען צייטעל וועט ווערען געזונד.

צייטעל

שטעלט די בעט אין מיטען שטוב. ליכטיגער. געמיינט דאָרט ווער
איך דערשטיקט.

קיילע

אַלץ וואָס דו ווילסט, מיין קינד. אָט אַזוי. קענסט זיך שוין לעגען.

צייטעל

איך קען זיך ניט האַלטען אויף די פיס.

לעגט זיך.

רעשיל

דאָ וועט דיר טאַקע זיין גוט.

קיילע

אין אַזא שעה, וואָס מיר האָבען דיך אַרויסגענומען אהער, זאָל דער
וואָס אין הימעל אָנזעהן מיין פּיין. וואָס וואָלט איך דען פער־
לאַנגט פון זיין נאָמען, ווען ער וואָלט מיך נאָר געלאָזען אין מיין
פריהערדיגען מצב? וואָס האָט מיר דען געפעלט ווען מיין מאַן
און מיינע קינדערלאַך זיינען מיר געווען געזונד. כ'האָב זיך דען
חלילה בעקלאָגט אַמאָל, אַז מיר איז נישט גוט? שטענדיג בין
איך דאָך געווען צופרידען. שטענדיג.

צ ב י ה

גיב מיר, קדיש, מיין אוצר. דיר טהוען שוין וועה די הענט האַל־טענדיג פּייוולען... פייגעלע מיינס! אוצר מיינער! נחת מיינער!

ק י י ל ע

דו, צביה, אומזיסט און אומנישט דארפסטו זיך פּלאָגען אזוי, וואָס ביזטו נעבעך שולדיג! האָסט זיך געקענט ערגעץ וואוינען און נישט צוזעהן דאָס אלץ.

צ ב י ה

אויב יעדערער וועט זאָרגען נאָר פאר זיך אליין, וועלען דאָך מענ־שען, חלילה, פאלען ווי פליגען אין די גאסען.

ק י י ל ע

ווי אזוי וועל איך עס קענען דיר אָבדאנקען?

צ ב י ה

זאָל נאָר גאָט געבען, אז צייטעל זאָל ווערען געזונד.

ק י י ל ע

איך קלעהר, אז כ'זאָל רעשלען אָבגעבען ערגעץ דינען. וואס וועל איך דען נאָך וואַרטען?

ר ע ש י ל

און ווער וועט זיין אין שטוב?

ק י י ל ע

איך אליין, מיין קינד.

ר ע ש י ל

אזוי ווילט זיך דיר. וועסט דען קענען זיצען אליין אלע נאכט?

ק ד י ש

איך קען דאָך ביינאכט אויף זיין.

ר ע ש י ל

ניין. איך קען די שטוב נישט לאָזען. מיין הארץ וועט שטענדיג דאָ זיין. שטענדיג וועלען וויסען, וואָס דאָ הערט זיך.

צ י י ט ע ל

זאָל רעשיל בלייבען אין שטוב. מיר ט'זיין אומעטיג אָהן איהר...

כ'וואָלט וועלען ארוים אויף דער גאס. כאפען אביסעל פרישע לופט. אומעטיג. אז מענשען זיצען ארום מיר, איז מיר נישט אזוי שלעכט. מיין איך, אז כ'ווער געזונד; מיר איז בעסער... אוי, אלע ביינער טהוען מיר וועה. אלע גלידער טהוען מיר וועה.

צ ב י ה

אודאי, אז מען איז קראנק איז נישט גוט. אז מען ליגט לאנג אויף איין אָרט הויבען אן אלע ביינער וועה צו טהאָן.

ק ד י ש

היינט איז ערב־שבועות.

צ י י ט ע ל

היינט איז ערב־שבועות.

ק י י ל ע

פאר־א־יאָהרען שבועות.. מסתמא ווייס דאָך דער וואָס אין הי־מעל וואָס ער טהוט... צייטעל, נשמה מיינע, אפשר זאָל איך דיר עפּעס געבען צו קוויקען זיך?

צ י י ט ע ל

ס'איז מיר גוט. מהום....

צ ב י ה

אפשר זאָל מען אוועקגעהן פון בעט, וועט צייטעל אביסעל איינ־דרעמלען. איז דאָך א גאנצע נאכט געווען אויף.

צ י י ט ע ל

זיצט נעבען מיר. מיר איז גרינגער, אז איהר זיצט נעבען מיר. וואו איז קדיש? שטענדיג בעהאלט ער זיך.

ק ד י ש

אָט בין איך דאָך. איך שטעה שטענדיג נעבען דיר.

צ י י ט ע ל

דו בעהאלסט זיך. האָסט מורא צו זיצען נעבען מיר... מיר איז ליכטיגער, אז אלע זיצען ארום מיר. אזוי שרעקט מיך... אז איך כאפּ מיר אויף פון שלאָף, קיינער נישטאָ... קיינער... כ'קוק מיר ארום, קיינער נישטאָ איז מיר..

ק ד י ש

דער דאָקטאָר האָט דאָך אָנגעזאָגט, דו זאָלסט נישט רעדען קיין סך.

צ ב י ה

אודאי האָט ער אָנגעזאָגט. מיר זיצען אַלע נעבען בעט. איהר קענט איינדרימלען. קיינער וועט נישט אַוועקגעהן.

ר ע ש י ל

אַט וועל איך זיך זעצען נעבען דיר אויפ'ן בעט.

צ י י ט ע ל

וואָס איז געווען פאַר־אַ־יאָהרען ערב שבועות?

צ ב י ה

פאַר־אַ־יאָהרען איז דער צייט איז נאָך מיין מאַן געווען אין דער היים. אפשר איבער אַ יאָהר אין דער צייט וועל איך שוין אויך זיין אין אַמעריקע.

צ י י ט ע ל

געהאַט פון איהם אַ בריף?

צ ב י ה

איהר געדענקט? איך האָב דאָך אייך נעכטען דערצעהלט, אַז כ'האָב געהאַט פון איהם אַ בריף.

ק י י ל ע

מיט דעם אויבערשטענס הילף, נאָך אביסעל און דיר וועט גוט זיין.

צ ב י ה

צייטעל זעהט היינט אויס בעסער. איידער איך וועל אַוועקפאָהרען צו מיין מאַן וויל איך נאָך טאַנצען ביי צייטלען אויף דער חתונה.

ק י י ל ע

הלואי. נו, וואָס, מיין קינד, איז דיר דאָ בעסער?

צ י י ט ע ל

דאָ זעה איך די ליכט. גרינגער. דאָרטען, געמיינט, יעדע שעה צען יאָהר...

קדיש

מען קען שוין עפענען א פענסטער.

צביה

כ'קלער, אז ס'איז נאָך צו פריה.

ציטעל

מיר איז גוט. זעצט מיך אנידער. אַט אזוי, האלט מיך צו. אַט אזוי.

קיילע און רעשעל, פון ביידע זייטען האלטען זי אונטער.

צביה

איך האָב אייך געזאָגט, אז ציטלען ווערט בעסער!

ציטעל

ווען איך וואָלט עס קענען אראָב פון בעט. ווען איך זאָל עס קע־נען ארויסגעהן דרויסען... לייענט מיר, צביה, דעם בריעף, וואָס איז אייך אָנגעקומען פון אמעריקע.

צביה

אודאי, ציטעלע, וועל איך לייענען. ווען איך זאָל נאָר וויסען, אז אייך וועט בעסער ווערען. כ'וואָלט ביז'ן עק וועלט געגאנגען פון דאָרטען אייך ברענגען א רפואה... אַט, איז דער בריף. קדיש וועט לייענען. גוט, קדיש'ל? ער האָט אזא שעהנעם כתב, יעדער אות— ממש א חיות!

קיילע

דאָס שרייבט ער אליין?

צביה

מיט זיין האנט, ווייסט ווי דען? ער האָט געוואָלט מיך אויס־לערנען שרייבען, נאָר ער איז אוועקגעפאָהרען. נו, וועסטו לייע־נען, קדיש?

ציטעל

זאָל רעשיל לייענען. ס'איז מיר אָבער שווער איינצוזיצען. בעסער

לעגט מיך אנידער. אַט אזוי.. .האלט די האנט, מאמע אונטער מיין קאָפּ. ס'איז מיר גרינגער.

קײלע

נו, שוין, מיין קינד.

צײטעל

לייען הויך. איך זאָל הערען.

רעשיל

לעזט.

פיעל געליעבטע צביה, לעבען זאָל.

צײטעל

ער שרייבט אליין?

צביה

אודאי אליין. שרייבט אפילו דעם אדרעס אויך אליין.

רעשיל

לעזט.

ראשית קום איך דיר, מיין טייערע, צו מעלדען, אז איך בין ברוך השם געזונד. גיב גאָט דאָס זעלבע פון דיר צו הערען אמן... צוויי־טענס, קום איך דיר צו מעלדען, אז איך פערדין מיט צוויי דאָלאר א וואָך מעהר: ס'הייסט, אז איך מאַך, גאָט צו דאנקען, ניין דאָ־לאר א וואָך, און איך האָף, אז כ'וועל אין גיכען פערדינען מעהר. איך בין געוועזן היינטיגען שבת אין שול האָט מען מיך אויפגע־רופען מפטיר. אז איך בין געקומען אהיים האָט זיך מיר זעהר פערבענקט אהיים... כ'האָב געמיינט, אז שוין צעהן יאָהר בין איך פון דער היים, אזוי האָט זיך מיר געבענקט צו זעהן, דיך און פייוועלען...

קײלע

גאָט וועט איהם העלפען וועט ער דיך אין גיכען אריבער־נעהמען צו זיך. וואָס וועט דיר דען פעהלען ביי איהם?

צביה

נו אודאי; כוואָלט כאָטש איצטער שוין געפאָהרען צו איהם. ווע־

מען און וואָס האָב איך דען דאָ? ער שרייבט, אז דאָרט מאַכט מען א לעבען, אז...

צייטעל

הויבט פלוצלונג אָן וויינען. בעגראָבט דאָס געזיכט אין קישען.

קיילע

טאָכטער מיינע, וואָס איז דיר?

רעשיל

זאָל איך לייענען?

צייטעל

כליפעט.

קדיש

אפשר געבען אביסעל וואסער?

קיילע

קושט צייטלען.

נשמה מיינע, פאַר וואָס וויינסטו? דיר איז דאָך דאָ בעסער. האָסט דאָך אליין געזאָגט, אז דיר איז גוט. נו, הער אויף, קינד מיינס. פאַר וואָס בין איך נישט קראנק געוואָרען אנשטאָט דיר?

צייטעל

פאַר וואָס קומט עס מיר? פאַר וואָס האָט מען מיך אזוי בע־שטראָפט?... צי דען בין איך אזוי...

צביה

אז איך בין אַלט געווען פיערצען יאָהר בין איך אמאָל קראנק גע־וואָרען, נישט היינט געדאַכט, אויף טיפעס. ווער האָט שוין דען געזאָגט אז איך וועל פון דער שלאָפקייט ארויסקומען. מ'האָט שוין געוועון אָבגעזאָגט דעם לעבען. און זעהט איהר דאָך: גאָט האָט געוואָלט, איך זאָל פאַר דער צייט נישט געהן פון דער וועלט — בין איך שוין א מאמע און האָב א פייוועלע אויפ'ן האנט... מהום... אוצר מיינער!

רעשיל

וויפיעל מאָל בין איך שוין געווען קראנק!

ק ד י ש

ווען דער טאַטע וואָלט נישט געווען אין דעם קעלער.

צ ב י ה

אַ. וואָס איז דער חילוק? אַז גאָט וויל שיקען זיין רפואה — שיקט ער אין קעלער אריין אויך.

ר ע ש י ל

לייענען ווייטער?

צ ב י ה

צייטלען איז שווער צו הערען... עס טהוט איהר וועה דער קאָפּ.

בעהאַלט דעם בריעף אין קעשענע.

צ י י ט ע ל

ניין, צביה, מיר איז נישט שווער. ס'האָט מיר נאָר אַזוי פער־קוועטשט אין הארצען אביסעל. מאמע!

ק י י ל ע

וואָס, נשמה מיינע?

צ י י ט ע ל

ס'איז דאָך ערב־שבועות, פאר וואָס גרייטסטו גאָר נישט צו... ס'איז דאָך יום טוב...

ק י י ל ע

ווישט די טרערען.

וואָס איז מיר שוין דער יום טוב, אַז דער וואָס אין הימעל שטראָפט מיר אַזוי?... ווען דו זאָלסט זיין געזונד...

צ ב י ה

פונדעסטוועגען בעדאַרף מען נישט זיין אַזוי נידערגעפאַלען. איך וועל אייך לייען אַ רובעל און איהר געהט, קיילעשו, און קויפט איין אויף יום טוב. ס'וועט גאָר פרעהליכער ווערען אין שטוב. מען צינדט אָן ליכט ווערט טאַקע עפּעס פרעהליכער אין שטוב. מיין מאַמע פלעגט זאָגען, אַז צוליב דעם זכות פון שבת און יום טוב העלפט גאָט. איך האָב געמיינט, אַז איהר קיילעשו, וועט זיין אַ מענש, צום סוף גאָר זעה איך, אַז איהר האָט אָנגעוואָרען די האָפ־

נונג. דערלאנגט איהר געלד. מיין מאמע פלעגט זאָגען, אז א מענש כל זמן ער לעבט, לעבט ער.

צייטעל

קויף עפּעס איין מאמע; מאך יום טוב אין שטוב.

קיילע

נו, גוט, מיין קינד. איך וועל מאכען יום טוב. כ'וועל מאכען יום טוב.

ווישט די טרערען.

צייטעל

הער אויף, מאמע. כ'בעט דיר...

קיילע

נו, שוין, מיין קינד. כ'וועל מעהר נישט וויינען. וועסט, קדישל, מיין לעבען, געהן צו פנחס'ן, זאָל ער דיר העלפען איינקויפען.

צייטעל

געה נישט צו איהם. זיין מאמע איז אין כעס.

קדיש

איך בעדארף איהם נישט האָבען. איך קען אליין אויך איינקויפען. זאָג מיר נאָר, וואָס איך זאָל קויפען.

קיילע

קויף א צוויי חלות. יא, א צוויי חלות... קויף ליכט. מען וואָלט אפשר פליגעלאך, א צוויי פיסעלאך קריגען, וואָלט איך פאר איהר אויך געקאָכט...

צביה

אָט, נאר דיר נאר, רעשיל, מיין אוצר. האלט מיר פייוולען און איך וועל זיך אליין ארויסכאפּען. איך וועל שוין וויסען וואָס איינצוקויפען.

קדיש

איך וויים אליין.

געהט ארויס.

צ ב י ה

ווארט נאָר וואַרט, איך געה אויך... אַט אזוי רעשעלע, ער שלאָפט, האלט איהם אזוי... וועט ער שלאָפען ביז איך וועל קומען, וועל איך איהם געבען די ברוסט.

ק י י ל ע

מיט וואָס, צביה, וועל איך דיר עס קענען אָבדאנקען?

צ ב י ה

איהר וועט מיר שוין אָבדאנקען, אז צייטעל וועט געזונד ווערען אין גיכען.

(געהט ארויס.

ק י י ל ע

ווער וואָלט עס גאָר געקענט זאָגען, אז צביה זאָל אזוי דאָס לע־בען מקריב זיין פאר אונז? ווען נישט זי, וועה איז מיר, מיר וואָלטען חלילה דאָ אויסגעגאנגען, און קיינער וואָלט נישט גע־וואוסט.

ר ע ש י ל

פייוועלע איז אויך אזא גאָלד.

ק י י ל ע

איך האָב שוין גאָר דעם חשבון פערגעסען; איך וויים שוין גאָר נישט אפילו וויפיעל כ׳האָב ביי איהר אָנגעבארגט.

צ ב י ה

(קומט אריין.

איך בין אייך געקומען זאָגען, אז מען קען שוין עפענען א פענס־טער, אזוי ווארים איז עס. איך וועל גאָר פייוועלען נעהמען מיט זיך. טאָמער כאפט ער זיך אויף וועל איך איהם קענען געבען זיי־גען.

ק י י ל ע

מען קען אויפראַמען ביי דיר אין צימער.

צ י י ט ע ל

איך וועל שוין דאָ ליגען... ענטשולדיג, צביה, וואָס כ׳לאָז אייך

נישט לעבען.

צביה

אַט, נעהמט זיך נישט צום הארצען. ווערט נאָר געזונד. איך וועל טאַנצען באַנ'אייך אויף דער חתונה... איך וועל פאר מיר עפּעס איינקויפען אויף יום טוב... יא, צייטעלע מיר וועלען נאָךביידע טאַנצען.

צייטעל

נאָך אלעמען...

קיילע

טויזענדער מענשען ווערען קראַנק און ווערען צוריק געזונד. דער וואָס אין הימעל העלפט. קוקסט, מיין קינד, וואָס איך וויין?... ס'איז מיר פינסטער, וויין איך. איך בין עלענד, ווי א שטיין, קיי־נער זעהט נישט אָז מיינע יסורים... דו ליגסט קראַנק און כ'האָב נישט מיט וואָס דיך צו ראַטעווען. איך וויין... ווי אזוי זאָל איך נישט וויינען...

וויינט אויפ'ן הויכען קול.

צביה

מען טאָר נישט אזוי, קיילעשו.

געהט ארויס.

צייטעל

וואָס א טאָג ווער איך אלץ מעהר צוגעשמידט צום געלעגער. דאכט מיר, אז כ'וועל שוין מעהר קיין מאָל נישט אראָב פון בעט.

קיילע

עס דאכט זיך דיר נאָר אזוי, מיין קינד. וועסט ווערען געזונד, וועס־טו זעהן, ווי אזוי דו וועסט פון בעט אראָב.

צייטעל

איך וויל זעהן פנחס'ן. רעשיל, רוף פנחס'ן אהער מיר איז שלעכט.

קיילע

אפשר זאָל איך דיר עפּעס געבען אין מויל אריין? אפשר זאָל איך דיר געבען אביסעל מילך?

צ י י ט ע ל

כ׳קען עס מעהר נישט פערטראַגען. געה רעשיל רוף איהם...

ר ע ש י ל

טאַמער איז ער נישטאָ אין שטוב?

ק י י ל ע

געה וועסטו זעהן.

ר ע ש י ל

*געהט ארויס.*

ק י י ל ע

*שטעהט אויף.*

צ י י ט ע ל

לאָז מיך נישט אַליין... מיר איז נישט גוט אַליין.

ק י י ל ע

איך לאָז דיך נישט מיין קינד. אפשר וועסטו איינדרימלען און איך וועל זיצען נעבען דיר?

צ י י ט ע ל

היינט איז ערב שבועות, הא, מאמע?

ק י י ל ע

האָסט דען פערגעסען? האָסט דאָך פריהער אַליין אונז דערמאָנט אז היינט איז ערב שבועות?

צ י י ט ע ל

מיר דרעט זיך דער קאָפּ. איך פערגעס... מיר דאַכט זיך...

*פערמאַכט די אויגען.*

ק י י ל ע

אט אזוי, דרימעל איין, מיין קינד.

צ י י ט ע ל

*עפענט ווידער די אויגען.*

זיצסט נעבען מיר, מאמע?

ק י י ל ע

שרעק זיך נישט מיין קינד. כ׳וועל פון דיר נישט **אבטרעטען.**

צ י י ט ע ל

איך בין זעהר מיעד, זעהר מיעד...

ק י י ל ע

שלאָף, מיין גאָלד, איך זיץ נעבען דיר.

צ י י ט ע ל

מיט אַ העכערע שטימע.

נישטאָ פּנחס?

ק י י ל ע

וואָס איז דיר, נשמה מיינע? אזוי שלעכט איז דיר?

בעקומט נישט קיין ענטפער. ווישט אין דער שטיל די טרערען.

צ י י ט ע ל

אוי, מאמע!

ק י י ל ע

וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? זיי רוהיג, מיין קינד. מיין לעבען, פאר מיין קינד. פערמאַך די אויגען און שלאָף איין. איך וועל נישט לאָזען, חלילה, קיין בייז אויף דיר פאַלען.

שטיל. זי שפּארט אָן דעם קאָפּ אויפ'ן קראנקענס בעט.

פּ נ ח ס

קומט אריין.

ק י י ל ע

ווינקט ער זאָל געהן שטילער.

פּ נ ח ס

קומט צו אויף די שפּיץ פינגער. שטעהט אַ ווײַלע ביים בעט, קוקט זי אָן שוויַיגענדיג.

ק י י ל ע

טרעט אָב שטיל פון בעט.

פּ נ ח ס

וואָס מאכט זי? זי שלאָפט?

ק י י ל ע

איצטער איינגעדרימעלט. הערט זיך נישט אויף צו פרעגען אויף

דיר. כ׳האָב נאָר וואָס רעשלען געשיקט צו דיר.

פּ נ ח ס

נאָך וואָס?

ק י י ל ע

זי האָט האָט געבעטען, מען זאָל דיך רופען.

פּ נ ח ס

וויינט זי נאָך איצטער אויך?

ק י י ל ע

זי האָט מורא. עס פאַלט אויף איהר אָן א פּחד, אז זי בלייבט א ווייל אליין. צוליב דעם האָבען מיר זי ארויסגענומען אהער.

פּ נ ח ס

דאָ וועט טאקע זיין בעסער.

ק י י ל ע

וואָס פאר א פּעקעלע טראָגסטו דאָ?

פּ נ ח ס

דאָ האָב איך ווײַן געבראכט אין וויניגע צוקערקאלאך; זאָל זי האָבען וואָס אין מויל צו נעהמען.

ק י י ל ע

וואָס זאָגט דיין מאמע?

פּ נ ח ס

וואָס האָב איך צו פרעגען ביי איהר?

ק י י ל ע

איך וויים נישט, אויב איך וואָלט בעסער געווען. א מאמע וואָלט וועלען האָבען נחת פון איהרע קינדער. ס׳איז גאָר נישט קיין וואונדער, אויב זי איז אין כעס.

פּ נ ח ס

וואו זענען די קינדער?

ק י י ל ע

רעשלען, זאָג איך דאָך, האָב איך צו דיר אוועקגעשיקט. און קדיש׳ל איז געגאנגען עפּעס איינקויפען אויף יום־טוב. זי האָט געבעטען,

מען זאָל מאַכען יום־טוב וועט איהר זיין פרעהליכער... וואָס וועט ווערען פון די שטיקלאַך קינדער, גאָט ווייסט.

פּנחס

געהט צום בעט און בויגט זיך אַריבער צום קראַנקען. הערט זיך איין.

קיילע

ווי געפינסטו זי?

צייטעל

כאַפּט זיך אויף דערשראָקען. מערקט נישט פּנחס'ן נעבען בעט.

קיילע

וואָס פאַר אַ גוט'ס איז דיר, טאָכטער מיינע, וואָס דו האָסט זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען אזוי צו שרעקען?

צייטעל

הא, פּנחס, דו ביזט דאָ? כ'האָב דיך אזוי געוואָלט זעהן... פאַר וואָס ביזטו נישט געקומען אהער?

פּנחס

אָט בין איך דאָך. איך בין נעבטען אויך געוועזן. וואָס מאַכסטו?

צייטעל

הא? מיר איז ערגער. עס שרעקט מיך.

קיילע

וואָס האָסטו זיך איצטער אזוי דערשראָקען?

צייטעל

עס דאַכט זיך מיר אזוינע שרעקליכע זאַכען.. עס דאַכט זיך מיר... געמיינט, אז כ'בין אריינגעפאַלען אין אַ וואַסער אריין. אין אַ ברונעם אריינגעפאַלען. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט... פּנחס, פאַר וואָס זיצטו נישט?

פּנחס

אָט זיץ איך שוין. איז עס דיר אזוי שלעכט?

ארײַנלעגען אין מויל אַרײַן?

צ י י ט ע ל

רעגט זיך.

יאָ, כ'האָב געמיינט...

פ נ ח ס

כ'האָב דיר געבראַכט ווייניגע צוקערקעלאַך, זאָל איך דיר איינס

ק י י ל ע

נעהם איינס אין מויל אַרײַן. פּנחס האָט געבראַכט.

צ י י ט ע ל

שרעק זיך נישט. מיר איז בעסער, פריהער האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזען. דער זומער געהט. מיר וועט בעסער ווערען... אוודאי... גיב מיר איינס אין מויל...

ק י י ל ע

לעגט איהר אַ ציקערל אין מויל.

צ י י ט ע ל

איך בין דאָך נישט אַזוי קראַנק. הא? כ'בין דאָך נישט געפּעּרלאַך... פאַר וואָס איז דער פּאָלאַפּ אַזוי שוואַרץ? אַ שרעק ווי שוואַרץ ער איז... פּנחס! וואָס זאָגסטו? איך בין נישט אַזוי קראַנק.

הוסט.

ק י י ל ע

רעד נישט אַזוי הויך מיין קינד. קענסט דאָך רעדען שטילער; מיר הערען ווען דו רעדסט.

צ י י ט ע ל

נעכטען איז דער טאַטע מיר געקומען צו חלום... כ'האָב איהם געזעהן. געמיינט, ער לעבט. געקומען זעהן, וואָס איך מאַך.

ק י י ל ע

אפשר האָט ער פאַר דיר אין הימעל בעבעטען. אפשר וועט טאַקע דער וואָס אין הימעל אַנזעהן מיינע יסורים.

צ י י ט ע ל

הא?... כ'האָב געוואוסט אז ער איז געשטאָרבען. כ'האָב נישט געהאט קיין מורא... איך... פנחס, וואו ביזטו?

פ נ ח ס

אַט זיץ איך דאָך נעבען דיר.

צ י י ט ע ל

זעהט אויס, אַז זי וויל איהם עפּעס זאָגען. קוקט צו דער מוטער צושטרייט.

ק י י ל ע

קינד מיינס, איך בעדארף אויף א ווײַלע ארויסגעהן. פנחס וועט זיצען נעבען דיר. וועסט זיך נישט שרעקען, אז כ'וועל ארויס־געהן?

צ י י ט ע ל

מיר איז גוט. מיר איז... קענסט געהן.

ק י י ל ע

געהט שטיל ארויס.

צ י י ט ע ל

געהסט אוועק, מאמע?

פ נ ח ס

זי איז שוין אוועקגעגאנגען.

צ י י ט ע ל

זי קוקט איהם לאנג אָן.

פ נ ח ס

זאָל איך דיר אפשר געבען אביסעל וויין?

צ י י ט ע ל

רעדט מיט אַלע כחות.

וואָס דארפסטו אזוי פיעל ליידען, פנחס? צוליעב מיר... פאר וואָס...

פ נ ח ס

רעד נישט אזוי הויך. איך הער דאָך אזוי...

צ י י ט ע ל

כ׳האָב זיך פריהער דערשראָקען. שטארק דערשראָקען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז דו ביזט געשטאָרבען, פּנחס...

פּ נ ח ס

וואָס ביזטו אזוי אומרוהיג?

צ י י ט ע ל

די מאמע איז ארויסגעגאנגען. כ׳האָב רחמנות אויף דער מאמען... פּנחס!

פּ נ ח ס

וואָס?

צ י י ט ע ל

גאָר נישט. איך טאָר נישט רעדען... אפשר... וואָס ביזטו שולדיג...

פּ נ ח ס

איך האָב דאָך דיך ליעב ווי מיין לעבען... געוויס האָב איך צער, וואָס דו ביזט קראנק — אבער דו וועסט אין גיכען ווערען צוריק געזונד.

צ י י ט ע ל

יא, דער זומער געהט... גיב מיר דעם שפּיגעל, פּנחס, איך וועל זעהן...

פּ נ ח ס

אומזיסט שרעקסטו זיך אזוי. אָט זיץ איך דאָך נעבען דיר. האָסט דאָך אליין געזאָגט, אז דיר איז גוט. אז דער זומער געהט... יא, כ׳האָב דיר פערגעסען צו דערצעהלען, אז איך האָב געקריגען אר־בייט. קען זיין, אז נאָך יום טוב וועל איך קריגען ארבייט פאר די קינדער אויך.

צ י י ט ע ל

פּנחס!

פּ נ ח ס

וואָס?

צ י י ט ע ל

האָב נישט קיין מורא... אויב דו ווילסט נישט — זאָג. האָב נישט קיין מורא.

פ נ ח ס

ווילסט מיר עפּעס זאָגען — טאַ פאר וואָס ווערגסטו זיך מיט די ווערטער? אַלץ וועל איך טהאָן פון דיינעטוועגען.

צ י י ט ע ל

וועסטו עס טהאָן?

פ נ ח ס

איך זאָג דאָך דיר — אַלץ, וואָס נאָר דו וועסט מיר בעטען.

די טרערען ווערגען איהם אין האלז.

צ י י ט ע ל

בערוהיג זיך... פּנחס. אונז וועט נאָך זיין גוט. מיר וועלען נאָך זיין אינאיינעם. דער זומער געהט. איך וועל אראָב פון בעט... ווייז נישט.

פ נ ח ס

שטאַרקט זיך.

דאָס דאכט זיך נאָר אויס. איך וויין נישט. וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגען?

צ י י ט ע ל

די מאמע נישטאָ?

פ נ ח ס

זי איז פריהער אוועקגעגאנגען. וועט באלד קומען צוריק.

צ י י ט ע ל

דער פּאַלאַפּ אזוי שטארק שווארץ...

פ נ ח ס

דיר דאכט זיך אזוי אויס. אַט בעסער קוק נישט צום פּאַלאַפּ. קוק צום פענסטער, איז ליכטיג.

צ י י ט ע ל

האַלט מיר צו. כ׳וויל זיך זעצען.

פ נ ח ס

אַט אזוי נעהם ארום מיין האַלז וועט דיר זיין גרינג זיך אויפצו־הויבען.

צ י י ט ע ל

זי בינדט זיך אַרום זיין האַלז.

אַט אזוי מיין טייערער, פּנחס, מיין ליעבער, פּנחס... אזוי טייער ביזטו מיר... אזוי... הא מיר איז גוט; אזוי גוט... מיין...

קושט איהם זיין פּנים.

פ נ ח ס

אַט אזוי וועל איך דיר אונטערהאַלטען. דיר איז גוט?

צ י י ט ע ל

ווען כ'וואָלט אזוי געקענט זיצען לאַנג. אזוי... פּנחס!

פ נ ח ס

וואָס ווילסטו מיר זאָגען?

צ י י ט ע ל

לאָז נישט אונזער שטוב, אז כ'וועל שטארבען, הא...

פ נ ח ס

רעד נישט קיין נארישקייטען. וואָס האָסטו זיך אין קאָפּ אריינ־גענומען? דו וועסט ווערען געזונד. אומזיסט שרעקסטו זיך.

צ י י ט ע ל

רעשיל איז א טייער קינד.. לאָז זיי נישט... הא... פּנחס...

פ נ ח ס

איך בעט דיר, הער אויף.

צ י י ט ע ל

רעשיל איז... איך נויט דיך נישט... איך... לעג מיך אנידער...

פ נ ח ס

וואָס שרעקסטו זיך אזוי?

צ י י ט ע ל

ווילסט נישט... הא...

פ נ ח ס

אדרבה, איך געפין, אז דיר איז בעסער... דיין פנים זעהט אויס א סך בעסער ווי נעכטען. גאַר אומזיסט שרעקסטו זיך אזוי. גלויב מיר, דיר איז בעסער.

צ י י ט ע ל

איך נויט דיך נישט... אויב דו ווילסט נישט בעדארף מען נישט... כ'האָב געמיינט, רעשעל... פנחס...

פ נ ח ס

וואָס איז דיר?

צ י י ט ע ל

מיר איז שלעכט... נישטאָ קיין לופט. פינסטער... זעץ מיך אני־דער... פנחס!

פ נ ח ס

בויגט זיך אראָב צו איהר. לעגט ארום איהרע הענט ארום זיין האלז און אזוי, פאמעלאך, גלייכט ער זיך אויס אויפזעצענדיג זי.

## פ י ע ר ט ע ר  א ק ט.

וואוינונג ווי פריהער. זומער. פארנאכט.

ר ע ש י ל

קומט ארויס פון אַנדערען צימער. אָבגעריסען, בארוועס. קוקט זיך אומעטיג ארום, ס'פנים פול מיט עלענד. זוכט אין קליין אַלמערעל, גע־פינט דאָרט קרישלאך ברויט און שיט עס אין מויל אריין. ווישט די טרערען. וויל, ווי עס זעהט אויס, ארויסגעהן דרויסען, נאָר זי דער־הערט טריט. בלייבט ווארטען ביים טיר.

ק ד י ש

קומט אריין.

ר ע ש י ל

קוקט איהם פאַרשענדיג אָן.

נו?

ק ד י ש

כ'האָב ניט געקענט. נישט געוואוינט.

ר ע ש י ל

האָסט געזעהן דער מאמען?

ק ד י ש

איך האָב זי גאָר נישט געזוכט.

ר ע ש י ל

אפשר זאָלען מיר עפּעס פערקויפען פון שטוב?

ק ד י ש

וואָס קען מען פערקויפען?

ר ע ש י ל

שוין באלד אלץ טאקע פערקויפט.

קדיש

אזוי ווילט זיך דיר עסען?

רעשיל

קלעמט אין הארצען.

קדיש

כ'וועל אפשר נאָך אמאָל פּרובען גּעהן... איך קען עפּעס נישט. ווי נאָר איך גּעה צו צו די קוישען הויבט מיר אָן צו ציטערען הענט און פים.

רעשיל

מען קען דיך טאקע כאפּען.

קדיש

כ'האב געוואָלט ארויסנעהמען א קרענצאָל בייגעל.

רעשיל

געה נישט. מען קען דיך נאָך טאקי כאפּען. די מאמע וועט זיך דער־וויסען וועט זי אפשר...

קדיש

איך וועל טאקע נישט געהן מעהר.

רעשיל

איך בין עפּעס בלייך?

קדיש

בלייך.

רעשיל

מיין פּנים איז זעהר דאר?

קדיש

קלאפּט מיט'ן פינגער אויף איהר באַק.

אויסגעדארט. הויט און ביין. פאר וואָס פרעגסטו?

רעשיל

הא?...

קדיש

זאָל איך אפשר נאָך אמאָל געהן?

ר ע ש י ל

וואַרט נאָך אַביסעל. אפשר וועט די מאַמע קומען. זי וועט מסתמא ברענגען עפּעס צו עסען.

ק ד י ש

ווייסט נישט וואוהין זי איז געגאַנגען?

ר ע ש י ל

ניין.

ק ד י ש

*לעגט זיך אויף ד'רערד מיט'ן פּנים אַרויף.*

וואָס מיינסטו, אפשר איז זי געגאַנגען בעטען נדבות?

ר ע ש י ל

איך ווייס נישט. איך קלער, אַז נישט.

ק ד י ש

פאַר וואָס זענען מיר אַזוי אָרים געוואָרען?

ר ע ש י ל

ווייסט, קדיש, אַט דאָ טהוט מיר וועה. זעהסט אַט דאָ, אין האַר־צען.

ק ד י ש

שטעכט?

ר ע ש י ל

ניין, עס טהוט אַזוי וועה, ווי מען זאָל דאַרטען מיט'ן האַנט קוועטשען.

ק ד י ש

און די זייט?

ר ע ש י ל

אין זייט.. איך ווייס נישט. דאַכט זיך, אַז נישט. הער זיך איין גוט.. לעג צו דעם אויער, ווי דער דאָקטאָר טהוט עס. אפשר וועסטו עפּעס הערען.

ק ד י ש

וואָס קען איך הערען?

ר ע ש י ל

אויב דאָרט איז עפּעס אינוועניג. דער דאָקטאָר הערט דאָך מסתמא עפּעס ווען ער לעגט צו דעם אויער.

ק ד י ש

איך קען זיך נישט אויפשטעלען. זעץ זיך אויף דר׳ערד.

ר ע ש י ל

אָט זיץ איך שוין, נאַ לעג צו דעם אויער, אָט דאָ, צום הארצען.

ק ד י ש

מען הערט נישט.

ר ע ש י ל

אפשר ווייל די זאכען, לאָז איך ווער זיך אָבשפּילען. נו איצטער...

ק ד י ש

ביזט אזוי מאָגער... אלע ביינער זעהן זיך ארוים ביים זייט.

ר ע ש י ל

נו לעג צו דעם אויער.

ק ד י ש

איך הער גאָר נישט. ציה דעם אָטעם.

ר ע ש י ל

ציהט דעם אָטעם.

ק ד י ש

נאָך שטארקער!

ר ע ש י ל

איך קען נישט. ס׳טהוט וועה.

ק ד י ש

וואו טהוט וועה?

ר ע ש י ל

אָט דאָ, אונטער׳ן הארצען.

ק ד י ש

אפשר איז דערפאר וואס דו האָסט נאָך היינט נישט געגעסען?

ר ע ש י ל

דאס איז דאך הונגער; דאס איז עפעס אנדערש. מיר טהוט וועה. אזוי ווי אינעווייניג וואלט געווען א וואונד.

ק ד י ש

לאז, איך וועל נאך אמאל הערען!

ר ע ש י ל

גוט, גוט, הער זיך איין. לאז, איך וועל נאך א קנעפעל אבשפילען.

ק ד י ש

איך פערשטעה גאר נישט. א דאקטאר וואלט שוין געהערט.

ר ע ש י ל

איך האב מורא.

ק ד י ש

הא?.. דיינע פים זענען אזוי שווארץ.

ר ע ש י ל

הא?...

ק ד י ש

האב נישט קיין מורא. ס'איז גאר נישט.

ר ע ש י ל

א הארץ... עפעס נישט קיין קליינינקייט. פון וואס דען איז צייטעל געשטארבען?

ק ד י ש

צייטעל האט דאך געשפיגען מיט בלוט.. אבער איך וועל געהן נאך אמאל, כ'האב קיין מורא נישט.

שטעלט זיך ענערגיש אויף.

ר ע ש י ל

געה נישט קדישל; איך האב מורא צו בלייבען אליין אין שטוב.

ק ד י ש

וואס האסטו מורא? ס'איז דיר דען צום ערשטען מאל אליין צו בלייבען?

ק ד י ש

עפּעס היינט האָב איך מורא.

ק ד י ש

פאר וואָס?

ר ע ש י ל

כ'האָב מורא, אז ס'קען נאָך ארויסגעהן בלוט.

ק ד י ש

וואָס?!..

ר ע ש י ל

דו האָסט אויך מורא.

ק ד י ש

דו רעדסט נארישקייט. איך וועל געהן נאָך אמאָל. איך וועל עפּעס קריגען צום עסען. איצטער איז שוין פינסטערער, וועט זיין גרינ־גער. מען טאָר נישט הונגערען!

ר ע ש י ל

זיץ נאָך אביסעל נעבען מיר. באלד ווערט פינסטער און כ'וועל האָבען מורא.

ק ד י ש

ווייסט וואָס, קום דו אויך מיט.

זעצט זיך ווידער אויף דר'ערד.

ר ע ש י ל

פאר וואָס זיצען מיר אויף דר'ערד?

ק ד י ש

וואָס ארט דיר? זעהסט, ס'איז שוין באלד גוט פינסטער.

ר ע ש י ל

איך קלער, פאר וואָס מיר זענען געוואָרען אזוינע גרויסע אָרימע־לייט. פאר וואָס איז עס אזוי, קדיש'ל?

ק ד י ש

וואו קען איצטער זיין די מאַמע?

ר ע ש י ל

וויפיעל טעג קען מען לעבען אהן עסען ?

ק ד י ש

מיט וואסער אליין וואלט מען געקענט לעבען ?

ר ע ש י ל

כ'האב א סך מאל געטרונקען און פונדעסטוועגען ווילט זיך מיר עסען.

ק ד י ש

איך קלער, אז א וואך קען מען לעבען אהן עסען.

ר ע ש י ל

א וואך איז צופיעל.

ק ד י ש

איך קלער אז.. גאר נישט... כ'האב גאר נישט געוואלט זאגען...

ר ע ש י ל

אך, ווי צייטעל האט עס נישט געוואלט שטארבען !

ק ד י ש

זעהר נישט געוואלט.

ר ע ש י ל

וואס מיינסטו, קדיש, אז מען זאל זיך איינשפארען, נישט וועלען שטארבען — וועט עס העלפען ?

ק ד י ש

ביזט א נאר.

ר ע ש י ל

מען שפארט זיך איין.. נישט פערמאכען די אויגען, און גאר נישט ?

ק ד י ש

נו, אז מען וויל שלאפען, העלפט עס גאר נישט ; מען מוז פערמאכען די אויגען און שלאפען. ס'איז גוט וואס מען כאפט זיך אויף דערנאך. אבער, אז מען כאפט זיך נישט אויף — איז מען געשטארבען.

ר ע ש י ל

אוי וועה!

ק ד י ש

וואָס אי?

ר ע ש י ל

געגעבען א שטאָה. דאכט זיך אין זייט.

ק ד י ש

לעג אנידער דיין קאָפּ ביי מיר אויף די קניה.

ר ע ש י ל

ווען מיר וואָלטען געווען רייך, וואָלט אפשר דער טאַטע נישט גע־שטאָרבען. צייטעל וואָלט איצטער געלעבט.

ק ד י ש

גבירים שטאַרבען דאָך אויך.

ר ע ש י ל

אבער ס'איז דאָך נישט געווען מיט וואָס צו דערהאַלטען איהר נשמה. די כחות זענען איהר אויסגעגאַנגען.

ק ד י ש

מיר טהוט אביסעל וועה מיין קאָפּ. נאָר כ'קלער אז ס'איז פון הונגער. ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין נאַר, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען. מיר וואָלטען איצטער נישט געווען אזוי הונגעריג.

ר ע ש י ל

באשר דו ווייסט נישט ווי מיר איז. באשר איך קען עס דיר נישט אזוי גוט זאָגען. אבער ס'מוז שוין עפּעס אינעווייניג זיין.

ק ד י ש

איך וועל דערצעהלען דער מאַמען.

ר ע ש י ל

קאָם וואָס זי לעבט. מען בעדאַרף עס נישט דערצעהלען.

ק ד י ש

ווייסט וואָס, מאָרגען וועלען מיר ביידע אוועקגעהן צו א דאָקטאָר. וועסט געהן מיט מיר?

ר ע ש י ל

וואוהין?

ק ד י ש

איך זאג דאך דיר...

ר ע ש י ל

איך האב אזוי מורא.

ק ד י ש

פרוב נאר געבען א הוסט. מאך: קכי.!

ר ע ש י ל

כ׳האב מורא טאמער...

ק ד י ש

פאלג מיר, איך וועל געהן מיט דיר צו א דאקטאר.

ר ע ש י ל

איך בין א בארוועסע.

ק ד י ש

נו, איז וואס? וועט ער קיין געלד נישט נעהמען ביי אונז.

ק י י ל ע

קומט אריין.

ר ע ש י ל

אט איז די מאמע!

ק י י ל ע

וואס זיצט איהר אויף דרערד? הויבט זיך אויף.

זיי הויבען זיךביידע אויף.

ק ד י ש

מיר זענען זיך אזוי געזעסען.

ק י י ל ע

איהר האט גאר נישט געהאט אין מויל, וועה איז מיר. אט דא האב איך געבראכט.

נעהמט ארויס פון שירץ קובאלאך.

ק ד י ש

זעה נאָר וואָס די מאמע האָט געבראַכט!

ק י י ל ע

אַט וועל ארויסלעגען אויפ'ן טיש... נו נעהמט און עסט קינדער־לאַך.

ק ד י ש און ר ע ש י ל

קייען.

ק י י ל ע

מסתמא אויב דער וואָס אין הימעל טהוט ווייסט ער דאָך וואָס ער טהוט. אויב ער האָט מיר מיין הארץ צוריסען אויף שטיקער — מסתמא האָב איך דאָך עס פערדינט.

ר ע ש י ל

דו האָסט עפּעס געגעסען, מאמע?

ק י י ל ע

אייער מאמען איז שוין אַלץ איינס... איך וועל נעהמען די קענדעל און זעהן אריינברענגען טע פון אייערטווועגען... מסתמא ווייסט דאָך דער וואָס אין הימעל, וואָס ער טהוט.

געהט ארויס.

ר ע ש י ל

די ליפּען ביי איהר טרוקען. האָט נאָך מסתמא גאָר נישט געהאַט היינט אין מויל.

ק ד י ש

מען טאָר איהר נישט דערצעהלען, אז איך בין געגאַנגען אויפ'ן מארק עפּעס צו קריגען... זי וועט האָבען צער.

ר ע ש י ל

אודאי בעדאַרף מען נישט דערצעהלען.

שטעהן ביידע אין מיטען צימער און קייען.

ק ד י ש

ועהסט, אז די מאמע האָט אויפגעהערט צו וויינען. וויינט שוין נישט מעהר, אפשר טהוט זי עס, מיר זאָלען נישט זעהן...

ר ע ש י ל

האָט נישט קיין כח מעהר.

ק ד י ש

איין קוכעלע האָב איך אויפגעגעסען און דער קאָפּ האָט שוין אויפ־געהערט וועה צו טהאָן.

ר ע ש י ל

אוי, קדיש׳ל, מיר איז דער ביסען שטעהן געבליבען אונטער׳ן האר־צען... אוי, ווי עס קוועטשט!

ק ד י ש

לאָז, כ׳וועל דיר געבען אביסעל וואסער... אָט איז וואסער... טרינק, טרינק.

ר ע ש י ל

אָט דאָ, אונטער׳ן סאמע הארצען געבליבען שטעהן.

ק ד י ש

טרינק נאָך.

ר ע ש י ל

טרינקט.

ק ד י ש

נו וואָס, אראָפּ?

ר ע ש י ל

דאכט זיך אז יאָ.

זעצט זיך ביים טיש און בעהאלט דעם קאָפּ אויף די הענט.

ק י י ל ע

קומט אריין.

דער קאָפּ איז מיר אזוי פערדרעט, כ׳בין ארום נאָך טע און נישט גענומען די קענדיל מיט זיך... וואָס איז עס, נשמה מיינע? וואָס איז דיר רעשעלע?

ר ע ש י ל

גאָר נישט, גאָר נישט. א ביסען איז מיר געבליבען שטעהן אונ־טער׳ן הארצען אָבער ס׳אי גאָר נישט.

קײלע

נעהם אביסעל וואסער, אפשר וועט אראבגעהן.

קדיש

זי האט שוין געטרונקען.

קײלע

גאטעניו, שטראף מיר נישט אזוי. האסט מיר ס'ליכט פון מיינע אוי־גען צוגענומען; האסט מיר ס'הארץ צוריסען אויף צווייען — זאל שוין זיין גענוג. לאז מיר שוין די איבער נעבען דער מאמען... נו וואס, קינד מיינס?

רעשיל

מיר איז בעסער.

קדיש

זי האט פריהער געזאגט, אז עס שטעכט איהר אין הארצען.

קײלע

וואס רעדסטו?! רעשעלע מיין גאלד, מיין לעבען וואס איז דיר!

רעשיל

ס'אי גאר נישט. כ'מיין ס'אי געווען פון הונגער.

קדיש

זי האט אליין געזאגט.

קײלע

וואס בעהאלסטו פון מיר? פאר וועמען, דו, נאריש קינד, — ווילסטו זיך אויסבעהאלטען.

רעשיל

איך זאג דיר, אז ס'איז דערפאר ווייל כ'בין געווען הונגעריג.

קײלע

איז דיר גרינגער?

רעשיל

אודאי איז מיר גרינגער?

קײלע

ווילסט גאר נישט עסען.

ר ע ש י ל

ניין.

ק י י ל ע

זאָגט מיר, קינדערלאך, וואָס זאָל איך אייך אַריינברענגען.

ר ע ש י ל

וואָס קענסטו דען ברענגען?

ק י י ל ע

פאַר וואָס רעדסטו אַזוי שטיל? דיר איז שווער צו רעדען. דו לייד־קענסט פאַר מיר. האָסט מורא צו דערצעהלען. וואָס איז דען מיין לעבען ווערט אָהן אייך? מישטענס געזאָגט, וואָס איז מיר שוין איבערגעבליבען אויף דער וועלט. די טרערען אויסגעטריקענט, כ'קען שוין אפילו נישט וויינען. ווארום וואָס וועט שוין אַרויסקו־מען, אַז כ'וועל וויינען? איין אומגליק קען מען נאָך אפשר בע־קלאָגען. דאָ אָבער האָט זיך אַ פייער אַראָבגעלאָזען אויף מיין שטוב... כ'וועל געהן אַריינברענגען טע.

גערט אַרויס.

ר ע ש י ל

קדיש!

ק ד י ש

וואָס?

ר ע ש י ל

נאָך וואָס האָסטו דערצעהלט דער מאַמען אַז מיר טהוט וועה אין הארצען?

ק ד י ש

מען האָט בעדאַרפט דערצעהלען. זי דאַרף וויסען.

ר ע ש י ל

אָבער נישט איצטער.

ק ד י ש

נאָר איצטער... זעהסט איך עס און מיר אַרט עס נישט.

ר ע ש י ל

כאַפּט זיך ביים האַרצען.

אוי וועה!

ק ד י ש

ווייטער א שטאָך?

ר ע ש י ל

אוי מיר איז שלעכט.. אַט דאָ, דער ביסען... געהט ארויף און אראָב.
אוי מיר איז שלעכט.

ק ד י ש

טהו נאָך א זופּ וואסער. די מאמע האָט די קוואַרט צוגענומען.
טרינק פון עמער. לאָז כ׳וועל איינבויגען.

ר ע ש י ל

אוי מיר איז שלעכט. רופ דער מאמען, איך וועל נישט אויסהאלטען.

ק ד י ש

האָסט דאָך מורא אליין צו בלייבען.

ר ע ש י ל

אוי כ׳האָב מורא...

ק ד י ש

זאָל איך געהן?

ר ע ש י ל

האלט זיך ביים הארצען. קרעכצט.

ק ד י ש

וואָס איז דיר, רעשעלע? הער אויף אזוי... רעשעלע.

ר ע ש י ל

רופ דער מאמען.. גיכער, דער מאַ־מען.

ק ד י ש

אַט געה איך.

ר ע ש י ל

לאָז מיך נישט אליין!

קדיש
איך וועל דורכ'ן פענסטער...
קלעטערט ארויף צום פענסטער און שרייט ארויס:
מא־מע! מא־מע!..

ענדע.

# אויף יענער זייט טייך

1906

## פ ע ר ז א נ ע ן :

מ נ ש ה,  אן אַלטער פּאַראַמשטשיק. בלינד.

י א כ נ ע,  זיין פרוי.

מ י ר ל,  זייער איניקעל.

אַ ז א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר

מ ע נ ש ע ן.

# ע ר ש ט ע ר   א ק ט.

אַ הילצערן שטיבעל ביים ברעג טייך. בעשטעהט פון אַ לאַנג־ליבען צימער און פון אַ קליין חדר'ל לינקס. אַ גרויסער באַק־אייווען מיט אַ הרובע גלייך ביים אריינקומען. דאָס מע־בעל בעשטעהט פון אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך ניט קיין גע־פארבענע, אַ פּאָר טאַפּשאַנעס. ארום האַלבע נאַכט. עס לאָזט זיך הערען אַ גערויש פון וואסער, דאָס קנאַקען פון די קריעס אייז, ווען זיי שלאָגען זיך צוזאמען. דער ווינד רייסט די פענסטער. אַ געל חלב־ליכטעל ברענט און קנאַקט אויפ'ן קאַפּטער איבער דער הרובע.

מ נ ש ה

זיצט אַליין ביים אויווען. נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען.

ווי לאַנג און שווער עס דויערט ביז דער זומער פערנעהמט זיין אָרט! דער ווינד פייפט זיך אלץ זייניגעס. אלץ זייניגעס... מירל, דו שלאָפסט?

מ י ר ל

איהר שטימע הערט זיך פון חדר'ל.

און איך האָב געמיינט, זיידע, אז דו שלאָפסט שוין — וואָס טהוסטו?

מ נ ש ה

וואָס כ'זעה ניט, וויל איך דערהערען. ס'פּלאַצט דער אייז, קריעס טראָגען, יאָגען זיך איינע נאָך דער אנדערער... נאָר אין אזא צייט פּלעג איך ליעב האָבען פאָהרען אין שיפעל צום אנדער ברעג. וואו פראַם ווען פראַם, די קריע לויפט ווי נאָך א נפש, אָבער פלינקער

פון איהר בין איך געווען. איך האָב איהר וועג שטענדיג פערשטאָנען, זי מיינעם קיין מאָל נישט. די גאַנצע קונץ בעשטעהט אין אויסמיידען: מען דאַרף כאַפּען מיט'ן אויג, ווען צו קירעווען רעכטס און ווען לינקס. זאָג מיר, מירל, עס ברענט וואָס אין שטוב?

מ י ר ל

אויפ'ן קאַפּטער א ליכט.

מ נ ש ה

טונקעלער ווי שטענדיג זעהט מיר היינט אַלץ אויס דורך מיינע אויסגעלאָשענע אויגען. ווי מיט שוואַרצע פּעך וואָלט אַלץ אויסגעפּלאַסטערט געווען. אפילו מיין גרויע ווייסע באָרד זעהט אויך אויס שוואַרץ, ווי אין דער יוגענד. אַך יוגענד, יוגענד...

מ י ר ל

הערסט, זיידע, ווי דער טייך קעהרט די וועלט? ס'כאַפּט א שרעק! וואָס וואָלט זיין, זיידע, ווען דער פּראָם וואָלט איצטער אויף איהם געווען?

מ נ ש ה

ווי וואָלט ער געווען, מיין קינד?

מ י ר ל

אז מען וואָלט איהם פאַר ווינטער ניט אַראָבגענומען פון טייך.

מ נ ש ה

וואָלטען איהם די קריעס אייז אויף שפּענער צושלאָגען. די קריע אייז איז, אפשר, נישט אזוי שטאַרק, אָבער אז דער גאַנצער טייך טראָגט זי. וואָסער איז נישט קיין קליינינקייט. דאָס איז ניט פאַר דיין געדענקען געווען. אונטער'ן בערגעל דאָרט, וואו עס ציהט זיך דער ליימענער פּלאַץ, זענען אמאָל דריי הייזער געשטאַנען— איינס האָט צום פריץ געהערט. און אז דער טייך האָט זיך צושפּילט, האָט ער זיי אַלע מיט זיך פערנומען. אין יענעם יאָהר טאָקי איז עס דער צדיק דורכגעפאָהרען. זיין אויג האָט אַלץ געזעהן; זיין מח האָט אַלץ פערשטאַנען. קיין זאַך איז פון איהם נישט געווען פערבאָרגען...

מ י ר ל

איך געה ארויס, זיידע, צו דיר.

מ נ ש ה

שלאָף בעסער, מיין קינד.

מ י ר ל

איך קאָן ניט שלאָפען, די פענסטער קומען ארויס צום טייך. עס רוישט און רייסט — הערסט דאָך ווי עס פייפט. רייסט דעם דאַך.

מ נ ש ה

אַלץ האָט זיין אויג בעמערקט. „מיט יענע הייזער איז גאָר ניט פרעהליך" — האָט ער צו זיין גבאי געזאָגט, ווען ער האָט אויף די דריי הייזער אַן אויג געוואָרפען. — איינע — זאָגט ער — איז דער פונדאמענט נידריגער פון אַלע געבוידט און דער דאַך שטאַרצט ארויס העכער פון אַלע... דאָס איז דעם פריץ'ס הויז געווען.

מ י ר ל

ס'האָט אמאָל געטראָפען, זיידע, אַז דאָס וואַסער זאָל א פּראָם פערטראָגען?

מ נ ש ה

מען דערלאָזט נישט, מיין קינד; עס וואָלט גרייליך געטראָפען — נאָר מען דערלאָזט ניט. — וואָס צונעהמט מען איהם, ווען דער טייך הויבט זיך אַן שטעלען? עס האָט אמאָל יא געטראָפען, אבער ס'איז אין מיטען זומער געווען.

מ י ר ל

לויפט ארויין. איינגעוויקעלט אין אַ טוך.

אַט זעץ איך מיר, זיידע, נעבען דיר. שלאָפען וויל איך סיי ווי ניט. דערצעהל, דערצעהל, ווי איז דאָס געווען, בעת דאָס וואַסער האָט דעם פּראָם געטראָגען?

מ נ ש ה

אין מיטען זומער איז עס געווען. דעם גאַנצען זומער האָט גע־מבול'ט — א הונגער איז טאַקי אין יענעם יאָהר געווען — אַלץ איז צופוילט, צושימעלט געוואָרען. און ווען ס'האָבען די רעגענס

דערגרייכט גאָר ווייט, האָט דער טייך זיך צושפּיעלט און האָט מיט זיך דעם פּראָם פערכאַפּט. יאָ, איך געדענק עס נאָך ווי היינט.

מ י ר ל

עס איז, מסתמא, שעהן געוועזן צו זעהן, ווי דאָס וואַסער האָט איהם געטראָגען?

מ נ ש ה

ניין, מיין קינד, אַזוינע זאַכען זענען גאָר ניט שעהן. פון וואַסער זאָל שוין גאָט אַליין אויסהיטען. וואו ביזטו מיין קינד? זעץ זיך נאָהענטער צו מיר!

מ י ר ל

ס'איז דיר קאַלט, זיידע?

מ נ ש ה

ניין, מיין קינד. ווען דו ביזט געבאָרען געוואָרען האָט מיר שוין די ליכטיגע שיין געפעהלט; נאָר דיין שאָטען האָב איך בעמערקט, מיין ליעב קינד. פון אַ פּיצעל ביזטו שוין, מיט גאָט'ס חסד, אַ גרויסע אויסגעוואַקסען — און מיין אויג זעהט דיך נישט. ביזט געראָטען אין די מאַמע דיינע, דיין מאַמעס פּנים געדענק איך נאָך: שעהן איז זי געוועזן אין דער יוגענד, ווי די ליכטיגע זון; גוט איז זי געוועזן— גאָר קיין גלייכען... אָט אַזוי האָפּט אַ מענש דאָס גאַנצע לעבען זיינס אויף אַ שטיקעלע גליק, נאָר אַז דאָס גליק קומט יאָ, איז שוין דער מענש נישטאָ. וואָס האָט דיין מאַמע נישט געטהאָן, אַז דער בורא ברוך הוא זאָל זי בענטשען? צדקות איז צדקות; גמילות חסדים, קמיעות און ברכות פון גוטע אידען.

זוכט ביי מירל'ען אויפ'ן האַרצען.

מ י ר ל

וואָס זוכסטו זיידע?

מ נ ש ה

איך זעה צו די קמיע איז גאַנץ אויפ'ן האַרצען דיינעם.

מ י ר ל

שלעפּט אַרויס פון בוזעם אַ קמיע צוגעבונדען צו אַ בענדעל.

אַט איז זי, ויידע, צום בענדעל צוגעקניפּט... זאָג מיר, זיידע, וואָס איז דאָרט אַזוינס אינוועניג?

מ נ ש ה

זאָלסט עס היטען, מיין קינד, ווי דעם שוואַרצאַפּעל פון דיין אויג. דאָרט איז דיין גליק בעגראָבען. דאָס איז די שמירה, וואָס וועט דיך פון אַל־דאָס בייז פערהיטען. דיין מאַמע איז נישט ווערט געווען ביי גאָט צו זעהן מיט איהרע אויגען איהר בעגעהר, האָט זי דער טויט פערנומען גלייך ווי דו ביזט אויף די וועלט געקומען. איהרע אויגען האָבען דיך שוין ניט געזעהן, פערמאַכט האָט זיי דער טויט... נאָר איהר האַרץ האָט דאָס גליק געשפּירט: מיט אַ שמייכעל אויף איהר פּנים האָט מען זי אין קבר געלעגט.

מ י ר ל

האָט מיך די מאַמע גאָר ניט געזעהן?

מ נ ש ה

ניין, מיין קינד, די אויגען איהרע זענען שוין געשלאָסען געווען.

מ י ר ל

צוליעב מיר איז זי געשטאָרבען?

מ נ ש ה

צוליעב דיר, מיין קינד: דו ביזט איהר גליק געווען און איהר אויג האָט דיך שוין מעהר נישט אָנגעזעהן.

מ י ר ל

פערטראַכט.

צוליעב מיר איז זי געשטאָרבען?

מ נ ש ה

פאַר פּסח איז עס געווען. דער טייך האָט ווי היינט גערוישט און גע־ליאַרעמט. דאָס וואַסער איז שוואַרץ געווען און מיט אַ ווייסען שוים בעדעקט. פון בוימעלע וואָס שטעהט אויף יענער זייט טייך, אנטקעגען דעם בריקעל, האָט זיך קוים דער שפּיץ אַרויסגעזעהן. פון מינוט צו מינוט איז דאָס וואַסער געשטיגען און פון מינוט צו מינוט איז אין אונזער שטוב דאָס גליק געוואַקסען: דיין מאַמע

האט געוואַלט אויף איהר האנד אַ קינד טראָגען; דיין טאַטע האָט געזוכט אַ טרייסט נאָך זיין שווערער ארבייט — און איך האָב געוואָלט פון אייך אַלעמען נחת האָבען... שטאַרקער און שטאַרקער איז געוואָרען דאָס וואסער, און אַז דאָס בוימעל האָט זיך שוין אין גאַנצען בעהאַלטען, ווי אַ שרעקליכער ים האָט די גאַנצע געגענד אויסגעזעהן, איז ביי אונז די שמחה אין שטוב גרוים געוואָרען: דיין מאַמע איז צו קינד געגאַנגען; מיט דיר, מיין קינד... אַך־אָך, דאָס איז שוין די לעצטע שמחה געווען. אַט ווי איצטער האָט דעמאָלט אויך דער ווינד געפייפט. דער אייז האָט געפּלאַצט און געפּלאַצט. און אַז דאָס וואסער האָט אָנגעהויבען אַבפאַלען — האָט זיך שוין דאָס אונגליק געדוקט צו אונז דורך פענסטער און טיר... פינף טעג האָט עס געדויערט — פינף מורא'דיגע טעג. שמחה אויסגעמישט מיט טויט־שרעק. אונזערע הערצער האָבען געקלאַפּט פון שרעק און פון חדוה. און אַז דאָס וואסער איז אין גאַנצען אַבגעפאַלען, און שוואַרץ ווי שטענדיג אין דִי ברעגעס זיך בעהאַלטען — האָט זיך דער בייזער צאָרן אויף דיין מאַמען אויסגעגאָסען...

מ י ר ל

קינדערש צושראָקען.

הערסט, זיידע, ווי דער טייך רוישט ווידער, פּונקט ווי דו דער־צעהלסט. דאָס וואסער איז אַזוי גרוים! איך האָב נאָך ביי טאָג געזעהן, אַז דער בוים נעבען בריקעל האָט זיך שוין געטונקט אין וואסער.

מ נ ש ה

אַלץ האָט דאָס וואסער פערטראָגען. אַלץ מיט זיך פערנומען! ביי דיר — דיין טאַטען, דיין מאַמען; ביי מיר — די שיין פון מיינע אויגען... האָסטו געזעהן, מיין קינד, אַז דאָס וואסער האָט זיך שוין ביז'ן בוימעל פערנומען?

מ י ר ל

געוויס: אַליין מיט מיינע אויגען געזעהן.

מנשה

איז עס שוין ארוים פון די ברעגעס?

מירל

געווים ארוים פון די ברעגעס — הערסט דאָך ווי עס רוישט. הערסט, זיידע, איך וויל דיר עפּעס דערצעהלען...

גלעט איהם זיין באָרד.

מנשה

נעהמט זי ארום.

איך פיהל אין די הענד מיינע, ווי דו וואקסט.

גלעט איהרע האָר.

מירל

כ'וויל דיר עפּעס דערצעהלען, זיידע!

מנשה

וואָס, מיין קינד?

מירל

נעכטען האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אז איך שלאָף אויפ'ן פראָם— זומער איז עס געווען. איז געקומען א ווייבעל און האָט געוואָלט, ביי מיר די קמיע אראָבנעהמען. אין א טשעפּעק איז זי געגאנגען. זי איז צו מיר אזוי שטיל צוגעגאנגען... אפשר איז עס די מאמע געווען?

מנשה

געוואָלט די קמיע אראָבנעהמען?

מירל

יא.

מנשה

פון הארצען?

מירל

אודאי פון הארצען: איך בין געלעגען מיט'ן פּנים ארויף.

מנשה

פאר וואָס האָסטו עס מיר באַלד נישט דערצעהלט?

מ י ר ל

דער באָבען האָב איך דערצעהלט. הערסט, זיידע, מיר ווילט זיך אַמאָל עפענען די קמיע און זעהן, וואָס אינוועניג איז.

מ נ ש ה

מיין קינד! וואָס האָסטו געזאָגט?!

מ י ר ל

טאַקי, מיר ווילט זיך עס אַמאָל טהאָן; עס הענגט אויפ'ן האַלז: איך וויל אַמאָל וויסען, וואָס איז דאָרט אינוועניג...

מ נ ש ה

דאָס איז עס צו דיר דיין מאַמע צו חלום געקומען. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דו ווילסט אַ גרויסען זינד בעגעהן. מען האָט עס איהר אין הימעל אָנגעזאָגט. נישט אומזיסט איז דיין חלום געווען, מיין קינד. אַ שלעכטער געדאַנק האָט זיך דיר אין הארצען פער־גנב'עט... עס קאָן, חלילה, דעם גאַנצען הימעל אויפריהרען.

מ י ר ל

הער, זיידע, די מאַמע איז אין אַ טשעפּעק געגאַנגען?

מ נ ש ה

ס'איז נישט בעוואוסט ווער יענער צדיק איז געווען. די ליכטיגע זון צינדט זיך מיר אָן פאַר מיינע אויסגעלאָשענע אויגען און איך זעה ווי ביי טאָג — ווען נאָר איך טראַכט פון זיין נאָמען. מיט זיין דורכפאָהרען האָט ער אונז מיט איין האַנד געבענטשט און מיט דער אַנדערער געשאָלטען. מיט איינער געשטראָפט און מיט דער אַנדערער געטרייסט. נאָר פון זיין ליעבען נאָמען מוז מען אַלץ מיט חדוה פערנעהמען. נישט אויפ'ן האַרצען — נאָר — אין האַרצען זאָלסטו די קמיע בעגראָבען: דאָס איז דאָס גליק דיינס. הימעל און ערד קאָנען, חלילה, אויפציטערן, ווען דו וועסט בעריה־רען וואָס אינוועניג איז.

ער הויבט זיך אויף און געהט צום פענסטער.

מ י ר ל

קוקט איהם נאָך צושראָקען.

וואוהין געהסטו, זיידע?

מ נ ש ה

עפּעס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאָס וואסער..

מ י ר ל

זעהסט וואָס, זיידע?

מ נ ש ה

אויסגעלאָשען איז מיר דאָס ליכט, מיין קינד. ליכטיג איז מיר נאָר, ווען זיין הייליגער פּנים שטעלט זיך פאַר מיינע אויגען... עפּעס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאָס וואסער..

מ י ר ל

כ'האָב מורא, זיידע! וואָלט די באָבע ניט אוועק אין דאָרף אריין.

מ נ ש ה

נישט האָב קיין מורא, מיין קינד, זיין הייליגער נאָמען וועט דיך בעשיצען. פריהער מוז דאָס אונגליק קומען, דערנאָך קומט דאָס גליק... דער צאָרן האָט זיך שוין זייניגעס אבגעטהאָן: צו א טויטען בין איך געגליכען אָהן אויגען — וואָס קאָן זיין האנד מיר נאָך טהאָן? מיין טאָכטער האָט ער פון מיר צוגענומען, און דיין טאַטען האָט דער טייך פערנומען. מיט מיר איז שוין געעקט און פאַר דיר איז גאָט'ס חסד געגרייט... עפּעס מעהר ווי שטענדיג רוישט דאָס וואסער.

מ י ר ל

אפשר, זיידע, דערפאַר, וואָס כ'האָב..

מ נ ש ה

דיין הארץ איז נאָך ריין. דיין מחשבה אונשולדיג. קינדער שטראָפט מען נאר פאר די זינד פון טאַטע־מאַמע. דיין מאַמע איז ריין ווי א מלאך אויף יענער וועלט געגאנגען: דיין טאַטע איז א קדוש געשטאָרבען. דיך האָט נאָך דער וואָס אין הימעל ניט פאַר וואָס צו שטראָפען. ביזט וואָרעם אנגעטהאָן? אין שיך, צו באָרוועס ביזטו?

מ י ר ל

וואָס מיינסטו, זיידע?

מ נ ש ה

כ׳וויל, זאָלסט מיך אויף דער גאַס אַרויספיהרען; כ׳וויל זעהר, ווי דאָס וואַסער האַלט!

מ י ר ל

ביז די צווייגען אין וואַסער געשטאַנען.

געהט אין צווייטען צימער. דער ווינד רייסט מורא׳דיג.

מ נ ש ה

עפּעס מעהר ווי שטענדיג רייסט דער ווינד... וואו ביזטו, מיין קינד?

מ י ר ל

קומט אַרויס.

קום, זיידע, האַלט זיך אָן אָן מיר.

מ נ ש ה

עס מוז שוין געווים זיין אַרום האַלבע נאַכט. קיין איין האָהן אין דער גאַנצער געגענד נישטאָ. היימליכער ווערט עס אין אַ פינסטע־רער נאַכט, ווען אַ קריי פון אַ האָהן הערט זיך...

מ י ר ל

זיידע! עפּעס פון דיינע ווערטער היינט האָב איך זיך גענומען שרעקען, כ׳האָב מורא.

מ נ ש ה

פאַר וועמען שרעקסטו זיך, מיין קינד?

מ י ר ל

כ׳ווייס אַליין ניט פאַר וואָס. דער ווינד... דער טייך עפּעס, כ׳ווייס אַליין ניט פאַר וואָס.

מ נ ש ה

פיהרסטו מיך אויף דער גאַס?

מ י ר ל

דו האָסט, זיידע, קיין מאָל אזוי ניט גערעדט ווי היינט.

מ נ ש ה

יעדעס מאָל, ווען דאָס אייז פּלאַצט און די קריעס שווימען, ווען דאָס וואַסער כאַפּט זיך איבער די ברעגעס ארויס, וואַרט איך אויף דעם גורל, דיינעם און מיינעם, מיין קינד... פיהר מיך אויפ׳ן גאַס.

מ י ר ל

קום, זיידע, איך פיהר דיך.

מ נ ש ה

ביזטו וואַרעם אָנגעטהאָן?

זיי געהען ארויס. דאָס פייפען פון ווינד, דער גערויש פון וואַסער שטאַרקט זיך. דאָס פייער פון ליכט לעשט זיך פון ווינד.

מ נ ש ה

זיין שטימע הערט זיך פון הינטער׳ן טיר. אונרוהיג.

דאָס איז גאָר ניט פאַר מיין געדענקען.

ער קומט אריין. נאָך איהם מ י ר ע ל זעהר צושראָקען.

מ י ר ל

זיידע? דאָס וואַסער וועט באַלד אין שטוב אריין... לאָמיר אַנטלויפען פון דאַנען — כ׳האָב מורא! וואָס האָסטו געלאָזט, די באָבע זאָל אין דאָרף אוועקגעהן?

מ נ ש ה

האָסטו גוט נאָכגעזעהן? אפשר האָט עס זיך דיר נאָר געדוכט? איז דאָס וואַסער טאַקי אזוי גרויס? וויל דער טייך מיינע פיער ווינקעלעך פערטראָגען? מירל! פיהר מיך אויפ׳ן גאַס, כ׳וועל אליין מיט מיינע הענד אָנטאַפּען. איך גלויב עס נישט. פיהר מיך!

מ י ר ל

האָסט דאָך געזעהן: ווייטער האָב איך דיך שוין ניט געקאָנט פיהרען. מיינע שיך זענען פול מיט וואַסער — די פיס אויף בע־נעצט...

מ נ ש ה

שטעהט אין מיטען שטוב פערצווייפעלט.

אויף איין מינוט קעהר מיר, רבונו של עולם, אום דאס ליכטו פון מיינע אויגען... נאר אויף איין מינוט!

מ י ר ל

לאמיר, זיידע, גיכער אוועקגעהן פון דאנען.

מ נ ש ה

האלץ צו האלץ האב איך צוזאמענגעטראגען און די ווענד געבויט, שטרוי צו שטרוי האב איך צוזאמענגעקליבען און דעם דאך גע־דעקט. דא איז מיין גליק געבארען געווארען און דא איז מיין אונגליק אויסגעוואקסען... אויף איין רגע מיר די שיין קעהר אום, רבונו של עולם!

מ י ר ל

פינסטער — כ'וועל אפשר ניט טרעפען, ווי פון דאנען ארויס־צוקלויבען זיך; וואוהין, זיידע, זאלען מיר געהן?

מ נ ש ה

לאז מיך, מיין קינד; צו דען קאן עס געשיקט זיין, אז דאס וואַ־סער זאל ביז מיינע ווענד דערגרייכען?! כ'מוז עס אליין... פיהר מיך, מירל, נאך אמאל אויפ'ן גאס ארויס.

עס גיט א שטארקען קלאפּ אין וואנד.

מ י ר ל

זיידע, כ'האב מורא! הערסט? עפּעס האט אין וואנד א שטארקען קלאפּ געגעבען. שפּרינגט אָב מיט שרעק פון פענסטער. עפּעס האט אין פענסטער א קוק געגעבען... קום אוועק, זיידע, פון דאנען, כ'האב מורא.

מ נ ש ה

וואס, מיין קינד, האט זיך דיר געדוכט? ווען האסטו אין פענסטער געזעהן? וואו ביזטו?

מ י ר ל

כ'האב מורא — מיר דוכט זיך — עפּעס רעדט, איך הער... מיט'ן

ווינד... דו האסט פריהער געדערט און איצטער דוכט זיך מיר אוים.

מ נ ש ה

איך קאן די שטוב ניט פערלאזען. איך טאר עס נישט טהאן. וואו ביזטו, מיין קינד?

מ י ר ל

איך האלט פערמאכט די אויגען, איך זאל ניט זעהן די פענסטער. עפעס א מענש ווייזט זיך אין דער פינסטערניש.

עס גיט אַ צווייטען קלאפּ אין וואנד.

מ נ ש ה

ווער קלאפט עס? אפשר האט זיך אזוי פיעל דאס וואסער גע־שטארקט, אז די קריעס אייז קלאפען שוין אין מיין שטוב? — זאל דאס וואסער מיט אזא גיכקייט וואקסען? כ'האב עס גאר מורא צו טראכטען. פיהר מיך אויפ'ן גאס, מיין קינד!..

מ י ר ל

כ'וועל, זיידע, ניט געהן — כ'האב מורא. כ'קאן זיך פון אָרט ניט ריהרען, די פים זענען מיר ווי אונטערגעהאקט...

מ נ ש ה

ווען דאס גרעסטע אומגליק, האט ער געזאגט, וועט קומען, יעמאלט וועט זיך דאס גליק בעווייזען... ווער וויים דעם גרונד צום אומ־גליק? ! וואו איז דער סוף? ווען מיין טאכטער איז געשטארבען, האב איך געמיינט, אז כ'האב שוין דעם בעכער ביז צום גרונד געטרונקען. איז ביי מיר די שיין פון מיינע אויגען אויסגעלאשען געווארען. האט דער טייך דיין טאטען פערנומען...

מ י ר ל

זיידע, שווייג! בעסער שווייג... ווען דו רעדסט, פאלט אויף מיר אן אימה אַן. איך האלט פערמאכט די אויגען, איך זאל מעהר ניט זעהן. מיר דוכט, איך זעה די מאמע...

מ נ ש ה

מיין קינד! עפען דיינע אויגען. מיר האט דער וואס אין הימעל

מיינע אויגען פערלאשען. דיר האט ער דאס ליכט געשענקט. עפען די אויגען און פיהר דיין זיידען אויף דער גאס ארויס. וואו ביזטו?

מירל

רוקט זיך צום וואנד.

שטעה אויף אן ארט, זיידע! כ'האב מורא...

מנשה

ווער שרעקט דיך, מיין קינד?

מירל

כ'האב פאר דיר אויך מורא, פאר דיר... כ'וועל צו דיר ניט געהן...

מנשה

וואס איז מיט דיר?! איך דערקען נישט דיין קול! דיין קול איז פערענדערט געווארען. וואו ביזטו? נעהם מיך פאר'ן האנד; דאס איז דאך דיין זיידע, וועלכען דער, וואס אין הימעל האט גע־שטראפט פאר אייך אלעמען. דיין נשמה איז ריין. דאפעלט ריין איז דיין נשמה. פאר איהר האבען אלע ערב געוועזן: דיין מאמע מיט איהרע יונגע יאהרען. דיין טאטע מיט'ן גאנצען לעבען זיי־נעם און איך מיט מיין שיין. קום צו מיר.

מירל

שטעהט ביים וואנד בלאס און קוקט איהם אן אהן ווערטער.

מנשה

וואו ביזטו?... וואס רופסטו זיך נישט אב?... קוקט מיט זיינע אויס־געלאשענע אויגען אין אלע זייטען. מיין קינד, וואו ביזטו?! פאר וואס איז דיין זיס קול אנטשוויגען געווארען?...

מירל

זיידע! מאך צו דיינע אויגען, איך שרעק זיך. זיי קוקען אויף מיר פינסטער... פערמאך...

מנשה

איך זוך דיך, מיין קינד. איך קוק אין דעם ווינקעל, וואו עס שיינט די ליכטיגע זון. פון דער קמיע אויף דיין הארצען שלאגט צו מיר א ווארימע ליכטיגקייט. און איך הויב אן זעהן יעדען

ווינקעל פון מיין שטוב. געהט צום אָרט, וואו מירל שטעהט. אַט זעה איך דיך, מיין ליעב קינד, איך זעה, ווי דו שטעהסט און ציטערסט.

מירל

רוקט זיך צום וואנד אין דער שטיל.

מנשה

וואָס בעדייט עס, מיין קינד? ווילסטו דיין אלטען זיידען פערלאָזען? קום, איך וויל מיך אַן דיר אָנהאַלטען. דיין נשמה איז ריין — בעשיץ מיך אויך. איך זעה אויף דיין הארצען ווי גן־עדן ליכט: די שטראהלען פון זיין ליעבען נאָמען.

מירל

קוקט מיט גרויס שרעק אויף איהר קמיע.

זיידע, איך ריהר עס!

מנשה

איך פערשטעה נישט, מיין ליעב קינד, ווער עס רעדט אין דיר...

מירל

אָבער איך קאָן ניט אויסהאַלטען. איך טהו עס אויס.

מנשה

מיין קינד! די גאנצע ערד ציטערט אונטער מיר! די הימלען ברעכען זיך!...

מירל

געהט שטיל אריין אין צימערל.

מנשה

איך הער, ווי דער טייך בייזערט זיך, מיט ווייסען שוים איז דאָס וואסער בעדעקט... דאָס וואסער וואקסט. געהט אין צימערל. וואו ביזטו, מיין קינד? זאָל דיר דיין מאַמע קומען צו הילף — איהר נשמה איז שוין געלייטערט געוואָרען אין הימעל. זאָל דיין טאַטע דיר צו הילף קומען — דיין איז זיין נשמה, הייליג איז ער אויפ'ן הימעל ארויף.

מ י ר ל

רוקט זיך מיט שרעק ארויס פון צימערל און קריכט אויף די הרובע.

מ נ ש ה

אין צימערל.

מיין קינד, וואו ביזטו? איז דיין קול אין גאנצען פערשטומט גע־וואָרען?

מ י ר ל

וויל אָבּרייסען פון האַרצען די קמיע. בלייבּט זיצען פערצוויי־פעלט.

מ נ ש ה

דאָס גאנצע ליכט האָט זיך פאר איין מאָל אויסגעלאָשען!... מיין קינד! וואו ביזטו?! וואָס שווייגסטו?! האָסט וואָס מורא׳די־געם בעגאַנגען — כאַפּ זיך צוריק! האָסט געריהרט דאָס ליכט פון דיין האַרצען. וואו ביזטו? וואָס האָסטו געטהאָן. עס גיט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין וואַנד. די ערד ציטערט פאר צאָרן. בייזע רוחות האָבען זיך גענומען ארום מיין שטוב טראַגען... ס׳איז פינס־טער ארום; אפשר האָט זי גאָר די שטוב פערלאָזען?... עס גיט ווידער א קלאַפּ אין וואַנד. הייליגע מלאכים! קומט ראַטעוועט מיר מיין קינד! דאָס וואסער אונטער מיינע פיס!... טרייבט עס דער טייך זיינע כוואַליעס צו מיר אין שטוב אריין?...

מ י ר ל

זיידע! עס פליייצט דאָס וואסער אין שטוב אריין!

מ נ ש ה

דו האָסט דעם הימעל אויפגעריהרט: דער בעכער פון צאָרן גרייט זיך. כ׳וועל פּרובּען אליין פון דאנען דעם וועג זוכען, כ׳וועל מיך אפשר ביז צום בערגעל דערשלאָגען.

ער עפענט די טיר, דאָס וואסער רייסט זיך אריין אין שטוב. פּייפט שטאַרק דער ווינד. די טיר איז אָפען. דער ווינד פערלעשט די ליכט.

מ י ר ל

זיידע! דו האָסט דאָס ליכט פערלאָשען! מיר זיצען אין דער פינס־

טער... באַבע! באַבע! מיר טרינקען זיך, באַבע!

מ נ ש ה

רוקט זיך צו דער הרובע.

העלף מיר! דיין ליכטיגער פּנים שיינט פאַר מיר ווידער... קומט איהר, הייליגע מלאכים!

מ י ר ל

זיידע, שווייג... כ'זעה וואָס דורכ'ן פענסטער... כ'זעה, ווי דאָס וואַסער הויבט זיך; שווייג... באַבע! באַבע! מיר טרינקען זיך!

מ נ ש ה

מיט אַ לויטערער שטים.

עס ווערט ליכטיגער ארום. איך זעה, ווי עס עפענען זיך די הימ־לען. איך זעה זיין ליעבען נאָמען, ער קומט מיר צו הילף. איך בין זיכער... וואו ביזטו, מיין קינד?

דער ווינד פייפט. די קריעס קלאַפּען אין וואַנד.

מ י ר ל

זיידע! איך אנטלויף!

זי שפּרינגט פון דער הרובע, עס הערט זיך אַ פּליעסק פון דעם וואַסער.

איך געה נאָך דיר, מיין קינד, איך געה נאָך דיר.

שטיל. ווייכע שטראַהלען הויבען אָן צו שלאָגען אין שטוב אַריין דורכ'ן פענסטער. דאָס וואַסער אין שטוב ווערט בעלויכטען ווי פון דעם שיין פון דער לבנה.

מ י ר ל

איך זעה עפּעס רופט אונז. מאַכט מיט די הענד... רופט...

מ נ ש ה

איך שפּיר, ווי וואַרעמע שטראַהלען פאַלען אויף מיין קאָפּ...

מ י ר ל

מען ווינקט צו אונז, מיר זאָלען גיכער געהן.

מ נ ש ה

איך זעה, ווי ס'ווערט טאָג ארום אונז.

מ י ר ל

לאמיר גיכער ארויסגעהן, דאס וואסער איז מיר שוין ביז די קניה. איך געה דורכ'ן פענסטער, גלייך צו די פייערען.

מ נ ש ה

דאס איז ער מיט זיינע שלוחים דיר אנטקעגען געקומען — געה גלייך אנטקעגען די פייערען...

מ י ר ל

עפענט דעם פענסטער און קריכט ארויס.

מ נ ש ה

קלייבט זיך צום פענסטער.

דאס גליק הויבט זיך אן. ווארעם איז מיר צווישען די קריעס אייז. ליכטיג — אין דער פינסטערער נאכט. מיין קינד, פערלאז מיך נישט!...

ער קריכט ארויס. שטיל. די שיין ווערט פערשוואונדען. חשך. דער ווינד רייסט דורך פענסטער און טיר. קריעס קלאפען פון אלע זייטען. עס קנאקען די ווענד. עס פאלט די סטעליע. עס הערט זיך א גרויס געררויש פון דעם וואסער און מיט שרעקליכען ליארעם פאלט די גאנצע שטוב איין.

## צווייטער אקט.

נאַכט. דער ווינד טרייבט שטיקער וואָלקען. פון צייט צו צייט רייסט זיך ארויס פון צווישען די וואָלקען אַ בלוי־כער שיין פון דער לבנה און עס בעווייזט זיך ניט קיין הויכער בארג בעוואקסען וואו ניט וואו מיט בוימלעך. עס הערט זיך דאָס פּליעסקען פון וואסער. פון צייט צו צייט טראָגען זיך מיט'ן ווינד פון ווייטען אויסגעשרייען, מאַנכע טרויעריגע, רופען צו הילף.

מ נ ש ה

זיין קול דערנעהנטערט זיך אלץ צום בערגעל.

עלענד... עלענד, נאָר איך מיט מיינע אויסגעלאָשענע אויגען. טרו־קען! כ'האב מיך צו א בארג דערשלאָגען... גרויסער גאָט! האסט מיך נישט פערלאזען... בארג ארויף געהט עס אלץ. טרוקענע ערד. העכער ביז צום שפּיץ וועל איך זיך פערקלייבען; דאָרטען וועל איך שוין איינגאנצען זיכער זיין.

אין דעם בלאסען שיין פון דער לבנה בעווייזט ער זיך אויף דעם שפּיץ בערגעל.

מ י ר ל

געהט איהם נאָך שטיל.

מ נ ש ה

ציטערט פון קעלט.

דאָס וואסער האָט זיך צו מיין לייב דערשלאָגען — אן אלטער פּאראַמשטשיק.. כ'האב שטענדיג געוואוסט, ווי פון בייז זיך אויס־מיידען; וואו זאָל איך מיינע פערפראָרענע פיס ווארעמען?

מ י ר ל

געהט אַב אָן אַ זייט און זעצט זיך שטיל, ציטערט פון קעלט.

מ נ ש ה

פון ווייטען הערען זיך קולות. זאָל עס איהר קול זיין? זי האָט דעם גאנצען הימעל אויפגעריהרט. וואָס ווארימער עס ווערען מיר מיינע גליעדער, אלץ מעהר שפיר איך, אז זי פעלט מיר. מיט איהר צוזאמען בין איך נאָך דורכ'ן פענסטער געקראָכען... דאָרטען האָט זיך נאָך מיין גוף אָן איהרען אָנגעריהרט. אין וואָס פאר א זייט האָט זי דער רוח פערטראָגען? ס'הערט זיך אַ פּליעסק אין וואסער. זאָל זי דאָרט זיין? מירל!.. מיין קינד, מירל!... איך האָב זי גע־שראָקען מיט מיינע רעד. זי האָט מיך געשראָקען מיט איהר גע־דאנקען. זיכער בין איך פון וואסער, אבער ניט זיכער איז מיין הארץ געבליבען. עס פעהלט מיר, אלץ פעהלט מיר... דאָפּעלט וואַ־רימער וואָלט מיר איצט זיין, ווען זי וואָלט מיט מיר געווען... איה־רע אויגען האָבען דאָפּעלט געלויכטען, געשיינט פאר מיינע אויך. איהר יוגענד האָט מיר מיין עלטער פערטריבען. מירל!... מיין קינד!...

מ י ר ל

געהט צו נעהענטער, שטעלט זיך אַנטקעגען דעם אַלטען.

מ נ ש ה

וואו איז פערפאַלען געוואָרען דער שיין, נאָך וועלכען איך בין אזוי זיכער געגאַנגען? קעהר מיר צוריק אום מיין קינד!... וואַ־רימער ווערט מיר, ווען איך טראַכט פון איהר. דאָפּעלט ווארימער וואָלט מיר אצונד זיין, ווען זי וואָלט געזעסען נעבען מיר.

ציטערט פון קעלט.

מ י ר ל

זיידע, וואָס וויינסטו?

מ נ ש ה

הא?... וואָס?... ווער רעדט?... דאכט זיך א קול. הערט זיך צו. די לבנה גיסט איהם אָב מיט אַ מאַטען שיין. ס'גיסט זיך ליכט איבער

מיין אלטען קאפ. ברייטער וועל איך מיינע אויגען עפענען, אפשר וועל איך וואס זעהן. ווער רעדט? וואו בין איך? העכער, אבער אלץ פינסטער. אפשר האט זי צו הילף גערופען? דער ווינד האט איהר קול געבראכט און הייסט מיר געהן זי ראטעווען?... פרובט געהן און פאלט גלייך. געפרארען די פיס, ביז די קניה געפרארען. דאס לייב פערגליווערט. דאס הארץ שמעלצט זיך. דאס לעצטע מאל וויינט דאס הארץ מיינס.

מ י ר ל

שטעלט זיך נאך נאהענטער.

וויין ניט, זיידע.

מ נ ש ה

מירל! דיין קול איז עס? ביזטו נאהענט נעבען מיר?

פויזעט אויף אלע פיער.

מ י ר ל

כ'בין ניט ווייט פון דיר, זיידע.

מ נ ש ה

מיין קינד! איך הער קלאר דיין קול. דיר איז קאלט — קום צו מיר: איך וועל דיר ביי מיין אלטען הארץ אנווארעמען. קום, כ'וויל דיך מיט מיינע הענד ארומנעהמען, מיין קינד.

מ י ר ל

מיר איז קאלט, זיידע...

מ נ ש ה

מיט גרויס שמחה. ער הויבט זיך פון ארט און פאלט צוריק.

מיין קינד, איך קאן צו דיר נישט געהן, קום צו מיר. מיין לעצטען פונק ווארעמקייט וועל איך דיר אוועקגעבען.

מ י ר ל

שרעק דיך ניט, וועל איך געהן צו דיר.

מ נ ש ה

איך הער, ווי דו ציטערסט פון קעלט — דערנעהנטער זיך צו מיר...

מ י ר ל

זי ווארפט זיך אין זיינע אָרעמס.

אַט בין איך, זיידע, ווארעם מיך!

ציטערט.

ביז די קניה זענען שוין מיינע פיס פערפראָרען. ביי מיין הארצען וועל איך דיך ווארימען. בעהאלט די הענד דיינע. גיב מיר דיינע פיס, כ׳וועל זיי מיט מיין הויך דערוואַרימען...

מ י ר ל

וואו זענען מיר, זיידע?

מ נ ש ה

ווייט פון דעם וואסער שפּיר איך, נאָך פון דעם ווינד נישט בע־שיצט. איך בין געגאנגען נאָך דעם שיין, וואָס האָט פאראויס מיר דעם וועג בעלויכטען, און דו האָסט מיינע אויסגעלאָשענע אויגען פאר א וועגווייזער גענומען... איז דיר ווארעם, מיין קינד?

מ י ר ל

ביי דיר אונטער די פּאָלעס איז אויך קאַלט. דער ווינד בלאָזט דאָרט אויך.

מ נ ש ה

נעהענטער צום הארצען טוליע זיך.

מ י ר ל

איך האָב געהערט, ווי אונזער שטוב איז איינגעפאלען — וואו וועלען מיר איצטער געהן?

מ נ ש ה

מיר וועלען אונזערע נשמות און לייבער צו גאָט איבערגעבען.

מ י ר ל

דו ביזט גלייך געגאנגען, ווי דו וואָלסט דעם וועג געוואוסט.

מ נ ש ה

ס׳ווערט מיר אלץ קעלטער און קעלטער און דאָס הארץ ווארעמער און ווארעמער.

מ י ר ל

אז עס וועט טאָג ווערן, וועלן מיר גיין אונזער שטוב זוכן.

מ נ ש ה

ציטערט אויף.

מיין קינד!

מ י ר ל

שרעק מיך ניט. איך וויל מיך אָנוואַרימען.

מ נ ש ה

איך שפּיר, אז דיין האַרץ איז אין גאַנצן געשטאָרבן..

מ י ר ל

זיידע, איך וועל צוריק אין וואַסער לויפן — רעד ניט!

מ נ ש ה

איך שפּיר, א שטיק אייז האַלט איך צו מיין האַרצן געדריקט.

מ י ר ל

רייד צו מיר ווי אין שטוב, כ'וויל מיך אָנוואַרעמען.

מ נ ש ה

עס פריהרט... קאַלט.. קאַלט...

מ י ר ל

שוויַיג, זיידע, איך וועל מיינען, אז דו שלאָפסט און איך וואַרעם מיך נעבן דיר.

מ נ ש ה

נעהם מיינע הענד און פיהר זיי אויף דיין האַרצן. איך קאָן מיט זיי ניט ריהרן. איך וויל זעהן... איך וויל...

מ י ר ל

שוויַיג... שוויַיג...

מ נ ש ה

איך וויל דאָס אמת'ע פייער אויף דיין האַרצן געפינען.

מ י ר ל

איך האָב די קמיע אין וואַסער אָנגעוואוירן.

מ נ ש ה

פערלאָרען?!

מ י ר ל

עמיצער האָט זי ביי מיר פון הארצען אראָבגעריסען... כ'האָב מיר געשראָקען.

מ נ ש ה

פערלאָרען... פערלאָרען...

מ י ר ל

שפּרינגט אָב פון איהם.

מ נ ש ה

דעם בעכער פון צאָרן אין גאנצען געטרונקען, אבער דאָס גליק נישט דערוואַרט זיך. קעלטער ווערט מיין הארץ; שווערער ווערט מיר מיט מיין צונג צו ריהרען.

מ י ר ל

נא, איך וועל דיך צודעקען.

וואַרפט אויף איהם איהר טוך.

מ נ ש ה

מיט שמחה.

דער צדיק! זיין הייליגער פנים בעווייזט זיך פאַר מיר... וועמען געהסטו ראטעווען — מיך, צו מיין קינד?... אָ, דערבאַרעם זיך...

מ י ר ל

רייסט אראָב פון זיך נאָך וואָס און וואַרפט אויפ'ן אַלטען.

מ נ ש ה

ווארימע פליגעל פון הייליגע מלאכים בעשיצען מיך... ברענענדיגע אויגען קוקען מיר גלייך ביז'ן הארץ אריין... ווארימער... ווארי־מער...

א ש ט י מ ע

טראָגט זיך פון וויטען מיט'ן ווינד.

ראָ—טע—וועט! איך—געה—ביז—האַלז—איז—וואַ—סער!

מ י ר ל

שרייט.

א—הער! דאָ—איז—טרוקען!

מ נ ש ה

פון הימעל הער איך קולות פון די מלאכים... פון גן־עדן, הער איך, גיסט זיך דער הייליגער געזאַנג...

ד י  ש ט י מ ע

געהענטער.

ראַ—טע—וועט! איך ווער פער—פראָרען.

מ י ר ל

אהער, דאָ איז טרו־קען!

מ נ ש ה

מיט שמחה.

טאָכטער מיינע! איך זעה דיך... צווישען אלע צדיקים און צדקניות ביזטו... גלייך פון הימעל געהסטו... דיין פנים לויכט... דיינע אוי־גען פונקלען ווי די ליכטיגע שטערען... ווארימער... ווארימער...

ד י  ש ט י מ ע

גאָר נאָהענט

וואו—הין—זאָל—איך—געהן?

מ י ר ל

גלייך! גלייך!

מ נ ש ה

שירה אין הימעל... ס'איז פריהמאָרגען... דער גאַנצער הימעל האָט אויפגעוואַכט. שירה זאָגט דער צדיק צווישען אלע מלאכים...

עס פליעסקעט דאָס וואַסער גאָר נאָהענט.

ד י  ש ט י מ ע

זענען מענשען פארהאַן נאָהענט?

מ י ר ל

שטעהט און קוקט אין דער ווייט.

מ נ ש ה

זינגט.

דער ליכטיגער טאָג קומט אָן... גאָט'ס חסד איז נאָהענט... איך זינג
צו זיין נאָמען... איך אכפער זיינע מעשים....

ד י ש ט י מ ע

ווער איז דאָרט? רופט זיך ווער אָב!

מ י ר ל

מענשען!... מענשען!...

עס בעוויזט זיך אַ פיגור פון אַ מענשען, ציטערט פאר קעלט; עס
קלאפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

מ נ ש ה

זינגט מיט א דומפּפען קול.

זיין ליכטיגער נאָמען... זיין חסד און רחמים...

ד ע ר א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר

ווער איז דאָ?

מ י ר ל

מענשען, מענשען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

מענשען? דאָ זענען מענשען?

מ י ר ל

ציטערט פון קעלט און שרעק.

מיט'ן וואסער געקומען, ביז'ן האלז געקראָכען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

ווער איז דאָרט?

מ י ר ל

מיין זיידע. ער ווערט געפראָרען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

ווערט געפראָרען?

מ י ר ל

געפראָרען... קאָן זיך ניט דערוואָרמען.

דער אומבעקאנטער

בויגט זיך צו צום אַלטען.

געפּראַרען, ער ליגט טויט...

מירל

מיט שרעק.

אַך, זיידע!

דער אומבעקאנטער

ניטאָ קיין סימן פון לעבען. ביז טאָג וועט אפשר פון אונז אויך מעהר ניט בלייבען.

מירל

אַך, זיידע, זיידע, שטעה אויף! זיידע, כ'ווייס, וואו די קמיע איז, זיידע!

דער אומבעקאנטער

אומזיסט דיין וועקען... איהם וועסטו שוין לעבעדיג ניט מאכען. לאָמער בעסער איינער דעם אנדערען ווארימען ביז טאָג...

מירל

ברעכט אוים מיט אַ ביטער געוויין. איהר קול ציטערט פאר קעלט.

זיידע!... זיידע!... זיידע!... האָסט מיך אליין אין דער פינסטער־דער נאכט געלאָזען... זיידע!

דער אומבעקאנטער

זעה, ווי דיין קול ציטערט פון קעלט און שרעק. דער אלטער ליגט שוין אָהן א סימן פון לעבען. טרעט אָב פון איהם. מיט שרעק און קעלט בלאָזט פון איהם.

מירל

איך וועל מיך לעגען נעבען איהם און שטארבען...

דער אומבעקאנטער

איך וועל דיך נישט לאָזען שטארבען. דער אלטער איז געשטאָר־בען, ווייל דאָס בלוט איז שוין אין זיינע אַדערן לאנג ווי אייז געוועזען... איך וועל דיך נישט לאָזען שטארבען, אויב איך בין איצ־טער לעבען געבליבען.

מ י ר ל

זיידע! נעהם מיך!...

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

די גאנצע נאכט האט מיר דער טייך אויף א באלקען פון א צו־בראכענעם פאראם געטראגען און האט מיך אויף א ברעג ארויס־געשליידערט... כ׳ווייס אליין ניט, ווי ווייט ער האט מיך פון מיין היים פערטראגען — נאר דאס האב איך געפיהלט, אז ער האט מיך אויף די צווייטע זייט ארויסגעווארפען. לאמיר זיךביידע טוליען איינער צום אנדערען און ווארימען זיך...

מ י ר ל

רוקט זיך אב.

כ׳קאן דיך ניט... כ׳טאר עס ניט... כ׳וויל נעבען זיידען מיינעם זיצען, ביז איך וועל געפרארען ווערען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

איך וועל דיך איבערגעוואלד ווארימען און דו וועסט מיך איבער־געוואלד ווארימען. וואס ליגט עס אויף דעם אלטען? ־טרוקענע בגדים... איהם זענען זיי שוין אינגאנצען איבריג. מען קאן זיי זי־כער פון איהם אראבנעהמען.

מ י ר ל

ריהר ניט! ריהר ניט!

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

עלטער מיט פראסט וועסטו שוין נישט דערווארימען. קום, נאריש קינד. קום צו מיר, ווען ס׳וועט נאר טאג ווערען, וועסטו זעהן, ווי דער חשק צום לעבען וועט זיך אין דיר שטארקען... אומזיסט ווילסטו לעבעדיג מאכען א קערפער פון אן אלטען מאן, וואס איז געפרוי־רען געווארען... קום צו מיר, זעה, ווי דו ציטערסט פון קעלט. זעה, ווי ס׳קלאפט דיר א צאהן אן א צאהן... קום, לאמיר צוזאמענפרע־סען אונזערע לייבער און ווארעמען זיך. ווען ס׳וועט ווערען טאג, וועלען מיר זיך צו א שטוב דערקלייבען... קום!

מ י ר ל

איך שרעק מיך פאר דיר.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

ניט שרעק זיך פאר מיר. איך בין א מענש... מיך האט דאס וואַ־סער אהער געבראכט. ס'איז פינסטער ארום. ווייל איך ווייס ניט, וואו איך בין, קאן איך דיר ניט זאָגען, פון וואנען איך בין.

מ י ר ל

קאלט... קאלט... כ'ווער דערפראָרען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

נאריש קינד! אומזיסט שלעפסטו אויף זיך דעם טוידט, בעת דאס לעבען רופט אונז. ביז טאָג איז שוין ניט ווייט. ברייט אויס זיינע הענד. קום צו מיר. ניט שרעק זיך פאר מיר. דאס לעבען קאָנען מיר נאָר ביידע איינער דעם אנדערען שענקען... ווייניג ווארימקייט איז אין דיר געבליבען דו זאָלסט קאָנען פאר'ן פראָסט שטארקער זיין. לאָמיר אונזער ווארימקייט צוזאמענמישען — נעהם מיך ארום.

מ י ר ל

דער זיידע ליגט טויט.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

און מיר מוזען לעבען! לעבען!...

**ער כאַפּט זי פעסט ארום.**

מ י ר ל

לאָז מיך! לאָז...

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

מיט געוואלד וועל איך דיר מיין לעבען געבען און מיט געוואלד וועל איך ביי דיר דיין לעבען נעהמען — דריק מיך צו זיך...

מ י ר ל

דעם זיידענס בלינדע אויגען קוקען אויף מיר... די קמיע... לאָז מיך... דער צדיק...

דער אומבעקאַנטער

דער זיידע איז טויט... מיר בעדאַרפֿען לעבען... פּעסטער, אַט אַזוי... פּעסטער...

מירל

אַ שטראָם הייסע בלוט איז דורך מיינע אָדערן דורכגעלאָפֿען.

דער אומבעקאַנטער

דאָס קעהרט זיך צוריק דאָס לעבען צו דיר. איך בין פֿון יענער זייט טייך. פֿון דאָרט האָב איך דיר דאָס לעבען געבראַכט...

מירל

מיינע גליעדער געהן מיר אָב.

דער אומבעקאַנטער

מיר מוזען נאָך האַרץ צו האַרץ דריקען, וועט ערשט רעכט וואַרעם זיין.

מירל

די הערסט, עס קלאַפּט שוין ניט מעהר ביי אונז אַ צאָהן אַן אַ צאָהן.

דער אומבעקאַנטער

איך הער, אַז דיין קול ציטערט שוין נישט מעהר.

מירל

לאָמיר אפשר פּרובען דעם זיידען וואַרימען?

דער אומבעקאַנטער

איהם קען מען נישט וואַרים מאַכען.

מירל

ס'איז גאָר ליכטיגער געוואָרען אין די אויגען מיינע.

דער אומבעקאַנטער

דיין קינדערש בלוט האָט אין מיינע אָדערן דאָס בלוט צושמאָלצען.

מירל

כ'האָב די קמיע פֿערלאָרען. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז אין האַר־צען האָב איך זי געדאַרפֿט טראָגען. דער זיידע...

דער אומבעקאנטער

זעהסטו, ער איז געשטארבען, דער טויט איז געווען שטארקער פון איהם. מיר וועלען לעבען... ש־ש־ש!

מירל

וואס הערסטו?

דער אומבעקאנטער

איך הער, ווי דיין הארץ קלאפט פון שמחה.

מירל

מיר הויבט שוין אן היים צו ווערען.

דער אומבעקאנטער

ווי א פאנצער זענען געווען מיינע קליידער געפרארען: ווי א פאנ־צער זענען אויף דיר דיינע געפרארען. אונטער דעם פאנצער האט זיך דאס לעבען צופלאקערט... אך, לעבען... לעבען..

מירל

ווען כ'פלעג זיך צום זיידען טוליען, איז מיר אזויווארים ניט געווען. נאך איידער דו ביזט געקומען, האב איך מיך צו זיין הארץ געטוליעט, נאר ס'האט מיט פראסט געטראגען.

דער אומבעקאנטער

זעהסט, ווי א גרויער פאס בעווייזט זיך דארט לינקס?

מירל

אויף דער ערד?

דער אומבעקאנטער

ניין, אויפ'ן הימעל.

מירל

וואס בעדייט עס?

דער אומבעקאנטער

דאס פערנעהמט זיך שוין אויף טאג. באלד וועט ליכטיג ווערען און מיר וועלען זיך צו הייזער פערקלייבען.

מירל

וויינט.

איך האָב ניט וואוהין. איך האָב געזעהן, ווי דאָס וואסער האָט אונ־זער הויז פערטראָגען. דער זיידע איז פערפראָרען.

דער אומבעקאַנטער

דו וועסט געהן צום לעבען. דאָס לעבען וועט דיר שוין אין הייזער ברענגען. א הילצערנעס הייזעל איז מסתמא אייערס געוועזן, אז דאָס וואסער האָט געקענט פערטראָגען — דאָס לעבען וועט דיך אין פּאַלאַצען ברענגען... שעהנע פּאַלאַצען און בריליאַנטענע שלעסער געפלאַסטערט אין גאָלד און בעפּוצט מיט פּערל און רובינען. דאָס וואסער וועט זיך אהין ניט פערקלייבען און דאָס פייער וועט אויך צו זיי קיין שליטה ניט האָבען... זעהסט, דער פראָסט האָט פון דיין זיידען א שטיק אייז געמאַכט, און צו אונז האָט ער קיין שליטה ניט...

מירל

דו רעדסט, איך פערשטעה עס גאָר ניט... דער זיידע האָט שטענדיג אנדערש גערעדט. עפּעס אנדערש פלעגט ער רעדען יעדעס מאָל אין אָבענד. איך פלעג האַלטען מיין קאָפּ ביי איהם אין שויס, און ער פלעגט מיר דערצעהלען... איך פלעג איהם בעסער פערשטעהן. נאָר פון זיינע ווערטער איז מיר קיינמאָל אזוי וואַרים ניט גע־ווען. כאָטש ביי אונז אין שטוב איז קיינמאָל קיין פראָסט ניט געוועזן. דער ווינד איז אויך קיינמאָל אהין ניט צוגעקומען...

דער אומבעקאַנטער

ניט שטענדיג דאַרף מען פערשטעהן — בעסער, אז מען פיהלט. פיהלסט, ווי דאָס לעבען קלאַפּט אין דיינע אָדערן, ווי מיט פייַ־קען? פיהלסט, ווי אין דיין הארצען קאָכט ווי דער טייך איצטער, וואָס האָט הייזער פערטראָגען און מיך צו דיר געבראַכט.

מירל

פאר'ן זיידען האָב איך מורא געהאַט. ער פלעגט מיט זיינע בלינדע אויגען קוקען אויף מיר. קוקען... קוקען.. פון זיי האָט עפּעס ארויס־

געקוקט און מיך געשראָקען.

דער אומבעקאַנטער

האַ, דיין זיידע איז בלינד געווען! — פון זיינע אויגען האָט דער טויט אליין ארויסגעקוקט און האָט דיך געשראָקען. דו טאָרסט וועגען טויט ניט טראַכטען — לעבען... לעבען...

מירל

ער איז בלינד געווען, נאָר ער איז אליין געגאַנגען. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך אליין צום בערגעל דערשלאָגען.

דער אומבעקאַנטער

דאָס האָט איהם דער טויט געפיהרט; בעלויכטען זיין וועג מיט אַ שווארצען פייער.

מירל

איך האָב אויך דעם פייער געזעהן. איך האָב מיך אויך צו איהם געצויגען. איך האָב געמיינט, אז דאָס איז דער צדיק מיט מלאכים ווי דער זיידע פלעגט אַלץ זאָגען. אפילו אין די שפּיצען פינגער איז מיר אויך ווארים געוואָרען... זעהסט, ס'איז שוין ליכטיג.

דער אומבעקאַנטער

פערמאַך נאָך די אויגען אַ ווײַלע און פיהל... זעהסט וואָס?

מירל

איך זעה שעהנע פּאַלאַצען אויף אַ הויכען בארג שטעהן...

דער אומבעקאַנטער

דאָס וועלען דיינע זיין.

מירל

ווען וועמעס זענען זיי איצט?

דער אומבעקאַנטער

קיינעמס ניט. פריי בויט זיי דאָס לעבען אויס און ווער עס וויל קען זיי בעקומען. דו קענסט זיי אויך בעקומען... דו מיט דיין קינדערש בלוט קענסט צו זיי דערגרייכען...

מירל

אז איך פערמאַך די אויגען, פיהל איך, אז איך זיץ אויפ'ן הימעל,

ארום פליהען מלאכים. ס'איז אזוי ליכטיג, ווי דער זיידע פלעגט שטענדיג דערצעהלען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

דעם זיידען דיינעם פלעגט זיך עס אויף נאך דעם טויט חלומ'ן, דו קענסט עס אין לעבען בעקומען... זעהסט, ס'איז שוין גאנץ ליכטיג. עס זעהט זיך שוין די גאנצע געגענד ארום. דורכאויס מיט וואסער פערגאסען, נאר רעכטס ווייזט זיך א שמאלער פאס טרוקענע ערד. ער ציהט זיך ביז צום בארג אונזערען. מיט דעם וועג וועלען מיר זיך פון דאנען לאזען.

מ י ר ל

איך וועל נאך האלטען פערמאכט די אויגען און דו רעד... רעד...

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

און דו?

מ י ר ל

איך וועל פיהלען.

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

פיהלסטו?

מ י ר ל

אלץ פיהל איך... איך פיהל, איך זעה, איך פיהל, איך זעה...

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

איז גוט. אבער דער וועג איז א שווערער און א לאנגער, ביז מיר וועלען זיך פון דאנען ארויסקלייבען... דער טאג לייכט שוין, און מיר וועלען זיך באצייטען פון דאנען לאזען. געדריקט לייב צו לייב וועלען מיר געהן און אויפ'ן וועג וועל איך דיר גאר שעהנעס דערצעהלען... לאמיר געהן.

מ י ר ל

און דער זיידע?

ד ע ר א ו מ ב ע ק א נ ט ע ר

מיר וועלען זאגען מענשען, וועלכע האבען אן עסק מיט טויטע וועלען זיי איהם צום קבר ברענגען.

מירל

ווילסטו, איך זאל איהם לאזען?

דער אומבעקאנטער

מיר וועלען זאגען מענשען, וועלכע האבען אנ׳עסק מיט טויטע, וועלען זיי איהם צום קבר ברענגען.

מירל

אבער מיין זיידע איז ער דאך!

דער אומבעקאנטער

ער הויבט זיך אויף און האלט זי פעסט ארומגענומען.

מירל

וואוהין פיהרסטו מיך?!

דער אומבעקאנטער

צום לעבען, קום!

מירל

לאז מיך. מיך ציהט צום זיידען מיינעם, ער ווינקט צו מיר, כ׳קען איהם ניט לאזען...

דער אומבעקאנטער

פיהרט זי.

דער אומבעקאנטער

קום, איך וועל דיר אויפ׳ן וועג גאר שעהנעם דערצעהלען.

מירל

ברעכט אויס מיט א געוויין.

זיידע! זיידע! איך קען דיך ניט לאזען!...

דער אומבעקאנטער

דאס לעבען רופט — דאס לעבען... איך וועל דיך לאזען, אבער דיין נשמה איז ביי מיר — זי וועט שוין דיין גוף אויך מיטציהען...

געהט פון בארג.

מ י ר ל

געהט איהם ניט ווילענדיג נאָך. ווײנט יאָמערליך.

זיידע!... זיידע!... איך געה און ווייס ניט וואוהין... ראטעווע מיך!...

זי ווערט פערשוואונדען אונטערען בארג... איהר קול הערט זיך נאָך שרייענדיג „זיידע"... זיידע!"...

# דריטער אקט.

ביים ברעג טייך. זומער פאר־נאַכט. דער ברעג איז בעדעקט מיט א ווייסען זאמד און בעוואקסען מיט לאַנגע שיטערע גראַז. וואו ניט וואו אַ געל בלומעל. פון ווייטען, אַנט־קעגען זעהט זיך דער צווייטער ברעג, בעוואקסען געדיכט מיט יונגע בוימלעך. פון דאָרט טראָגט זיך דאָס צוויטשע־רען פון פויגלעך. עס לאָזט זיך אַראָב די זון און דער גאַנ־צער הימעל איז רויט. פון דער אַנדער זייט הימעל שווי־מען אַרויס דיקע כמאַרעס און עס קלייבט זיך אויף אַ רעגען.

מ י ר ל

שטעהט שטיל און קוקט גלייך צום זון־אונטערגאנג מיט גרוים בענקעניש אויפ'ן געזיכט.

אך! דאָרטען איז דאָס גאנצע גליק; דאָרטען איז עס. וואָלט דער טייך אזוי ברייט ניט געווען, וואָלט איך איהם אריבערגעשפרונ־גען: ווען דאָס וואַסער וואָלט דאַ ניט אזוי פינסטער געווען, וואָלט איך אפשר... ווי דעם זיידענ'ס אויגען אין יענער נאכט זעהט דאָס וואַסער אויס...

י א כ נ ע

קומט אַן פון ווייטען, שלעפּט אַ קלאָץ.

מ י ר ל

ניין, ביי טאָג קאָן ער ניט קומען... ביי נאכט האָט איהם דאָס וואַסער מיט געוואלד געבראכט צו מיר. דער טאָג האָט איהם פון מיר אָבגעריסען. גלייך מיט זונענאויפגאנג איז ער פון מיר פער־שוואונדען געוואָרען. באַלד פערגעהט די זון. רויט דער הימעל— ס'ברענט...

יאכנע

שרייט פון ווייטען.

וואס שטעהסטו דארט? ! אויף וועמען ווארסטו דארט? !

מירל

דער טייך, דער פינסטערער טייך שרעקט מיך יעדעס מאל, ווען כ'וויל זיך אויף יענער זייט אריבערקלייבען, און זי... וואס וויל זי פון מיר?

יאכנע

עס ווערט נאכט, וואס שטעהסטו דארט?

מירל

וואס האט זי מורא פאר דער נאכט! וואס שרעקט איהר די נאכט?

יאכנע

ווארפט אראב דעם קלאץ.

זאג, וואס ווילסטו דא? קום א היים, עס ווערט נאכט. מארגען דארף מען פריה אויפשטעהן. בעגינען, נאך איידער דער האן וועט קרייען, וועלען מיר זיך אויסקלייבען און פאהרען צום צדיק.

מירל

זאג, פון וועלכער זייט דארף ער אנקומען, דער צדיק?

יאכנע

ווייזט אויף הינטער זיך.

פון דארטען.

מירל

מיט פערדרוס.

זעהסטו, דארטען פערגעהט יעדען טאג די זון, און איך קאן דעם טייך ניט אריבערגעהן.

יאכנע

וועה איז מיר און ווינד. משוגע, משוגע; בעשטראפט מיט ביידע הענד.

מירל

וואס פאר א באלקען טראגסטו עס?

יאכנע

אז דיין פערשטאַנד האָט דער וואָס אין הימעל ביי דיר צוגענו־מען... כ׳האָב עס אין פעלד געפונען. כ׳האָב עס דערקענט — פון אונזער שטוב.

מירל

פון אונזער שטוב? נעהם וואַרף עס אין טייך אריין. זאָל עס דאָס וואַסער פערטראָגען, כ׳וועל עס באַלד אליין...

יאכנע

ניט דערוועג זיך עס צו טהאָן!

מירל

געהט אָב אין אַ זייט.

דאָס לעבען... דאָס לעבען... וואו זענען זיי, די פּאַלאַצען, וואָס ער האָט געזאָגט? פריי בויט דאָס לעבען אונטער׳ן הימעל גאָלדענע פּאַלאַצען אין בריליאַנטען און רובינען געפּלאַסטערט... אָהן איהם וועל איך זיי ניט געפינען... אָהן איהם קאָן איך אפילו דעם טייך ניט אריבערגעהן, און ער איז דאָרט אויף יענער זייט. פון יענער זייט טייך איז ער געקומען, ביי נאַכט, אין דער פינסטער האָט ער זיך בעוויזען און מיין געפּראָרען לייב געוואָרעמט. צו דער אַלטער. געה א היים! איך וויל אין דער נאַכט אליין מיט דיר ניט בליי־בען... געה דיר, געה — אָדער אַ ניט, העלף מיר דאָ אַ פּראָם אויסבויען, וועל איך מיר אויף יענער זייט אריבערקלייבען.

יאכנע

די הייליגע נשמה פון דיין מאַמען, זאָל פאַר דיר ביים כסא־הכבוד בעטען.

מירל

די מאַמע איז דעם זיידענס אַ טאָכטער געווען, געה, איך שרעק זיך פאַר איהר.

יאכנע

דער הייליגער נאָמען פון דיין טאַטען דעם קדוש זאָל דאָרט אין הימעל פאַר דיר תפילה טהאָן.

מ י ר ל

באבע, לאז מיך!

י א כ נ ע

דער כשר׳ער נאמען פון דיין זיידען דעם קדוש זאל דעם גאנצען הימעל אויפריהרען און פאר דיך בעטען.

מ י ר ל

אויב דו שווייגסט ניט, שפרינג איך באלד אין טייך אריין, אט דא. וואו דאס וואסער איז פינסטער און שווארץ... ווי זיס איז דער געזאנג דארט צווישען די בוימלעך, — אלץ איז אויף יענער זייט. נאך זיין פערשווינדען זענען דארט די בוימלעך אויסגע־וואקסען... אפשר האט ער זיי אליין פערפלאנצט? אפשר זיצט ער דארט אליין און ווארט אויף מיר?...

י א כ נ ע

שלעפט זי פאר׳ן ארבעל.

קום, עס וועט באלד א רעגען געהן.

מ י ר ל

יעדעס מאל דוכט זיך מיר, אז ביי נאכט איז ער געקומען און האט א בריק אויסגעבויט, איך זאל קענען גלייך אריבערגעהן, זיך לאזען צו יענע פאלאצען. רייסט אוים עטליכע געלע בלימלעך און ווארפט זיי אין טייך. טראג עס, טראג עס, וואסער. טראג עס ווייטער, גלייך צו איהם... זאגט איהם, אז מיר איז ווידער קאלט. זאגט איהם, אז כ׳וועל פערפראָרען ווי אין יענער נאכט, ווען דאס וואַ־סער האט אונז אויף א בערגעל פערטראגען... זאגט איהם, אז כ׳האב ביי זיך אין הארצען זיין ווארעמקייט בעהאלטען, נאר איך קאן שוין מעהר ניט, כ׳קאן עס שוין מעהר ניט אויפהאלטען. ווען דער לעצטער הויך וועט ארויסגעהן, שטארב איך... איך ווער א שטיק אייז, ווי דער זיידע יעמאלט. טראכט א ווײלע. וואס ווארסטו דא? דיך האט דער זיידע אויף דער וועלט געלאזען, דו זאלסט מיך שרעקען? אין דיינע אויגען איז אזוי פינסטער, ווי ביים זיידען אין יענער נאכט.

יאכנע

איך וועל רופען מענשען. מען וועט דיך בינדען און מיט געוואלד צום צדיק פיהרען.

מירל

שפאצירט אום ביים ברעג, זינגט.

אין פאלאצען רובינען פול
שטעהט א הויכער שעהנער שטול,
ווי א מלאך זיצט ער דארט.
ווי א מלאך זיצט ער דארט....

יאכנע

מיט שווארצע, געדיכטע וואלקען ווערט דער הימעל פערצויגען, באלד וועט א שלאקסרעגען גיסען, און דו וועסט א נאקעטע אונטער'ן הוילען הימעל בלייבען.

מירל

מיט שמחה.

א רעגען וועט באלד געהן! די כמארעס ווערען שטארקער, געדיכטער און שווארצער... ס'וועט א רעגען גיסען — א מבול וועט ווערען... ס'וועט ווידער אלע בריקען אראבטראגען, ווי יעמאלט, ווען איך בין נאך א קינד געווען... מיט'ן וואסער וועט ער קומען, אלע פאלאצען — דאס גאנצע לעבען וועט ער מיט זיך ברענגען.

יאכנע

אט דונערט שוין ערגיץ, קום גיכער א היים, כ'וועל דא מיט דיר נישט בלייבען.

מירל

באלד, באלד וועט עס געשעהן. איך הער שוין די דונערן, באלד וועט זיך דער הימעל שפאלטען, פייערדיגע בליצען וועלען אומלויפען, כ'וועל זיצען אוןווארטען.

זעצט זיך ביים רעכטען ברעג און קוקט אריבער ווייט פון זיך.

י א כ נ ע

זעצט זיך פון וויטען.

נישט גוטע, מלאכי חבלה האבען זי ארומגערינגעלט און לאזען זי נישט רוהען. וואלט ווער ס'איז דורכגעהן, וואלט מען זי מיט געוואלד פון דאנען צוגענומען.

מ י ר ל

אך! ווען איך וואלט קאנען קוקען, קוקען ביז אויף יענער זייט וועלדעל!... דארטען ערגיץ זיצט ער — קום! קום! איך שפיר, אז דו ביזט ניט וויט פון מיר — קום! באלד וועט זיך דאס וואסער פון די ברעגעס ווידער ארויסכאפען — איך שפיר עס, די דונערען זאגען מיר אן. ווארפט א בליק צו דער אלטער. וואס ווארטסטו?

י א כ נ ע

קוקט זי שארף אן אהן ווערטער.

מ י ר ל

באלד וועט א רעגען גיסען, עס וועט פלייצען פון אלע זייטען — געה בעהאלט זיך אין שטוב. ווילסט זיך אויך אריבערקלייבען אויף יענער זייט? דארט איז פאר דיר גאר נישטא. בלייב שוין דא... געה א היים, געה. וואס היטסטו מיך?! ווען ס'וועט פול ווערען דער טייך, וועל איך מיר אויף יענער זייט אריבערקלייבען. געהט אום מיט גרויס שמערצען אויפ'ן געזיכט. עס ציהט מיר אלע גלידער, עס ציהט מיר מיינע הענד, מיינע פיס... ס'ציהט מיר מיין הארץ! איך קאן שוין מעהר נישט אויסהאלטען. פינסטערער, פינסטערער...

י א כ נ ע

טהוט אויס פון איהר האלז א קמיע, געהט צו שטיל צו מירלען און טהוט איהר אן אויפ'ן האלז. העלף מיר, רבונו של עולם! רייס זי ארויס פון די מלאכי חבלה, וואס האבען זי פערכאפט אין זייערע נעץ...

מ י ר ל

ווארפט די קמיע אין וואסער אריין.

יאכנע

געוואלד! וואס וועט איצטער זיין? וויל קריכען אין טייך. וואס האסטו געטהאן?!

מירל

אלץ וועל איך מיט'ן וואסער אוועקלאזען, ביז כ'וועל מיך אויף יע־נער זייט אריבערקלייבען.

יאכנע

פערפאלען, פערפאלען, צום גרונד געגאנגען.. כ'וועל לויפען רופען מענשען, מען זאל זי פון דאנען וואס גיכער צונעהמען... דא ביים טייך איז א נעץ פאר איהר געשפרייט.

לויפט אוועק מיט אלע כחות.

מירל

איצטער בין איך אליין געבליבען... איצטער וועל איך אלץ מיט'ן וואסער אוועקלאזען. שלעפט דעם באלקען צום ברעג און ווארפט איהם אין וואסער. זאל ער געהן אהין, וואוהין דאס גאנצע שטיבעל איז פערשוואומען. זי איז נאך מענשען געגאנגען, און איך וועל מיך בעהאלטען... כ'וועל מיך דער פינסטערער נאכט איבערגעבען. עס בליצט. זי ציטערט אויף. עס בליצט! קיינער איז מיט מיר ניטא... וואס זעה איך עס פון וויטען?! מיט'ן וואסער... א פייערעל שווימט און ארום איהם מענשען... אפשר שווימט ער מיט די גאלדענע פאלאצען... ווי גיך!... דאס וואסער טראגט זיי... טראגט זיי... האלט! האלט אב! עס בעווייזט זיך א פייער אויפ'ן טייך... דאס גאנצע וואסער ווערט בעלויכטעט.

אשטימע

פון טייך ארויס.

נישט יוויט א דארף, מענשען?

מירל

האלט אב, האלט?

צווייטע שטימע

האלט אב דאס געהילץ!

ע ר ש ט ע ר

פון א נאָהענטען דאָרף?

מ י ר ל

ווי גוט! דאָס געהילץ האָט איהר געבראַכט א פּראָם צו בויען? מאַכען א וועג צו יענע פּאַלאַצען?...

צ ו ו י י ט ע ר

זי איז משוגע.

מ י ר ל

ניט לאָזט זיך גלייך מיט'ן וואַסער... דאָס וואַסער וועט אייך פערטראָגען. דאָס וואַסער האָט אַלץ פערטראָגען... מיין טאַטען, איהם... די קמיע...

צ ו ו י י ט ע ר

פון וואַנען ביזטו?

מ י ר ל

ווייזט אויף יענער זייט טייך.

איך בין פון דאָרטען, איך בין דאָ, נאָר איך בין דאָרטען... זעהט עס וועט באַלד א מבול ווערען... איהר זעהט דעם הימעל... ווען דאָס וואַסער וועט זיך הויבען, וועל איך אריבער אויף יענער זייט...

צ ו ו י י ט ע ר

וואָס דאַרפסטו אויף יענער זייט? קום מיט אונז.

מ י ר ל

איהר פאָהרט מיט'ן וואַסער... איהר קאָנט ניט וויסען, וואָס אויף יענער זייט איז.

ע ר ש ט ע ר

זי איז משוגע, לאָזט דאָס געהילץ!

דאָס פייער פערשווינדעט.

מ י ר ל

שטעהט אַ ווייל און קוקט אין דער זייט, וואו דאָס פייער פערשווינדט. זעהר אונרוהיג.

אַלץ פערשווינדט פון מיר, אַלץ פערשווינדט; אַלץ איז צו מיר אין

דער פינסטער געקומען און איז דער פינסטער ווערט אלץ פון מיר פערשוואונדען... מיין הארץ האט ער פון מיר צוגענומען און זיינס האט ער ביי מיר געלאזען... מיין הארץ האט זיך קיין מאל אזוי ניט געריסען. מיין הארץ האט קיין מאל אזוי ניט געבענקט. מיין הארץ האט ניט געוואוסט, אז אויף יענער זייט איז אלץ פארהאן... מיין הארץ האט ער ביי מיר פערנומען און מיך אויף דער זייט געלאזען... אפשר האב איך מיט דער קמיע מיין הארץ פערלארען? ווען איך פלעג זיצען מיט'ן זיידען, איז מיין צונג שטום געווען. איך בין נאריש געווען און מיין הארץ איז רוהיג געווען. איך קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען... עס דונערט. דער הימעל בייזערט זיך אויף מיר. וואלט שוין א רעגען גיסען! עס דונערט און קיין רעגען איז נאך אלץ ניטא... וואס האבען די מענשען נאר וואס געוואלט פון מיר? וואוהין האבען זיי מיך געוואלט פיהרען? וואוהין געהט דאס וואסער?... פינסטערער, פינסטערער ווערט ארום... דעם זיידענס אויגען בלאנדזשען שוין ווידער ארום פאר מיר... זיי קוקען מיר שוין אן פון אלע זייטען — וואס ווילען זיי פון מיר?! אך, דארטען ווינקען צו מיר זיינע אויגען... ליכטיגע... שיינען ווי צוויי שטערען. ליכטיגע און דעם זיידענס אויגען — און וואס ווילען זיי פון מיר?! עס דונערט שטארקער. קאלט... מיר ווערט קאלט. דער פראסט כאפט מיך ארום...

### יאכנע

איהר קול הערט זיך פון ווייטען.

מיט געוואלד. בינדען, מיט געוואלד זי פון דאנען צונעהמען.

קומט אן; מיט איהר נאך א פאר מענשען.

### מירל

זיי געהען. מיט געוואלד... כ'וועל מיך נישט לאזען! צוריק וועל איך ניט געהן!...

### ערשטער

מיט געוואלד וועלען מיר זי צום צדיק פיהרען. בינדען!

י א כ נ ע

ראטעוועט מיר מיין קינד! ראטעוועט מיר מיין קינד!

מ י ר ל

לאזט מיר! איך האב קיין נשמה ניט... לאזט מיר צום לעבען...

ע ר ש ט ע ר

*נעהמט מירלען פאר׳ן האנד.*

קום מיט מיר.

מ י ר ל

כ׳וועל שטארבען, ווען איהר נעהמט מיך נאר צו פון דאנען!

י א כ נ ע

נעהמט זי צו וואס גיכער!

ע ר ש ט ע ר

*וויל זי פיהרען.*

מ י ר ל

עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען! לאזט!

י א כ נ ע

ראטעוועט, ראטעוועט, נעהמט זי צו פון דאנען!

*עס דונערט.*

מ י ר ל

*וועהרט זיך שטארק.*

איהר רייסט מיך פון לעבען אב... כ׳בין שוין אזוי ווייט פון מיין היים פערגאנגען... *מיט שמחה, זי זעהט וואס פון ווייטען.* דו ביזט דא! קום שוין גיכער!... ער רופט!... גיכער קום, דיים מיר ארום פון זייערע הענד, כאפ מיך ארום ווי יעמאלט ביי נאכט.. איך ווער ווידער פערפראָרען. גיכער... זיי רייסען מיך פון דיר אב!... ער געהט און נאך איהם אלע גאלדענע פאלאצען; ליכטיגע פאלא־צען! אהער! אהער! —

י א כ נ ע

אום גאטעס ווילען נעהמט זי צו פון דאנען..

ע ר ש ט ע ר

איך שרעק מיך.

צ ו ו י י ט ע ר

גאָט איז מיט אונז! זאָלען מיר זי נאָר נעהמען.

ער נעהמט זי פעסט אָן.

מ י ר ל

שרייט פערצווייפעלט.

ראטעווע מיך! ראטעווע מיך... רייס מיך פון זיי...

זיי פיהרען זי אַוועק מיט געוואלט. איהר יאָמערליכער געשריי ווערט אַלץ שוואכער און שוואכער... עס בליצט און דונערט.

מ י ר ל

לויפט מיט אלע כחות גלייך צום טייך — שרייט:

ביזט געקומען! נעהם מיך ארום שטארקער, שטארקער... איך שפרינג צו דיר — מיין גליק! מיין לעבען... כאפ מיך!

ווארפט זיך אין טייך אריין. אַ בליץ בעלייכט די גאַנצע געגענד. פון ווייטען זעהט זיך יאכנע און די מענשען, לויפען צום טייך מיט ווילדע אויסגעשרייען.

ע נ ד ע .

# גרינע פעלדער

1916

### פּערזאָנען:

דוד נח
רחל
הערשבער
צינע — זייערע קינדער
אברהם יעקב
אלקנה
גיטעל
סטערע, זייער טאָכטער.
לוי יצחק

## ע ר ש ט ע ר  א ק ט.

אויפ'ן ישוב ביי דוד נח'ן. אָנהייב פריהלינג. ארום האַל־בען טאָג. רעכטס — אַ דאָרפיש שטיבעל. לינקס — אַ שטאַל. אין הינטערגרונד ציהט זיך אַוועק אַ קארטאָפעל גאָרטען. עט־ליכע פרוכט־בוימער גרינען. ביים צוים פון גאָרטען — אַ ברונען.

ר ח ל

זיצט פאר'ן שטוב, צושנייזדט קארטאָפעל אין צווייען.

ד ו ד  נ ח

קומט אָן פון גאָרטען.

ר ח ל

וואָס, שוין אינגאנצען פערזעצט אזוי גיך?

ד ו ד  נ ח

בע, סטערע איז געקומען; פלייסען זיך, ווער פריהער וועט קאנטשען.

ר ח ל

סטערע? א בעלנות געווען.

ד ו ד  נ ח

א וואזשנע מויד. מעהר בריה פון ציגען.

ר ח ל

וועלען מיר נאך זעהן טאקי. ווער ס'וועט א בעסערען שדוך טהאָן.

ד ו ד  נ ח

האָרעוועט ווי אן אייזעל. איך וואָלט נישט סדאנזשען אזא זאך צו דזשוויגען אויף די פלייצעם.

ר ח ל

קיין עין הרע בלוט און מילך. וואס מיינסטו, טאקי א גרויסע הילף פאר אלקנה'ן.

ד ו ד נ ח

דאס זאג איך דאך. און אז זי קומט אהער צו קריכען אזוי אפטער, מוז דאך עם עפעס בעטייטען.

ר ח ל

אלקנה וואלט חשק האבען.

ד ו ד נ ח

כע־כע, דו מיינסט טאקי?

ר ח ל

אלקנה מיינסטו, וואלט נישט וועלען הערש בערען פאר אן אייד־דעם? ער וואלט שוין אפשר ערגעץ גדן אויך אויסגעקראצט... כ'לעבען זיי געהען אהער.

א ל ק נ ה און ג י ט ע ל

קומען אן.

סקאצעל קומט.

ד ו ד נ ח

וואוהין פאהרסטו, אלקנה?

א ל ק נ ה

א גאט העלף. כ'וויים, געוואר ווערען וואס מען הערט עפעס אין דער וועלט. כ'וויים, אביסעל זיך דורכפאהרען אין די דערפער.

ר ח ל

וואס מאכט עפעס די בהמה, הינקעט נאך אלץ?

ג י ט ע ל

ווען נאר דאס אליין וואלט געווען, וואלט שוין נישט אויסגעמאכט.

ר ח ל

ווארום וואס חלילה?

ג י ט ע ל

שמעקט איהר נישט דער עסען.

ד ו ד נ ח

דאָס איז נישט גוט.

ג י ט ע ל

כ'האָב געזאָגט נאָך פאַר פּסח, אַז מען זאָל זי פאַרקויפן: כ'האָב פיינט, אַז מען בעדאַרף אַ בהמה געבען אונטער דער נאָז — נו, האָט ער מיר נישט געפאָלגט. האָט זי אָנגעהויבן צו הינקען: אַ צולאָג צו די צרות.

א ל ק נ ה

וועסט צו איהר נישט צולעגען דער באָבעס ירושה.

ג י ט ע ל

ווי זאָגט מיין מאַמע: אַז גאָט זיצט אויבען — איז זאָל איך מיר לעגען אין דרערד אריין?

א ל ק נ ה

אַז מיין אידענע וואַרפט אַן אום־חן אויף אַ זאַך איז שוין נישט איבערצומאַכען.

ר ח ל

איך בין אויך אַזוי: זאָל מיר גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד.

ג י ט ע ל

וואָס האָב איך מיר דאָ צו לייקענען?

א ל ק נ ה

זי האָט אויפ'ן מלמד אויך געוואָרפען אַן אום־חן. האָב איך איהם געמוזט דורך טרייבען. געהען טאַקי די קינדער אַרום פּוסט און פּאַס.

ר ח ל

האָט איהר דאָ אייער סטערען געזעהען?

א ל ק נ ה

וואָס, גאָר דאָ איז זי?

ג י ט ע ל

זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט געהן צינען אַביסעל העלפען ביי די

קארטאפעל, דערפאר וועט הערש בער אמאל עפעס אלקנה'ן צוהעל־
פען.

ר ח ל

מיר האבען טאקי נאר וואס גערעדט פון איהר.

ג י ט ע ל

צו ווייסט איהר גאר וואס פאר א גאלדען קינד דאס איז. ווען ציניע
זאל זי נאר נישט צולאזען.

ר ח ל

וואס הייסט?

א ל ק נ ה

כא־כא — ציניע איז א גרויסע שטיפערקע.

ר ח ל

איהר זאלט אזוינס זאגען...

ד ו ד נ ח

איך האב אויך געזאגט דאס אייגענע. האסט זי צופיעל צולאזען.
טאקי א בת־יחידה, אבער וואס הייסט — ציטריג?

ר ח ל

איי גער, ווייסט שוין אפילו נישט וואס דו רעדסט. ווי פאלט
איהר גאר איין, גיטעלשו, אזעלכעס צו זאגען?...

ג י ט ע ל

איך האב דאך גאר נישט געמיינט.

ר ח ל

כ'וויים נאך נישט ווער ס'וועט א שעהנערען שדוך טהאן.

א ל ק נ ה

כא־כא־כא, ווייבער: ווי קוואקעס זיינען זיי מיט זייערע קינדער:
מיינע — דיינע: דיינע — מיינע.

ד ו ד נ ח

פארהאן וואס צו הערען וואס זיי באלאבאטשען דארטען.

ג י ט ע ל

אט, איז סטערע געקומען איהר העלפען — וואס זאל מען זיך נא־

רעו: צינע וואָלט עס נישט געטהאָן.

ד ו ד נ ח

טע־טע — דאָס זעהסטו, אלקנה, רעדט שוין דיין אידענע נאַריש־קייטען. דוד־נח'ס א קינד איז טאַקי — דוד נח'ס א קינד.

ר ח ל

דאַריבער האָט עס טאַקי מיר א שטאָך געטהאָן אין האַרצען.

א ל ק נ ה

קום, אידענע. ווערסט נאָך לענגער בלייבען, וועסטו נאָך מעהר נאַרישקייטען רעדען. וואָס נישט, דוד נח?

ג י ט ע ל

איך האָב חלילה גאָר נישט געמיינט. אַזעלכע קינדער ווי צינע הלואי, רבונו של עולם, זאָל זיין ביי אַלע אידען. א גוטען טאָג.

א ל ק נ ה

וואָלט איך שוין אַזא זאָרג האָבען מיט דער בהמה ווי איך האָב שוין א זאָרג מיט דיין צינען, עה, וואָלט איך נאָר א גרויסען זוה! געהאַט... קום שוין, אידענע, קום א גוטען טאָג.

געהן ביידע אַוועק.

ד ו ד נ ח

ווייסט, מיין ווייב וואָס איך וועל דיר זאָגען? אַז דו האָסט א לאַנגע צונג.

ר ח ל

זעה נאָר, איך בעט דיר, איך גאָר האָב א לאַנגע צונג?

ד ו ד נ ח

נו, האָט זי א לאַנגע צונג; וואָס איז די נפקא מינה?

ר ח ל

איך ווייס דאָך, אַז דיר אַרט נישט, אַז מען זאָל רעדען אויף דיינע קינדער וואָס אין דער קאָרט.

ד ו ד נ ח

איך וויל מיט איהם נישט אָנרייסען.

ר ח ל

וואס האט זי צו זאגען, אז צינע צולאזט איהר סטערען? בעדארף נאך האלטען פאר א גרויסען כבוד, וואס צינע חבר'ט זיך מיט איהר טאכטער.

ד ו ד נ ח

מען וואלט אהן איהר, מעלד איך דיר, אויך פערזעצט די קארטא־פעל.

ר ח ל

דאס ברענט דאך מיר ווי א פייער. זי בעדארף עס מיר אין די אויגען נישט רעדען קיין שלעכטס אויף מיין קינד. זי ווייסט אז סטערע איז נישט געקומען העלפען צינען, נאר עפעס אנדערש.

ד ו ד נ ח

כ'וויים נישט וואס דו רעדסט היינט.

ר ח ל

סטערע איז געקומען, וויל הערש בער איז אין גארטען. נו, פערשטעהסטו שוין?

ד ו ד נ ח

טאקע, מיינסט מיט אן אמת?

ר ח ל

וואס דען?

ד ו ד נ ח

זי מיינט הערש בערען?

ר ח ל

ווארום וואס, ער האט דאך א גילדערנע הארץ.

ד ו ד נ ח

זעה נאר, און מיר איז גאר נישט איינגעפאלען... אבער וואלט דאך אלקנה רעדען מיט מיר.

ר ח ל

ער ט'נאך רעדען. האסט דאך געזעהן ווי ער האט געשוויגען די גאנצע צייט. א ניט מיינסטו וואלט מען זי געלאזען געהן אהער.

ד ו ד נ ח

אויב אזוי איז דאָך טאַקע אנ'עולה וואָס זי האָט אזעלכעס געזאָגט אויף ציגען.

ר ח ל

וועלען מיר טאַקע זעהן. אז עס וועט קומען צו עפּעס — וועל איך נישט וועלען... ס'דו דיר זעהן.

ח י י ם ד ו ד

בע—בע—כ'האָב גאָר נישט געוואוסט, אז דו קענסט אזוי ווע־רען אין כעס.

ר ח ל

איך בין עס איהר א בעלן צו פרעגען: צינע! צינע!

ח י י ם ד ו ד

אַט טשעפּע זי נישט; לאָז איהר דאָרט קאַנטשען.

צ י נ ע

בעוויזט זיך אויף דער אַנדערער זייט צאָם.

האָסט מיך גערופען, מאַמע?

ר ח ל

קום נאָר אהער, מיין קינד.

צ י נ ע

קלעטערט אַריבער דעם צאָם.

ווייסט, מיר זענען שוין באַלד פאַרטיג מיט דער ארבייט.

ר ח ל

איך קום אויך באַלד אונטער.

צ י נ ע

וואָס בעדאַרפסטו מיך האָבען?

ר ח ל

נעהם דיר א שטיקעל ברויט מיט פּוטער; ביזט דאָך אודאי הונ־געריג.

צ י נ ע

פעריכט מיר די סטענגע אין די האָר; מיינע הענט זענען אין

בלאַטע אויסגעשמירט.

ר ח ל

קושט זי פלעכטענדיג די רויטע סטענגע אין די האָר.

ד ו ד   נ ח

האַסט דאָך עפּעס געוואָלט פרעגן באַנ׳איהר.

ר ח ל

אז דו שטעהסט דאביי קען איך נישט רעדען.

צ י נ ע

אוי, וואָס איז עס?

ר ח ל

גאָר נישט: כ׳האָב מיר גאָר וואָס צעווערטעלט מיט גיטלען.

צ י נ ע

פאַר וואָס?

ר ח ל

אזוי: איבער דיר.

צ י נ ע

איבער מיר גאָר?

ר ח ל

געה דוד נח אין גאָרטען אריין.

צ י נ ע

אוי, מאַמע, וואָס אי דאָס?

ר ח ל

גאָר נישט, מיין קינד? וואָס קוקסטו אזוי מאָדנע? איך זאָג דאָך גאָר נישט.

ד ו ד   נ ח

בע בע, פריהער זיך צעווערטעלט און איצטער האָט זי שוין חרטה.

געהט אַוועק.

ר ח ל

וואו איז הערש בער?

צ י נ ע

ער העלפט זעצען.

ר ח ל

וואס האסטו אזוינס גערעדט מיט סטערען?

צ י נ ע

איך? גאר נישט.

ר ח ל

דו האסט זי געבעטען אז זי זאל דיר קומען העלפען? וואס טהוט זי איצטער?

צ י נ ע

זי זעצט קארטאפעל.

ר ח ל

דו האסט געבעטען אדער הערש בער?

צ י נ ע

איז אליין געקומען. איך האב איהר געזאגט, אז איך וועל איהר אויך העלפען. און, אז זי איז געקומען העלפען הערש בערען טא וואס זשע איז?

לאכט זיך פלוצלונג פערגאנדער.

ר ח ל

וואס לאכסטו?

צ י נ ע

פאלט דער מוטער אויפ'ן האלז; קושט זי און לאכט.

ר ח ל

אבי איך בעדארף זיך פאר דיר אננעהמען.

צ י נ ע

אזוי גאר, קוקסט זיך שוין אונטער צו אזוינע זאכען וואס מען בעדארף נישט?

ר ח ל

איי געה, טשעפע זיך אב פון מיר. ווארום גיטעל איז טאקע גערעכט, וואס זי זאגט, אז דו צולאזט סטערען.

צ י נ ע

איך גאר? א שאד וואס איך בין דא נישט געווען. איך וואלט איהר שוין וויסען וואס צו ענטפערען. זי מיינט טאקע, אז סטערע איז גאר א הינדעלע. א־א, איך בעדארף נאך ביי איהר הייצען אין פעטשערע.

לאכט ווידער.

ר ח ל

וואס שוין ווידער?

צ י נ ע

איך לאך, וואס דו ביזט עפעס ברוגז און פרעגסט זיך נאך אויף אזוינע מאדנע זאכען.

ר ח ל

וואס נישט? איך בין א מאמע דאריבער וויל איך וויסען.

צ י נ ע

איך האב זי גערופען אהער ווייל כ'האב געוואוסט אז זי וויל עס.

ר ח ל

אבי איך האב געמיינט, אז זי איז אליין געקומען.

ד י נ ע

וואס איז דער חילוק? אבי זי האט איהם געגעבען א קוש.

ר ח ל

ווער?

ד י נ ע

זי האט געמיינט, אז איך זעה נישט.

ר ח ל

וואס?

צ י נ ע

זיי זיינען זיך ביידע געווען אזוי איינגעבויגען אין דער בראזנע, זייט ביי זייט; כ'האב מיר געמאכט, אז איך זעה נישט.

ר ח ל

נו, און ער?

צ י נ ע

ער האָט זיך פערשעמט; האָט זיך אומגעקוקט צו איך זעה נישט.

ר ח ל

איך וואָלט עס אויף איהר קיינמאָל נישט געגלויבט.

צ י נ ע

אָ־אָ, איך מעג זיך נאָך לערנען ביי איהר.

ר ח ל

האָט עס חלילה אפשר אברהם יעקב געזעהן?

צ י נ ע

ער איז נישט געווען אין גאָרטען.

ר ח ל

עס פעהלט מיר נאָך חלילה, אז ער זאָל אַזוינע זאַכען זעהן.

צ י נ ע

זאָג עס נישט דעם טאַטען וואָרום...

ס ט ע ר ע

קומט אָן.

וואָס האָסטו זיך בעהאַלטען, צינע, ווילסט איך זאָל אליין פערזע־צען דיין גאָרטען?

צ י נ ע

קום אהער; סיי ווי שוין באַלד נישטאָ וואָס צו זעצען.

ר ח ל

א שעהנעם דאַנק דיר, סטערעלע, וואָס דו ביזט געקומען צוהעל־פען אביסעל. אז גאָט וועט געבען מע וועט באַנ׳אייך קאָשען די היי וועלען מיר אלע ארויסקומען אייך העלפען.

ס ט ע ר ע

איהר ווייסט, איך בין אפשר באַלד אַזוי שטאַרק ווי הערש בער.

צ י נ ע

האָסט זיך געשטייערט מיט איהם?

ס ט ע ר ע

איך האָב אַליין ארויסגעקאַטשעט דעם גרויסען שטיין וואָס איז

געלעגען באנ'איך אין דער בראזנע.

ר ח ל

האסט נישט בעדארפט דזשוויגען אזא משא. טאמער חלילה עפעס, וועט שפעטער די מאמע האבען צו מיר טענות.

ס ט ע ר ע

ס'וועט מיר שוין גאר נישט זיין.

ר ח ל

אט דאס ביסעל קארטאפעל וועל איך שוין אליין פערזעצען.

פערנעהמט אויף'ן פלייצע אביסעל קארטאפעל אין זעקעל און געהט אוועק.

צ י נ ע

קוק מיר נאר אן גלייך אין די אויגען, סטערעלע!

ס ט ע ר ע

וואס?

צ י נ ע

וואס ביזטו אזוי רויט געווארען?

ס ט ע ר ע

וואס?

צ י נ ע

איי, סטערעלע, כ'האב אלץ געזעהן.

ס ט ע ר ע

וואס האסטו געזעהן?

צ י נ ע

נעהמט זי ארום און קושט זי.

נאר, ס'מאכט נישט אוים: כ'האב דער מאמען אויך דערצעהלט.

ס ט ע ר ע

זאל איך צער האבען אויב איך וויים וואס דו רעדסט.

צ י נ ע

דו האסט אלעמען געזאגט, אז איך האב דיך גערופען, דו זאלסט מיר קומען העלפען.

ס ט ע ר ע

ווער האט עס דיר געזאגט? מיין מאמע האט מיר אליין געהייסען געהן.

צ י נ ע

דיין מאמע האט זיך דא צעווערטעלט מיט מיין מאמען.

ס ט ע ר ע

וואס דו זאגסט!

צ י נ ע

האסט זיך אזוי דערשראקען: וואס ארט דיר, אז מיין מאמע און דיין מאמע וועלען זיין ברוגז?

ס ט ע ר ע

אבער וואס זאגסטו, אז דו האסט אלץ געזעהן?

צ י נ ע

כ'האב טאקע געזעהן ווי דו האסט געגעבען הערש בערען א קוש.

ס ט ע ר ע

ס'איז נישט אמת!

צ י נ ע

נארעלע, איך האב אליין געזעהן. ווען דו האסט אזא גרויסען ברודער וואלט איך אפשר אויך געטהאן.

ס ט ע ר ע

זאגסט א ליגען!

צ י נ ע

סטערעלע, נארעלע, וואס ביזטו אזוי צושראקען?

ס ט ע ר ע

דו ביזט א שלעכע, צינע זאג איך דיר.

צ י נ ע

נארעלע, ער איז דאך מיין ברודער.

ס ט ע ר ע

איך וועל זיין מיט דיר דעם גאנצען לעבען ברוגז.

צ י נ ע

איך קען רופען הערש בערן און פרעגען.

ס ט ע ר ע

פרוב עס נאר טהאן.

צ י נ ע

איך האב אפילו דער מאמען אויך דערצעהלט.

ס ט ע ר ע

וועמעס מאמען?

צ י נ ע

מיין מאמען. וואס מיינסטו, אזא נאר בין איך, וואס כ'וועל געהן דיין מאמען דערצעהלען. איך האב גאר נישט דיין מאמען אזוי שטארק ליעב איך זאל איהר אזוינע זאכען דערצעהלען.

ס ט ע ר ע

ניין, דו זאגסט א ליגען.

צ י נ ע

וואס איז מיט דיר, סטערעלע? איך האב דאך אליין געזעהן.

ס ט ע ר ע

ס'איז א ליגען, אז דו האסט דער מאמען דערצעהלט.

צ י נ ע

אויף מיינע נאמנות, איך האב דערצעהלט.

ס ט ע ר ע

ווישט די טרערען.

דעם גאנצען לעבען וועל איך מיט דיר נישט רעדען.

צ י נ ע

סטערעלע, נארעלע, וואס ווייגסטו? כ'האב דאך דיר אזוי ליעב. סטערע, וואס וויינסטו?

נעהמט זי ארום און ווישט איהר מיט'ן שירץ די טרערען פון די באקען.

ס ט ע ר ע

האסט עס מיר נישט בעדארפט טהאן אזא זאך.

צ י נ ע

כ'האָב נישט געטאָרט קוקען ווי דו האָסט איהם געגעבען א קוש? באשר ער איז א לעקעש און געווארט, אז דו זאָלסט עס טהאָן.

ס ט ע ר ע

שיסט אויס מיט א געלעכטער.

ער איז אזוי רויט געוואָרען!

צ י נ ע

לאכט אויך אויפ'ן הויכען קול.

ס ט ע ר ע

נאר איך זאָג דיר פונדעסטוועגען, אז דו ביזט א שלעכץ און דו פערגינסט מיר נישט.

צ י נ ע

איי וויים איך דאָרט וואָס דו רעדסט.

ס ט ע ר ע

ווי טהוסטו עס אזאַ זאך? איך וועל מיר שעהמען די אויגען צו בע־ ווייזען פאר דיין מאמען.

צ י נ ע

איך האָב אפשר טאקע נישט בעדאַרפט דערצעהלען.

ס ט ע ר ע

נו, זעהסטו שוין.

צ י נ ע

קוק מיר נישט אזוי אָן, סטערעלע. איך וויים טאקע נישט, וואָס כ'האָב עס געטהאָן. כ'האָב געהערט אז דיין מאמע האָט זיך עפּעס צעווערטעלט מיט מיין מאמען האָב איך געוואָלט... איי כ'וויים אליין נישט פאר וואָס כ'האָב עס געטהאָן. ביזט מיר מוחל, סטע־ רעלע?

ס ט ע ר ע

איך בין אין כעס.

צ י נ ע

נארעלע, פריהער אָדער שפּעטער.

ס ט ע ר ע

לאכט און וויינט.

מיר וואָלט עס נישט געאַרט ווען ער וואָלט עס געטהאָן... ניין, איך בעדאַרף מיט דיר זיין ברוגז אויף שטענדיג.

צ י נ ע

ווען דו האָסט א גרויסען ברודער וואָלט איך געמאַכט, אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסען, אז איך האָב איהם ליעב. וואָס איז זיך דאָ פאַרהאַן פאַר וואָס צו שעהמען?

ס ט ע ר ע

ניין, צינעלע, אז קיינער ווייסט נישט איז בעסער. מיר וואָלט געווען אזוי גוט ווען קיינער ווייסט נישט. איך וועל זיך איצטער שעהמען אפילו פאַר איהם אליין.

צ י נ ע

איך וועל איהם דערצעהלען, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט.

ס ט ע ר ע

עס מיר נישט אוים מיין האַרץ, צינעלע.

צ י נ ע

איך וועל איהם זאָגען אז ער איז א גרויסער לעקעש און נאַר.

ס ט ע ר ע

איך וועל מיך אפשר אין וואַסער אריינוואַרפען אויב דו טהוסט עס. קיינער האָט נישט געטאָרט וויסען.

צ י נ ע

איך האָב עס גאָר נישט געגלויבט אויף דיר.

ס ט ע ר ע

וויינט אין דער שטיל.

צ י נ ע

אפשר האָב איך זיך טאַקע בענאַרישט. ווייסט, סטערעלע?

ס ט ע ר ע

מיר וואָלט נישט געאַרט די גאַנצע זאַך, ווען דיין מאַמע וואָלט מיר נאָר נישט פיינד האָבען.

צ י נ ע

דאָס זאָגסטו נישט גוט.

ס ט ע ר ע

איך ווייס, אַז דיין מאַמע קען מיר נישט אָנזעהן.

צ י נ ע

געה שוין געה. ווייסט, אַז איך בין דיר מקנא. וואָס אַרט מיר וואָס דו וויינסט? אַבי דיר איז טאַקע גוט.

ס ט ע ר ע

לאַכט דורך טרערען

אוי, כ'וועל מיר אַזוי שעהמען.

צ י נ ע

שאַ, זעה נאָר, ווּעמען פיהרט עס אהער אַברהם יעקב? זעה, אין גאָרטען.

ס ט ע ר ע

וואָס, אַ פרעמדער מענש? איך וועל אַנטלויפען.

צ י נ ע

זעה נאָר, גאָר אַ פרעמדער.

פון גאָרטען קומען אָן און דערנעהנטערען זיך צום צאָם, אַברהם יעקב און אַ יונגער מאַן, פרום געקליידט און מיט אַ פרום פּנים. טראָגט אַ פּעקעל אויפ'ן פּלייצע. קלעטערט אונגעשיקט אריבער דעם פּלויט.

צ י נ ע

האַלט זיך איין נישט צו לאַכען.

ס ט ע ר ע

שיסט אויס מיט אַן אָבגעהאַקטען געלעכטער.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

אַט דאָס איז די שטוב.

פ ר ע מ ד ע ר

אַ גאָט העלף.

א ב ר ה ם   י ע ק ב

די מאמע האט געזאגט, אז זיי זאלען אריינגעהן אין שטוב. קומט אריין.

גערען ביידע אין שטוב.

צ י נ ע   און   ס ט ע ר ע

כאפען זיך ארום און שטיקען זיך פון געלעכטער.

ס ט ע ר ע

ס'אי אפשר אן עברה, וואס מיר לאכען אזוי פון א פרעמדען מענשען.

צ י נ ע

ווער קען עס זיין? ער האט אפילו קיין קוק נישט געגעבען אויף אונז.

ס ט ע ר ע

האט זיך געשעהמט.

צ י נ ע

ס'ארא בלייך פנים ער האט!

ס ט ע ר ע

מוז ארומגעהן איבער דער וועלט.

צ י נ ע

בעטען נדבות מיינסטו?

ס ט ע ר ע

כ'בין א בעלן א קוק טהאן אין פענסטער.

פער'גנב'עט זיך צום פענסטער.

צ י נ ע

נו?

ס ט ע ר ע

ער האט אראבגעווארפען דעם פעקיל.

צ י נ ע

ער רעדט מיט אברהם יעקב'ן!

ס ט ע ר ע

ער קוקט זיך ארום.

צ י נ ע

דו שטעה אזוי און איך וועל זיך פאר'גנב'ענען הינטער דיר.

ס ט ע ר ע

זעהסט איהם. קוק, ווי אברהם יעקב האט גאר פאר איהם קיין מורא נישט.

ר ח ל

קומט אן.

וואס שטעהט איהר הינטערען פענסטער?

צ י נ ע

ווער איז עס, מאמע?

ר ח ל

א פרעמדער מענש. בעט זיך אין שטוב אריין אויף א נאכט־לעגער.

ס ט ע ר ע

הערסט?

ר ח ל

זעהט אויס, ווי נאך היינט נישט געגעסען.

צ י נ ע

לאכט.

ר ח ל

ווי פאלסטו עס אויס צו לאכען פון א פרעמדען מענשען?

צ י נ ע

ער זעהט אויס אזוי מאדנע. איז נאך גאר א איינגעל. איך שעהם זיך אריינצוגעהן אין שטוב.

ד ו ד נ ח

קומט אן.

וואו איז ער דער מענש?

ר ח ל

איז אין שטוב.

ד ו ד נ ח

נעהם איהם אויף ווי ס'בעדארף צו זיין. אפשר מאכען איהם אן עסען.

געהט אריין אין שטוב.

צ י נ ע

מאדנע מענשען דא אויף דער וועלט. זעהן גאר אויס אנדערש ווי מיר. ער האט שווארצע האר, אמת?

ס ט ע ר ע

און שווארצע אויגען אויך.

צ י נ ע

ער האט געהאלטען די אויגען אראבגעלאזען.

ס ט ע ר ע

מסתמא האט ער שווארצע אויגען.

צ י נ ע

און אזא בלייך פנים.

ס ט ע ר ע

ס'אי אן איידעלער פנים. א שטאדטיגער מענש איז שוין אזוי.

צ י נ ע

און געהט אום צופוס איבער דער וועלט.

ס ט ע ר ע

אפשר איז עם גאר נישט קיין ארימאן? אפשר איז ער גאר... וואס האסטו זיך אזוי פערטראכט, צינע?

צ י נ ע

ווער קען ער טאקע זיין דער מענש? אפשר האט ער געהערט, אז איך האב געלאכט?

ס ט ע ר ע

אודאי האט ער געהערט. נאר ער ט'דאך נישט פערשטעהן, אז פון איהם האבען מיר עס געלאכט.

ה ע ר ש ב ע ר

קומט אן.

ס ט ע ר ע

איך בעט דיר, צינעלע, זאָג איהם גאָר נישט.

צ י נ ע

האָסט געזעהן דעם פרעמדען מענשען?

ה ע ר ש ב ע ר

דאָס געה איך טאַקע אַ קוק געבען.

ס ט ע ר ע

איך בין אויף דיר אין כעס.

ה ע ר ש ב ע ר

ווערסט זיך מיט מיר איבערבעטען.

צ י נ ע

הערש בער, דו ביזט אַ לעקעש.

ה ע ר ש ב ע ר

וואָס בין איך?

ס ט ע ר ע

געדענק, צינע.

ה ע ר ש ב ע ר

דו ווערסט באַלד ביי מיר כאַפּען.

*ער יאָגט נאָך צינען אין שפּאַס, זי אנטלויפט.*

צ י נ ע

דו ביזט אַ לעקעש!

ס ט ע ר ע

איך וועל העלפען זי כאַפּען: אָט אזוי פערלויף צום ברונעם!

צ י נ ע

*שפּרינגט אריבער דעם צוים און פערשווינדט.*

ה ע ר ש ב ע ר

זי וועט שוין ביי מיר איהרס קריגען. זאָג, וואָס האָט זי געמיינט?

ס ט ע ר ע

איך ווייס שוין, וואָס זי האָט געמיינט.

הערשבער

דיין טאטע וועט נאך היינט דא זיין?

סטערע

איך ווייס נישט. אויב דו ווילסט איהם זעהן קענסטו אריבערקו־מען צו אונז.

הערשבער

דיין טאטע האט פליגען אין נאז, פערשטעהסט? ער קען נאך אמאל זאגען, אז סע שטעהט איהם נישט אן.

סטערע

וואס מיינסטו?

הערשבער

איך מיין שוין וואס איך מיין. וואס בעדארף איך ארומגעהן פוסט־און־פאס און דו אויך, אז די אויגען זאלען ארויסקריכען פון קאפ.

סטערע

מיינסט טאקע, אז איך וויל דיך פאר א חתן? דאס, באשר דו האסט זיך מיר ארונטערגעבויגען אונטער דער סאמע נאז — טא וואס האב איך געקענט מאכען?

הערשבער

מען ווייסט שוין. אט קום נאר אהער.

סטערע

צינע האט זיך ווידער געמוזט ערגעץ פער׳גנב׳ענען און הערט זיך איין. זי האט פריהער אויך געזעהן און האט דערצעהלט דער מא־מען.

הערשבער

אט, נאך עפעס.

סטערע

אויף מיינע נאמנות! זי האט מיר אליין דערצעהלט.

הערשבער

אט, דורע נישט די קאפ: זי האט דיר אבגענארט, קענסט איהר נאך נישט.

ס ט ע ר ע

וועסטו היינט אריינקומען צו אונז?

ה ע ר ש ב ע ר

דיר שטעהט נישט אַן זאָגסטו דאָך.

ס ט ע ר ע

געה נאָר אביסעלע אוועק פון אנטקעגען פענסטער, אַט אזוי...

זי ווארפט זיך איהם אויפ'ן האַלז.

צ י נ ע

איהר שטימע פון הינטערען צוים:

הערש בער, דו ביזט א לעקעש!

ס ט ע ר ע

צינעלע, איך בין שוין אויף שטענדיג מיט דיר ברוגז...

פערשעהמט, צוטומעלט, שפרינגט אריבער דעם צאָם און אנ־טלויפט.

צ י נ ע

קומט אַן.

ה ע ר ש ב ע ר

וואָס האָסטו עפּעס אונטערצוקוקען?

צ י נ ע

שעהם זיך טאקע. זי האָט דיך אזוי ליעב און דו מאכסט זי ווי א לעקעש. וואָלסט שוין ווארטען, איך זאָל דיר געבען א קוש. ווען דאָס איז אויף מיר, וואָלסטו מיר שוין נאָכגעלאָפען — וואָס ארט דיר!

ה ע ר ש ב ע ר

זעה נאָר, שוין לאַנג ביזטו אזא חכמה?

צ י נ ע

איך האָב דערצעהלט דער מאמען, אז דו האָסט איהר א קוש גע־טהאָן.

ה ע ר ש ב ע ר

זי האָט דאָך עס מיר גאָר געטהאָן.

צ י נ ע

זעהסטו שוין, אז דו ביזט א לעקעש.

ה ע ר ש ב ער

אבער, וואס האסטו אומצוטראגען ליגענס?

צ י נ ע

דו ווייסט דאך, אז ס'איז אן אמת.

ה ע ר ש ב ע ר

אויב ס'אי טאקע אמת, אז דו האסט דערצעהלט דער מאמען וועל איך דיר מאכען ווי א ביטערען עפעל.

צ י נ ע

וועלען מיר טאקע זעהן.

ה ע ר ש ב ע ר

דו האסט מיר נישט, וואס אונטערצוקוקען.

ד י נ ע

קענסט מיר נישט פערוועהרען... אז דו מאכסט אזוי, אז זי זאל דיר נאכלויפען און וויינען ווען דו ליעבסט זיך און איהר, ביזטו נישט א לעקעש?

ה ע ר ש ב ע ר

ווער וויינט?

צ י נ ע

לאכט זיך פונאנדער אויפ'ן הויכען קול.

ה ע ר ש ב ע ר

ביזט א משוגענע און ס'איז נישטא וואס צו רעדען מיט דיר.

ר ח ל

קומט ארויס פון שטוב.

אי, סארא מענש דאס איז! נאך גאר א קינד, וואלסטו דיר זעהן, און פעריל שיטען זיך פון זיין מויל.

צ י נ ע

טאקע... כ'וויל אריינגעהן אין שטוב.

ר ח ל

אז דו וועסט זיך האלטען ווי א מענש, קענסט זיך נאך פונאנדער־לאכען.

צ י נ ע

איך זאג דיר צו, מאמע. איך וועל אזוי נאר דורכגעהן אין דער אנדערער שטוב.

געהט אריין אין שטוב, ווי פער׳גנב׳ענענדיג זיך.

ר ח ל

וואס שטעהסטו אזוי, הערש בער?

ה ע ר ש  ב ע ר

איהר גליק, וואס דו ביזט ארויסגעקומען. איך האב איהר שוין גע־וואלט גוט מכבד זיין.

ר ח ל

וואו איז סטערע?

ה ע ר ש  ב ע ר

מסתמא א היים געגאנגען.

ר ח ל

סאי טאקע אמת, וואס צינע דערצעהלט?

ה ע ר ש  ב ע ר

צוטומעלט.

וואס?

ר ח ל

מסתמא האט זי אויסגעטראכט.

ה ע ר ש  ב ע ר

וואס אויסגעטראכט?

ר ח ל

הא? כ׳האב גאר נישט געמיינט.

ה ע ר ש  ב ע ר

טא וואס זשע רעדסטו, און מען קען מיינען כ׳ווייס וואס?

אברהם יעקב

קומט ארויס.

ווייסט מאמע ווי אזוי מען רופט איהם? לוי יצחק.

רחל

טאקע א שעהנער נאמען.

אברהם יעקב

דער טאטע האט איהם געפרעגט ווי אזוי מען רופט איהם — האט ער געזאגט.

דוד נח

קומט ארויס.

וואו ביזטו, רחל? הערסט וואס איך וויל דיר זאגען — אז דער מענש געפעלט מיר.

רחל

נאך די מילך איהם אויף די ליפען.

דוד נח

איך האב מיט איהם גערעדט. ער וואלט זיך דא אבשטעלען.

רחל

וואס ט'ער דא טהאן?

דוד נח

ווייסט וואס? — א וואויל־געלערענטער. די קינדער וועלען פון איהם עפעס כאפען. האסט געמעגט הערען ווי ער רעדט.

הערש בער

איך וועל שוין אזוי אויך מיין שטעטעל בעשטעהן.

אברהם יעקב

איך וועל ביי איהם לערנען.

הערש בער

מסתמא אזא לעקעש ווי דער אמאליגער מלמד, וואס האט נישט געקענט א פערד דעם עק פערבינדען.

דוד נח

ווען דו וואלסט נישט האבען אזא פערשטאפטע קאפ האט נאך

יענער מלמד אויך געקענט זיין פאר דיר געווג.

ר ח ל

טא וואס זשע טהוט מען?

ד ו ד נ ח

מע וועט איהם אבשטעלען אויף איבער נאכט דערווייל.

א ב ר ה ם י ע ק ב

טאקע, מאמע, זאל ער בלייבען ביי אונז.

א ל ק נ ה

קומט אן.

א גאט העלף! וואס שטעהט איהר עפעס אזוי?

ד ו ד נ ח

א מענש איז דא דורכגעגאנגען. רעדט ווי עפעס רעכטס, ממש דער קאפ ברענט אויף איהם. מען שמועסט דא, אפשר איהם אבשטע־לען פאר א מלמד.

א ל ק נ ה

וואו איז ער? איך גיב צושטייער!

ד ו ד נ ח

א בחיר — א מענש.

א ל ק נ ה

איך גיב צו שטייער!

ל ו י י צ ח ק

קומט ארויס.

א ל ק נ ה

אט דאס איז ער? נאך גאר א שנעק.

ר ח ל

ממש די שכינה רוהט אויף איהם.

א ל ק נ ה

זיי זשע מוחל, שלום עליכם.

ל ו י י צ ח ק

עליכם שלום.

א ל ק נ ה

פון ווייט?

ל ו י  י צ ח ק

נישט פון גאָר נאָהנט.

ד ו ד  נ ח

דאָס דערקענט מען.

א ל ק נ ה

וואוהין גערט מען עפּעס?

ל ו י  י צ ח ק

אזוי גייה איך מיר איבער דער וועלט. אנקומען אין א שטאָדט פון שעהנע אידען וועל איך מיר אָבשטעלען.

א ל ק נ ה

אפשר דאָ אויפ׳ן ישוב זיך אָבשטעלען?

ד ו ד  נ ח

דאָס זאָג איך דאָך.

ל ו י  י צ ח ק

וואָס וועל איך דאָ טהאָן אויפ׳ן ישוב?

ד ו ד  נ ח

קיין עין הרע נאָך אידען פאַרהאַן אין דער געגענד. מיר האָבען א מנין אלע שבת.

א ל ק נ ה

פיינע אידען דאָ פאַרהאַנען. ס׳לערנען מיט מיינע קינדער; מיט אַט דעם אידענס קינדער. מע ט׳דיר האלטען בכבוד. פיין אויס־קליידען; געבען צו עסען און סוף זמן — נאָך אביסעל מזומן אויך.

ר ח ל

צו עסען, געלויבט איז דער אויבערשטער, פעלט נישט ביי מיר.

א ל ק נ ה

וואו פעלט עס אויפ׳ן ישוב צו עסען? קינדער, וואוילע קינדער, נאָר ס׳האָט זיך נישט געמאַכט עפּעס א מלמד — א מענש.

ד ו ד נ ח

לעג זיך איבער. אַט, דער זוהן מיינער, כאַטש שוין אַ גרויסער בחור פונדעסטוועגען האָט ער נישקשה פון אַ קעפּעל. אז ער ט'וועלען קען ער נאָך עפּעס דערגרייכען.

ל ו י י צ ח ק

די קינדער זיינען גרויסע און איך...

ד ו ד נ ח

אז מען איז אַ מענש מאַכט נישט אוים. וועלען אַ מלמד צוריק נישט אבגעבען. וועסט האָבען דרך־ארץ פאַר'ן רבין, הא, אברהם יעקב?

ר ח ל

האָסט זיך דען פערגעסען, אז ער האָט שטענדיג געוואָלט לערנען.

א ל ק נ ה

זאָלען זיך די מיידלעך לערנען דאַווענען.

ל ו י י צ ח ק

פאַר זיי האָב איך נישט קיין תורה.

ר ח ל

זינדיגע ווייבער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין.

א ל ק נ ה

איכ'ל דיר געבען די בייטש, און אז מיין חברה וועלען נישט פאָלגען וועסטו כוואַשטשען די ביינער און שוין. כאַ־כאַ־כאַ.

ה ע ר ש ב ע ר

איך וואָלט שוין געגעבען אַ כוואַשטשען.

א ב ר ה ם י ע ק ב

צו מיר ט'מען נישט בעדאַרפען קיין בייטש.

ל ו י י צ ח ק

זיינען נאָך אידען פאַרהאַנען אין דער געגענד?

ד ו ד נ ח

ווייסט ווי דען? וואו זיינען עס נישטאַ קיין אידען?

א ל ק נ ה

ארענטליכע אידען. שבת — אַ פיינער מנין.

ד ו ד נ ח

עסען איז פארהאנען צו זאט אויפ׳ן ישוב; מילך, פוטער, קעז.

א ל ק נ ה

מיט א קארטאפעל קען מען זיך אויך נישט סם׳ען.

ר ח ל

ווס מען ווארפט ארויס ביי מיר קען נאך א מענש לעבען.

א ל ק נ ה

מיין אידענע וועט וועלען ער זאל זיין ביי מיר שבתים.

ד ו ד נ ח

זעהסטו, פון שבת לאז איך איהם נישט אב.

ל ו י י צ ח ק

איך וואלט וועלען האבען צייט פאר זיך אליין אויך צום לערנען.

א ל ק נ ה

כ׳קען שווערען, אז דאס וועט נאך זיין אמאל א רב אויך!

ד ו ד נ ח

דער טאג איז גרויס. אז מען פוילט זיך נישט אויפצושטעהן אבי־סעל בעגינען — קען מען אלצדינג סדאנזשען. אט, האבען שוין די קינדער א גארטען קארטאפעל פערזעצט און ס׳איז נאך קאם האל־בער טאג.

א ל ק נ ה

אט וואס, איך געה אהיים און אין נאוועגד וועל איך אהער ארי־בערברענגען מיינע חברה, זאל ער זיי פערהערען. וועסט שוין אליין איבעררעדען מיט איהם. וויפיל מע בעדארף — גיב איך צושטייער. א גוטען טאג!

געהט אוועק.

ד ו ד נ ח

עסט, רחל, געהן מאכען אנ׳עסען. אפשר וועט ער עפעס איבער־כאפען.

ל ו י   י צ ח ק

קוקט זיך ארום.

א שעהנער טאָג דאָ באַנ'איך.

ד ו ד   נ ח

ווייסט ווי דען? קיין עין־הרע פיינע אידען אויפ'ן ישוב.

ה ע ר ש   ב ע ר

איך וויל טאקע עסען. פון רעדען וועט גאָר נישט ארויסקומען.

א ב ר ה ם   י ע ק ב

צו לוי יצחק'ן.

איהר ווילט זעהן דעם גאָרטען מיט קארטאפעל, וואָס מיר האָבען היינט פערזעצט?

ר ח ל

געה ס'דו ווייזען דעם רבי'ן די קעלבעלאך אין שטאָל.

געהט אין שטוב.

ה ע ר ש   ב ע ר

שוין צום שטוב געהענדיג. צו דער מוטער.

ס'וועט לאנג נעהמען ביז דו, מאמע, וועסט איהם אבפאשען.

ר ח ל

וואָס, כ'וועל איהם זשאָלעווען עסען?

געהן אריין אין שטוב.

ל ו י   י צ ח ק

ווער איז געווען דיין מלמד ביז אהער?

א ב ר ה ם   י ע ק ב

שוין לאנג דאָ נישט געווען קיין רבי.

ל ו י   י צ ח ק

אבער ווער איז געווען דער לעצטער?

א ב ר ה ם   י ע ק ב

אז אלטער איד.

ל ו י   י צ ח ק

נישט געהאט פאר איהם קיין דרך ארץ.

א ב ר ה ם י ע ק ב

יעמאָלט געווען נאָך קליינע קינדער. נישט געהאט קיין שכל.

ל ו י י צ ח ק

דו געפעלסט מיר.

**א ב ר ה ם י ע ק ב**

קומט, מיר וועלען זעהן די קעלבלאָך, דערנאָך וועלען מיר געהן עסען, קומט.

געהעןביידע אַוועק אין שטאַל.

צ י נ ע

קומט ארויס, פער'גנבעט זיך צום שטאל, קוקט דורך א שפּאַלט.

ל ו י י צ ח ק

קומט ארויס פון שטאַל נאָך איהם א ב ר ה ם י ע ק ב .

א ב ר ה ם י ע ק ב

מיר האָבען נאָך א קעלבעל, א גרעסערס, איז עס אויפ'ן לאַנקע.

ל ו י י צ ח ק

א שעהנער טאָג באַנ'אייך.

מערקט נישט צינען, וואָס האָט זיך בעהאלטען הינטער'ן שטאַל ווען זיי געהען פערביי אין שטוב אריין.

צ י נ ע

קומט ארויס, רופט שטיל.

אברהם יעקב! אברהם יעקב!

יענער הערט נישט. זי בלייבט אליין. טהוט זיך אַ ריס פון אָרט ווי זי וואָלט וועלען לויפען אין שטוב אַריין; שוין ביים שוועל בלייבט זי שטעהן אַ ווײַלע, פערטראַכט זיך. נעהמט אָן אין אַ קאָשעק קארטאָפעל און געהט אַוועק אין גאָרטען.

ר ח ל

איהר שטימע הערט זיך פון שטוב רופען:

צינע — צינ־נע...

## צווייטער אקט.

בײַ דוד נח'ן אין שטוב. אָנהויב זומער. ארום האַלבען טאָג.

ל ו י  י צ ח ק

זיצט בײַ א ספר פערטראַכט. הויבט זיך אויף פון אָרט, געהט אום אויף און אָב.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

קומט אריין.

אַט בין איך. געמיינט, אז היינט וועלען מיר נישט לערנען.

ל ו י  י צ ח ק

מיט וואָס איז היינט אנדערש ווי שטענדיג?

א ב ר ה ם  י ע ק ב

היינט קאַשעט מען די היי.

ל ו י  י צ ח ק

טהוען עס דאָך די גוים.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

ס'אי אבער גוט צו זיין אויפ'ן לאָנקע. פאר וואָס טהוט איהר זיך קיין מאָל נישט אוים באַרוועס?

ל ו י  י צ ח ק

אויף אַלץ איז פאַרהאַן א צייט.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

וועלען מיר טאַקע היינט לערנען?

ל ו י  י צ ח ק

אויב דער טאַטע וועט גאָר נישט זאָגען, און דו ווילסט נישט.

א ב ר ה ם י ע ק ב

דער טאַטע ווייסט גאָר נישט.

ל ו י י צ ח ק

איך ווייס אויך, אַז דרויסן איז שניי; מיינסט, איך ווייס נישט?

א ב ר ה ם י ע ק ב

מיר'ן נישט לערנען. מיר'ן אַזוי עפּעס רעדן. רעדט מיט מיר עפּעס, רבי.

ל ו י י צ ח ק

רוף מיך ביים נאָמען. ביזט דאָך גרעסער פון מיר... דברים-בטלים ווילסטו זאָל איך מיט דיר רעדן?

א ב ר ה ם י ע ק ב

איהר ווילט ווערען אַ רב. סאַי טאַקע גוט צו ווערען אַ רב, ס'אי עפּעס שווער?

ל ו י י צ ח ק

ווי פאַר וועמען.

א ב ר ה ם י ע ק ב

איך וואָלט געקענט ווערען אַ רב?

ל ו י י צ ח ק

ס'איז פאַר קיינעם נישט שווער. נאָר דו האָסט דאָך ליעב בעסער צו זיין אין פעלד; איז אַזוי אויך גוט.

א ב ר ה ם י ע ק ב

נישט — איך האָב ליעב; באַשר ס'איז זומער איז שווער צו זיין אין שטוב, אַז דאָרט איז אַזוי גוט. איהר זענט שוין ווי אַן אַלטער איד.

ל ו י י צ ח ק

אַז מע וויל ווערען אַ רב בעדאַרף מען אַבקערען דעם געדאַנק דער־פון, ווייל ס'איז מבטל דעם געדאַנק.

א ב ר ה ם י ע ק ב

רעדט מיט מיר פון גאָט.

לוי יצחק

וואָס הייסט? ווייסט דען נישט, אַז גאָט איז אומעטום?

אברהם יעקב

יאָ, ער איז אין הימעל און אויף דר'ערד. איך מיין, אַז ס'וואָלט געווען שלעכט אָהן גאָט. ער מאַכט דאָך, אַז די גראָזען זאָלען וואַקסען. ס'אי זעהר גוט וואָס א גאָט איז פאַרהאַנען אויף דער וועלט. מענשען וואָלטען אפשר געווען גזלנים, ווען נישט גאָט.

לוי יצחק

ווי ווילדע חיות.

אברהם יעקב

איהר האָט אַמאָל געזעהן א וואָלף?

לוי יצחק

ס'אי געשריבען: „זאב טורף": א וואָלף פערצוקט.

אברהם יעקב

פאַר־אַ־יאָהרען האָט א וואָלף ביי אונז צוריסען א פערד.

לוי יצחק

אזוי, א פערד צוריסען!

אברהם יעקב

ער איז אומגעגאַנגען אויפ'ן לאַנקע געפּענטעט. ס'אי געווען ביי־נאַכט, אויף מאָרגענס האָט מען איהם געפונען א טוידטען; זיין האַלז געווען אויסגעגעסען. מען האָט דערקענט דעם וואָלפ'ס ציי־נער.

לוי יצחק

אַט זעהסטו שוין.

אברהם יעקב

וועלף ווייסען נישט, אַז א גאָט איז פאַרהאַנען: א מענש איז טאַקע א קלוגע בעשעפעניש.

לוי יצחק

דאָך געשריבען: „כי בצלם אלהים נברא האדם" — אין דעם פּאַרעם פון גאָט איז בעשאַפען געוואָרען דער מענש. גאָט האָט פון זיין

גרויסקייט צום מענשען איבערגעגעבען.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

אבער א מענש וואלט נישט געקענט בעשאפען די וועלט.

ל ו י  י צ ח ק

דערפאר קען א מענש חרוב מאכען א וועלט.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

אזוי!

ל ו י  י צ ח ק

ווייסט, אברהם יעקב, אז כ'וועל מיר אפשר שוין לאזען פון דאנען.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

איך איז דען שלעכט ביי אונז?

ל ו י  י צ ח ק

ס'איז נישט קיין תכלית. כ'האב דא נישט קיין ספרים. דא פעלט מיר אלצדינג. דא פעלט מיר דער קול פון די לומדי־תורה יעדען בעגינען אין בית־המדרש. פעלט מיר דער תואר־פנים פון די שעהנע אידען, צוליעב וועמעס זכות די וועלט האט א קיום.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

איך וואלט אזוי וועלען מיטגעהן מיט אייך; איך וועל אויך אויפ־שטעהן פארטאג לערנען.

ל ו י  י צ ח ק

האסט דאך נאר וואס געזאגט, אז דיך ציהט אין פעלד אריין.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

ס'אי טאקע אמת: נאר מיר דאכט זיך אויס, אז אויף דער וועלט איז עפעס מאדנע. אמאל טרעפט, אז סע פאהרט דורך א איד א פרעמדער, זעהט ער אויס אזוי אנדערש. פאר א יאהרען איז דא דורכגעפאהרען עפעס א רב, האט ער געהאט אזא לאנגע, ווייסע בארד! כ'האב אויפ'ן דארף קיין מאל אזא אידען נישט געזעהן. א פולע שול מיט אזוינע אידען מוז טאקע זיין זעהר שעהן.

ל ו י  י צ ח ק

אודאי איז עס שעהן.

אברהם יעקב

לעהרענט מיר אוים אָנצושרייבען מיין נאָמען.

לוי יצחק

דערצו בעדאַרף מען פריהער קענען אָנשרייבען דעם אלף־בית.

אברהם יעקב

כ'וועל אריינברענגען א ברעטעל מיט א שטיקעל קרייט און איהר ט'מיר טאַקע ווייזען ווי אזוי.

לויפט ארוים.

לוי יצחק

פערקוקט זיך אין פענסטער, ווי ער וואָלט אימעצען בעמערקען; ער איילט צום טיש, גראבט איין די אויגען אין ספר.

צינע

קומט אריין. באַרוועס. ס'קליידעל פערשטעקט ביים זייט. ארויג־קומענדיג פעריכט זי עס. פערנעהמט זיך אָנלעגען א פייער אויפ'ן קוי־מען. ווענדט זיך צו איהם:

די מאמע האָט געפרעגט, אויב איהר ווילט עסען?

לוי יצחק

ס'איז רעכט אזוי אויך.

ציגע

איהר ווילט פאסטען?

יול יצחק

א מענש בעדאַרף זיך נישט געוואוינען אזוי צו דער אכילה.

ציגע

אז איהר וואָלט עסען אזוי פיעל ווי איך וואָלט איהר האָבען מעהר כח.

לוי יצחק

צוליעב וואָס בעדאַרף מען עס האָבען כח?

ציגע

נישט גוט, אז מען האָט נישט קיין כח. איהר וואָלט זיך נישט גע־קענט שטייערען מיט הערש בערן.

לוי יצחק

א איד בעדאַרף זיך נישט שטייערען.

צינע

פאַר וואָס נישט? א איד בעדאַרף זיין אזוי שטאַרק ווי א גוי. זי וויל איבערברעכען אַ צווייג אויפ׳ן קניה; זי קען נישט. ווענדט זיך צו איהם. ס׳איז צו לאַנג. פאַלט אראָב פון קוימען. אפשר ט׳איהר עס קענען איבערברעכען?

לוי יצחק

נאָך וואָס ברעכען אויף דער קניה, אז מען קען עס טהאָן מיט א האַק?

צינע

אז מען זאָל טהאָן אלץ ווי מען בעדאַרף... איך בין נישט קיין שטאָדטישע.

לוי יצחק

אויפ׳ן דאָרף בעדאַרף מען אויך זיין א מענש.

דינע

אביסעל פערשעמט.

מיין מאַמע זאָגט טאַקע, אז איך בין צופיעל צולאָזען. סטערע איז טאַקע בעסער פון מיר.

לוי יצחק

ווער?

לינע

סטערע. אלקנה׳ס מיידעל. זי האָט מיר געזאָגט, אז זי האָט גע־רעדט מיט אייך. מיין ברודער וויל זי פאַר א כלה.

לוי יצחק

וואָס פאַר א ברודער?

צינע

דער עלטערער: הערש בער.

לוי יצחק

טאַטע־מאַמע שוין דורכגעקומען צווישען זיך?

צ י נ ע

ווארום וואָס, זי געפעלט אייך?

ל ו י  י צ ח ק

הא?

צ י נ ע

סטערע געפעלט אייך?

ל ו י  י צ ח ק

נישט שעהן צו פרעגען אזא זאַך?

צ י נ ע

פאר וואָס איז נישט שעהן. איך פערשטעה נישט, פאר וואָס ס'איז נישט שעהן.

ל ו י  י צ ח ק

איך קלעהר גאָר אוועקצוגעהן פון דאנען.

צ י נ ע

אייך איז נישט גוט ביי אונז.

ל ו י  י צ ח ק

מיר איז דאָ וואויל, נאָר איך ברענג נישט קיין נוצען מיט מיין זיין. די קינדער ווילען נישט לערנען.

צ י נ ע

לערענט מיט מיר, איך וועל זיך לערנען ווי א אינגעל.

ל ו י  י צ ח ק

ס'איז נישט רעכט. ווייבער זיינען פטור פון צו לערנען תורה. פאַר זיי לערענט שוין דער מאַן.

צ י נ ע

וואָס?

ל ו י  י צ ח ק

הא?

צ י נ ע

איך זאָג דאָך אייך, לערענט מיט מיר, אז קיינער זאָל נישט ווי־סען. אודאי, קיינער בעדאַרף נישט וויסען. איהר ט'זעהן ווי

ס'וועט זיין גוט.

ל ו י י צ ח ק

נישט רעכט.

צ י נ ע

פאר וואס נישט רעכט? מיין ברודער מיט סטערען מעגען?

ל ו י י צ ח ק

וואס, ער לערענט מיט איהר?

צ י נ ע

ניין: זיי האבען זיך ליעב. זיי האבען זיך זעהר ליעב. ס'איז זעהר שעהן, אז מען האט זיך ליעב... קיינער ט'נישט וויסען ווען איהר וועט מיט מיר לערנען. מיר קענען זיך בעהאלטען אין פעלד, אדער גאר אויפן בוידעם.

ל ו י י צ ח ק

כ'וועל נאך אפשר היינט פון דאנען אוועק.

צ י נ ע

איך'ל נישט לאזען.

ל ו י י צ ח ק

מען קען מיך נישט האלטען מיט געוואלד.

צ י נ ע

אדרבא זאגט, פאר וואס אייך איז נישט גוט ביי אונז? אפשר האט איהר א שלעכטען געלעגער — הא, זאגט, אפשר? געפעלט אייך מיין שלאפבאנק, וועל איך אייך אבטרעטען. זאגט, פאר וואס ווילט איהר פון אונז אוועק?

ל ו י י צ ח ק

דאס וועל איך דעם טאטען זאגען. ער האט מיך דא אבגעשטעלט.

צ י נ ע

אבער איך בעט אייך, אז איהר זאלט נישט אוועק פון אונז. איך בעט אייך זעהר...

ל ו י י צ ח ק

דו לערענסט דאך סיי ווי נישט, טא וואס איז די נפקא מינה?

צ י נ ע

א, ווען איך וואלט עס געקענט מאכען אזוי, אז אייך זאל זיין גוט ביי אונז! ווייסט איהר גאר וואס, אז איהר וועט אבעסען ט'איהר ארויסקומען אין פעלד און איהר ט'זעהן ווי אזוי איך שאר צונויף די היי. איך נעהם אן אזא גרויסען בונט היי אויפ'ן קאפ אז מען זעהט גאר די פיס ארויס. זאגט מיר, וואס איהר האט ליעב צו עסען?

ל ו י  י צ ח ק

שמייכעלט אין פערלעגענהייט.

צ י נ ע

זאל זיך אייך אויסדאכטען אז איהר זענט מיין מאן און איך אייער ווייב און איך האב אייך זעהר ליעב און איך וויל איהר זאלט מיר זאגען וואס ס'איז געשמאק.

ל ו י  י צ ח ק

ס'אי דאך אבער נישט אזוי.

צ י נ ע

וואס, נישט אזוי? זאל זיך אייך אויסדאכטען, מיר זענען א פאר־פאלק, איך שטעה ביים קוימען און וויל וויסען וואס מיין מאן האט ליעב... אוי דאס איז אזוי שעהן... אוי, איך רעד נארישקייטען. איך זעה, אז איהר שעהמט זיך פון מיינע רייד. זייט ביי אונז, איך בעט אייך.

א ב ר ה ם  י ע ק ב

קומט אריין.

אט האב איך א ברעטעל מיט א שטיקעל קרייט: דער רבי וועט מיר לעהרנען ווי אזוי אויפצושרייבען מיין נאמען.

צ י נ ע

איך וויל אויך, רבי: שרייבט אן מיין נאמען. איך וויל זעהן ווי אזוי מיין נאמען קוקט אויס אנגעשריבען.

ל ו י  י צ ח ק

שרייבט אן מיט גרויסע אותיות „אברהם יעקב“.

צ י נ ע

ס'איז מיין נאָמען אזוי לאנג?

ל ו י י צ ח ק

דאָס מאכט — אברהם יעקב.

צ י נ ע

איך בעט אייך, שרייבט אָן מיין נאָמען — צינע.

ל ו י י צ ח ק

שרייבט.

צ י נ ע

אוי, מאמעלאך! אָט וועל איך אָבמעקען און איהר שרייבט אָן נאָך אמאָל.

א ב ר ה ם י ע ק ב

ביזט א משוגענע.

צ י נ ע

שרייבט, איך בעט אייך.

ל ו י י צ ח ק

שרייבט אָן.

צ י נ ע

מעקט ווידער אָב.

איצטער נאָך אמאָל: כ'האָב אזוי ליעב צו זעהן ווי איהר שרייבט.

ל ו י י צ ח ק

מאכסט זיך נאריש.

צ י נ ע

איך זעה שוין, אז איהר וועט נישט אוועקפאָהרען, איך...

א ל ק נ ה

קומט אריין.

א גאָט העלף, רבי. איך בין געקומען דיך צונעהמען צו מיר א היים.

צ י נ ע

פאר וואָס?

א ל ק נ ה

ס'אי שוין מיין עסק.

ל ו י י צ ח ק

איך וויל אינגאנצען אוועק פון ישוב.

א ל ק נ ה

מיינע קינדער געהן אום פוסט און פאס. איך קען דיך נישט אוועק־לאזען.

ל ו י י צ ח ק

פאלגען נישט אן עלטערען.

א ל ק נ ה

איך וועל זיין דאביי און כ'וועל זיי מיט דער בייטש מכבד זיין טאמער פאלגען זיי נישט... וואס קען איך מאכען? מע איז שטענ־דיג פעריאגט און ס'איז נישטא קיין צייט ווען אפילו אבצושמייסען א קינד.

ל ו י י צ ח ק

שמייסען קינדער איז נישט נויטיג.

א ל ק נ ה

דאס, זעהסטו, בין איך שוין נישט מסכים. מע האט מיך אויך געשמיסען; א נים איז טאקע געווען שלעכט.

צ י נ ע

זאגט עפעס אין דער שטיל אברהם יעקב'ן, ער געהט שטיל ארויס. מיט גרויס אונרוהיגקייט הערט זי זיך צו צום שמועס.

ל ו י י צ ח ק

איהר בעדארפט האבען צו די קינדער אן עלטערען מענשען. וועלען זיי האבען פאר איהם דרך־ארץ.

א ל ק נ ה

אבער געזונד זאלסטו זיין — דו געפעלסט מיר — ווי זאגט מיין אידענע, וואס האב איך מיר צו נארען? אויפ'ן ישוב פראסטע אבער ארענטליכע אידען; קענסט דא קריגען א כלה — א פיינע אידישע טאכטער. כא־כא־כא, אויפ'ן ישוב ווערט מען נישט פער־

פאלען. שא, וואס אי דאס אויפ'ן ברעטעל? לעהרענסט דעם איי־געל שרייבען: אליין געשריבען וואס? בעטראכט דאס ברעטעל. א שאד וואס כ'האב נישט מיינע ברילען.

צינע

קוקט פון דער זייט בייז צו איהם.

אלקנה

וואזשנע אותיות; קוקען פשוט פון ברעטעל אראב.

נח דוד

קומט אריין.

צינע

טאטע, ווייסט אז...

אלקנה

א גאט העלף, דוד נח; כ'וויל דעם מענשען פון דאנען צונעהמען.

דוד נח

דער אינגעל האט מיר שוין געזאגט. וואס הייסט?

אלקנה

אזוי ניך געלאפען אנזאגען.

דוד נח

וואס פעלט איהם דען ביי מיר אין שטוב? א שלעכטער געלע־גער? אדער אפשר קארג צו עסען? און דאס וואס כ'האב צוגע־זאגט קען מען מיר טרויען. צו יום־טובים דערציהען — וואס הייסט?

אלקנה

אבער דו פערשטעהסט נישט פון וואס דא איז די רייד. איך זאג, אז ס'אי גלייכער, ער זאל זיין ביי מיר.

דוד נח

דאס מיין איך דאך, אז איך וועל איהם נישט אבלאזען.

אלקנה

מיינע קינדער זיינען שקצים און אז דער מלמד וועט זיין דאביי וועלען זיי מעהר אבשיי האבען.

ד ו ד נ ח

ווייסט—אבשיי האָבנז? ווי האָט מען עס נישט קיין אבשיי?

א ב ר ה ם י ע ק ב

קומט אריין.

ד ו ד נ ח

זאָג מיר נאָר, צוליעב דיר גערט עס א מענש אוועק? איך וועל נעהמען א שטעקען און דיר צוברעכען די ביינער!

ל ו י י צ ח ק

ניין, נישט צוליעב איהם. הלואי וואָלטען אלע קינדער זיין ווי ער.

ר ח ל

קומט אריין.

וועה איז מיר, דער רבי גערט אוועק?

ד ו ד נ ח

הערסט דאָך, אלקנה וויל איהם נעהמען צו זיך.

ר ח ל

איהר טאָרט נישט טהאָן אזא זאך.

א ל ק נ ה

לאָמיר פרעגען א מענשען: וואָס זאָגסטו, רבי?

ל ו י י צ ח ק

איך טראכט, אז גלייכער גערן אהין וואו כ'האָב בעדאַרפט. בין אָב־געוועזן א חודש, אפשר שוין מעהר ווי א חודש צייט — גענוג.

ר ח ל

סטייטש, וואָס הייסט?

ל ו י י צ ח ק

איך וועל שיקען אן עלטערען מענשען צו אייך.

ד ו ד נ ח

דיך ווילען מיר. מען רעדט פון דיר איז דער גאנצער געגענד.

א ל ק נ ה

דאָס זאָג איך דאָך אויך.

ר ח ל

געה צו, אברהם יעקב, בעט דעם רבי'ן ער זאל דא בלייבען מיט אונז.

ד ו ד נ ח

עט נארישקייטען, אז סע האט זיך שוין געמאכט אזוי: מע נעהמט נישט און מע פערשעהמט א דארפישען מענשען.

ר ח ל

מישטעהנס געזאגט, אויפ'ן דארף פערגעסט מען אין גאט און אין זיין געבאט. כ'בין געווען אין זיבעטען הימעל וואס ביי מיר אין מיין שטוב — כ'ווייס דארט וואס.

ד ו ד נ ח

זעהסטו דאך, האסט א מענשען געגעבען שלעכט צו עסען, געהט ער אוועק.

ר ח ל

כ'ווייס דארט וואס דו רעדסט: כ'האב דען פאר זיך פריהער גע־נומען? אדער אפשר פריהער די קינדער געגעבען?

א ל ק נ ה

דאס טענה איך דאך, זאל ער געהן צו מיר אויב דא געפעלט איהם נישט.

ד ו ד נ ח

דאס, אלקנה, טהוסטו אן עולה.

ר ח ל

אלקנה וויל זיך קריגען מיט אונז — זאל זיין אזוי.

ל ו י י צ ח ק

קריגט זיך נישט אידען איבער מיר. מיר פעלט באנ'אייך גאר נישט. מיר איז דא צו גוט. איך עס און טרינק נישט פערדינטערהייד. איך וויל נישט אזוי.

ד ו ד נ ח

אט לאז געמאכט. פערשעהמסט א דארף־מענשען. ווען כ'וואלט געוואוינט אין שטאדט, האט מען נאך אמאל א זכיה א לערנער

ביי זיך אין שטוב צו האלטען. כ'וואלט געגאנגען אין בית־המדרש אריין און געזוכט, ווי איהר זעהט מיך לעבען. אויפ'ן דארף, אז א איד וויל זיין א איד — קען ער נישט. כ'האב דעם גרעסערען גע־שטאפט אין קאפ אריין און ס'איז נישט געקראכען.

א ל ק נ ה

כא־כא־כא, אין קאפ ליגט פערד, שעטשקע, קארטאפליעס.

ר ח ל

וואס איז איצטער? אפשר ארום יום־טובים...

א ל ק נ ה

כ'האב נישט קיין צייט — וואס בלייבט?

ד ו ב נ ח

מע טאר נישט א מאך טהאן מיט'ן האנט אויף א דארף־מענשען. אט געה אביסעל ארויס אויפ'ן לאנקע, זעה וואס דארפישע מענ־שען טהוען. געהען נישט ארום לעדיג. לערנען נישט קיין תורה, אבער געהן נישט ארום פוסט און פאס. געה, אברהם יעקב פיהר דעם רבין ארויס אויפ'ן לאנקע.

ר ח ל

געה מיין קינד.

א ב ר ה ם י ע ק ב

וועט איהר געהן, רבי?

ל ו י י צ ח ק

מע קען געהן אביסעל.

געהען ביידע ארויס.

ר ח ל

שרייט נאך.

בעוויז איהם מיין קינד ווי שעהן קארען וואקסט!

א ל ק נ ה

וואס שווייגסטו אזוי עפעס, ציפע? האסט געזעהן סטערען?

צ י נ ע

ניין.

א ל ק נ ה

זיינען ביידע פיינע סחורות.

צ י נ ע

אבי מיין מאמען געפעל איך.

א ל ק נ ה

הערסט, דוד נח? ווי ס'לערענט זיך צו ענטפערען אן עלטערען מענשען. ווען סטערע זאל מיר אזוי ענטפערען וואלט זי שוין ביי מיר געכאפּט א חלק. הייטיגע קינדער... קום, דוד נח.

ער און דוד נח געהען ארויס.

צ י נ ע

קוקט אין פענסטער, מיט א זייט אבגעווענדט פון דער מוטער און ווישט די טרערען.

ר ח ל

איך האב געמיינט. אז איהם איז גוט ביי אונז, ווען איז מיר, צום סוף — נא דיר... זעה נאר, וואס וויינסטו?

צ י נ ע

בליפּעט.

ר ח ל

וואס וויינסטו, שטיק נאר? הערסט זיך איין וואס אלקנה זאגט? באשר כ'האב מיר איינגעהאלטען. עפּעס איז ער מיר גאר נישט דער אייגענער אלקנה די לעצטע צייט. געווארען אזא מין נישט־פערגינער. כ'וואלט מיר נאך געוואונשען צו זיין אין זיין שטאנד.

צ י נ ע

זיצט ביים פענסטער, אראבגעלאזען דעם קאפּ און ווישט די טרע־רען.

ר ח ל

איך פערשטעה דאך גאר נישט וואס דו וויינסט. זעה נאר כ'בעט דיר, וואס איז די מעשה?

צ י נ ע

האסט נישט געהערט, וואס אלקנה האט דא גערעדט.

רחל

טאַ וואו ביזטו געוועזן אין דער וועלט? האָסט נישט קיין מויל? האָסט איהם געקענט ענטפערען אזוי, אז ער זאָל שוין האָבען צו געדענקען.

ציניע

לאָז איהם נישט אוועקפאָהרען.

רחל

טאַ דאריבער בעדאַרף מען וויינען? ס'איז מיר א שאָד צוליעב אַברהם יעקב'ן.

ציניע

בעהאַלט איהר קאָפּ ביי דער מוטער אויפ'ן שויס.

איך וויל, ער זאָל בלייבען ביי אונז. ער איז מאַמע אזא פיינער מענש.

רחל

האָסט דאָך געלאַכט פון איהם.

ציניע

כ'האָב נישט פערשטאַנען.

רחל

טאַ וואָס קען איך טהאָן; וואָס קען איך מאַכען?

ציניע

אז דו פערשטעהסט נישט, מאַמע.

רחל

וואָס האָב איך דען צו פערשטעהן?

ציניע

אז ער רעדט קען איך אפשר אויסגעהן.

רחל

אַט דאָס מיינסטו גאָר, מיין קינד?...

ציניע

איך בין שוין נישט קיין קינד. איך פערשטעה שוין אַלצדינג. איך האָב קיין מאָל אזא מענשען נישט געזעהן.

ר ח ל

כ׳האָב גאָר מורא צו טראַכטען אזוי הויך.

צ י נ ע

טאַ וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין!

ר ח ל

דער מענש וועט נאָך זיין ערגער א רב; און וואָס זיינען מיר, מע־שטעהנס געזאָגט, ווערט אויף דער וועלט?

צ י נ ע

טאַ פאר וואָס קען איך נישט זיין זיין ווייב?

ר ח ל

הא?

צ י נ ע

כ׳וועל אפשר אויסגעהן, אויב ער וועט אוועק פון אונזער שטוב.

ר ח ל

קינד מיינס, ס׳ציטערט מיר אזש אין הארצען. איך הער וואָס דו רעדסט, וועה איז מיר.

צ י נ ע

בין איך נישט ווערט צו האָבען אזא מאַן?

ר ח ל

ניין, נישט דאָס. וועה איז מיר, וואָס איז א דאָרפישער מענש?

צ י נ ע

און, אז כ׳בין א דאָרפישע טאַ וואָס איז? וואָס מע וועט מיר הייסען וועל איך טהאָן. אז מע וועט מיר זאָגען ווי אזוי מע בע־דאַרף זיין פרום — וועל איך.

ר ח ל

אין שטאָדט קען א אידישע טאָכטער דאַווענען, גאָט בעטען און דאָ—מעשטעהנס געזאָגט.

צ י נ ע

טאַ וועל איך אויך קענען. כ׳האָב געוואָלט ער זאָל מיט מיר רע־דען, האָב איך איהם אָנגעריסען ווינפערלאָך האָב איך זיך גע־

שעהמט אזהם צו געבען. כ'האב איהם געפרעגט וואס ער האט ליעב וועל איך איהם קאכען.

ר ח ל

אט זעהסטו — דאס איז די מעשה! איצטער פערשטעה איך שוין פאר וואס ער וויל פון אונז אוועקפאהרען. ווי פאלסטו עס אוים צו טהאן. ביזט אזוי בארוועס צו איהם געגאנגען, וועה איז מיר.

צ י נ ע

וואס זאל איך טהאן? וואס קען איך מאכען? פאר וואס קען איך צו איהם נישט זיין אזוי ווי סטערע איז צו הערש בערען?

ר ח ל

אידען טהוען נישט אזוי. איך קען גאנצענע נעכט מיט אן אויג נישט צו מאכען זינד דו האסט מיר דערצעהלט. איך האב דעם טאטען אפילו אין די אויגען נישט אנגעזעהן ביז פאר דער חתונה.

צ י נ ע

בליפעט, ווישט די טרערען.

ר ח ל

וועה איז מיר, דער קאפ האט זיך מיר אזש פערדרעט. אפשר זאל איך עס דערצעהלען דעם טאטען; אפשר ט'ער וויסען ווי אזוי צו רעדען מיט איהם.

צ י נ ע

ניין, נישט דעם טאטען. כ'האב מורא ער זאל דערפון וויסען. כ'וועל אפשר נישט אויסהאלטען אויב ער וועט אוועק.

ר ח ל

פריהער פאר אלע, מיין קינד, זאלסטו נישט ארומגעהן בארוועס פאר איהם אין די אויגען, מען טאר נישט אזא זאך.

צ י נ ע

אפשר אנטהאן אן אנדער קליידעל?

ר ח ל

כ'וויים, אפשר.

ד י נ ע

פרעהליך.

איך ווייס שוין וואס צו טהאן טאקי; איך ווייס...

ר ח ל

וואס אי מיט דיר? וואס איז מיט אמאל די שמחה אויף דיר?

ד י נ ע

איך ווייס שוין אלץ וואס צו טהאן.

ר ח ל

אז דו וועסט זיין פערשייט וועט ער אפילו נישט וועלען זיך אומקוקען אויף דיר.

צ י נ ע

געה, מאמע, זעה וואו זיי זיינען אלע; איך וועל אליין קענען אבקאכען דעם וואַרימעס.

ר ח ל

זאל איך דעם טאטען גאר נישט זאגען?

צ י נ ע

ניין, מאמע, איך בעט דיר.

ר ח ל

ווישט אָב אַ טרער; געהט צו ציכען גיט איהר אַ קוש און בלאָזט איהר דריי מאָל אָב. געהט ארויס.

צ י נ ע

וואשט דעם פנים און פלעכט איבער די האָר. טהוט אָן אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ אזוי, אז מען זאָל די האָר נישט ארויסזעהן — און קוקט אריין אין עמער וואסער צו זעהען דאָרט איהר געזיכט. נעהמט אַראָב דאָס טיכעל און שפיגעלט זיך ווידער אין עמער. פערדרעט די צעפּ אויף הינטען און שפיגעלט זיך. דאָך בלייבט ביי איהר — מאַכען פוןביידע צעפּ איינעם; וויקעלט איהם ארום קאָפּ און באַלד אָבער בלייבט ביי איהר, אַז זי זאָל איהם לאָזען פאַלען פון איהר פּלייצע אַראָב. טהוט אָן שיך און זאָקען. ווישט די טרערען.

ה ע ר ש ב ע ר

קומט אריין.

פארטיג עסען?

צ י נ ע

באלד וועט זיין פארטיג.

ה ע ר ש ב ע ר

כ'האב נישט קיין צייט צוווארטען.

צ י נ ע

וואס טהוסטו?

ה ע ר ש ב ע ר

כ'האב גענוג וואס צו טהאן: מיינסט כ'דרעה זיך ארום פוסט יאון פאם?

צ י נ ע

ביזט א שלעכטער ברודער.

ה ע ר ש ב ע ר

וועל איך אריינקומען שפעטער.

צ י נ ע

כ'האב דיר טאקע עפעס צו דערצעהלען.

ה ע ר ש ב ע ר

כ'וויים שוין דיינע מעשיות.

צ י נ ע

ווייסט שוין טאקע נישט. וועסט זיך שוין בעטען ביי מיר, איך זאל דערצעהלען.

ה ע ר ש ב ע ר

איז נישט: מיין באבעס דאגה.

צ י נ ע

דו האסט טאקע נעכטען סטערען נישט געזעהען.

ה ע ר ש ב ע ר

דו האסט זי געזעהען?

צ י נ ע

כ'האָב גערעדט מיט איהר.

ה ע ר ש ב ע ר

זי האָט עפּעס געזאָגט?

צ י נ ע

נעהמט אַרום זיין האַלז און קוקט איהם אין די אויגען.

זי וויינט, זי קלאָגט: זי קען אָהן דיר נישט לעבען.

ה ע ר ש ב ע ר

כאַ־כאַ, א מוידילע!

צ י נ ע

זי זאָגט, אז זי וועט אפשר משוגע ווערען.

ה ע ר ש ב ע ר

דאָס זאָגסטו א ליגען. ווי אזוי האָסטו זי נעכטען געזעהען?

צ י נ ע

אודאי; כ'בין דאָרט געווען.

ה ע ר ש ב ע ר

זאָגסט א ליגען; זי האָט מיר ביינאכט נעכטען געפרעגט, וואָס דו בלאָזט זיך עפּעס אויף איהר.

צ י נ ע

כ'האָב טאַקע מיט איהר נישט גערעדט.

ה ע ר ש ב ע ר

כאַ־כאַ, זעהסטו, אז דו ווילסט מיר פערדרעהען א קאָפּ.

צ י נ ע

האָב טאַקע חתונה מיט סטערען: דיר וועט זיין גוט.

ה ע ר ש ב ע ר

ווילסט זיין א שדכנטע? דיר וועט דערפון גאָר נישט ארויסקומען.

צ י נ ע

ביזט דאָך מיינער א ברודער.

ה ע ר ש ב ע ר

טאָ גערה רעד מיט איהר, וואָס רעדסטו מיט מיר?

צ י נ ע

זי נעהט דאָך אויס פאַר דיר.

ה ע ר ש ב ע ר

שוין בעדאַרפט צו זיין. האָט זיך אָנגעהויבן צו בלאָזען.

צ י נ ע

מסתמא האָט זיך איהר טאַטע אריינגעמישט.

ה ע ר ש ב ע ר

זאָג, פון וואַנען ווייסטו?

צ י נ ע

איך ווייס שוין.

ה ע ר ש ב ע ר

וואָס רעדסטו היינט עפּעס אַזוי? האָסט עפּעס אָבגעמאַכט מיט סטערען? זאָג. — ווערסט מיר קריכען אין וועג אריין, זאָג איך דיר, אַז ס'וועט דיר מעהר נישט פעהלען.

צ י נ ע

שטיק נאַר; וואָס דו רעדסט. ביזט דאָך מיין ברודער — בין איך דיר א שונא?

ה ע ר ש ב ע ר

איך ווייס, אַז דו ביזט מיר נישט קיין שונא. דאַריבער פרעג איך דאָך — פאַר וואָס זי בלאָזט זיך? איך זאָג איהר, אַז מע וועט אָבקאָשען די היי וועלען מיר פאָהרען אין שטאָדט אריין און וועל איהר אָננעהמען אויף א קלייד — האָט זי אויסגעגלאָצט אויף מיר אַזא פּאָר אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט מיך גאָר נישט קענען. און דו זאָגסט, אַז דו האָסט גערעדט מיט איהר.

צ י נ ע

כ'האָב געוואָלט, אַז דיר זאָל טהאָן הנאה.

ה ע ר ש ב ע ר

איז נישט. זי מיינט, אַז כ'וועל איהר טאַקע נאַכלויפען. פעהלען גאָר מיידען אויפ'ן דאָרף.

צ י נ ע

אבער אזא בריה ווי סטערע...

ה ע ר ש ב ע ר

עך מיר א בריה!

צ י נ ע

האסט געזעהען ווי זי וואשט גרעדט? אז זי פראטשעט די גרעט ביים טייך הערט מען אזש ביי אונז. באשר איצטער שעהמט זי זיך. אבער, אז זי וועט זיין דיין ווייב וועט זי דיר קריכען אונטער די נעגעל. איז אפשר נאך אמאל אזוי שטארק ווי איך. האסט געזעהען איהרע הענט? זיינען אפשר נאך אמאל אזוי גראב ווי מיינע.

ה ע ר ש ב ע ר

אויב דו ביזט אזא גוטע שוועסטער, טא רעד מיט איהר.

צ י נ ע

איך זאל מיט איהר רעדען? שעהמען זאלסטו זיך. וואס ליגסטו דא אין שטוב אב יעדען אווענד? קענסט נישט אבעסען קיין וועטשערע און געהען אהין? וואס בעדארף זי זיצען אליין און אויסקוקען די אויגען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען?

ה ע ר ש ב ע ר

זעה, פון וואנען ווייסטו עס אלץ?

צ י נ ע

פון וואנען איך וויים? איך פערשטעה!

ה ע ר ש ב ע ר

ביזט א פיינע חברה'טע. איך וועל איהר דערצעהלען וואס דו האסט מיר געהייסען טהאן.

צ י נ ע

בעדארפסט זיך שעהמען איהר אזוינס צו דערצעהלען. זי בעדארף וויסען, אז איך האב דיר געהייסען געהען צו איהר?

ה ע ר ש ב ע ר

זי איז א מויד א פייער; איך וויים עס.

צ י נ ע

רעד אָב מיט איהר, אַז זי זאָל ארויסקומען היינט ביינאַכט אין אונ־זערע היי.

ה ע ר ש ב ע ר

דו װעסט אויך ארויסקומען?

צ י נ ע

נאָך וואָס בעדאַרפסטו מיך?

ה ע ר ש ב ע ר

זי וועט נישט וועלען ארויסקומען, אַז דו ס'נישט זיין.

צ י נ ע

זאָלסטו איהר זאָגען, אַז איך וועל אויך זיין.

ה ע ר ש ב ע ר

אָבער דו וועסט קומען?

צ י נ ע

איך וועל אפשר נישט קומען. דו וועסט מיט איהר אַלץ אָברעדען. מע קען ווינטער פּראָווען א חתונה.

ה ע ר ש ב ע ר

אויף מיינע נאמנות, דו ביזט א כוואַט. אבי כ'האָב געמיינט, אַז דו קריכסט מיר אין וועג אריין. דערפאַר, אַז כ'וועל פאָהרען אויפ'ן יריד ברענג איך דיר פּאַטשערקעס.

צ י נ ע

ברענג בעסער פאַר איהר.

ה ע ר ש ב ע ר

פאַר איהר האָב איך צייט. וואָס האָב איך צו ברענגען גלאַט אַזוי? כ'וועל ברענגען, אַז מע וועט בעדאַרפען.

צ י נ ע

זאָג איהר, זי זאָל נישט פאָלגען איהר טאַטען, טאָמער מישט ער זיך אריין.

ה ע ר ש ב ע ר

כאַ־כאַ, דו לערענסט מיר טאַקע שעהנע זאַכען.

צ י נ ע

טאַ זאָלסט איהר זאָגען זי זאָל ארויסקומען אין אונזערע היי... שאַ אַט איז זי!

ס ט ע ר ע

קומט אריין.

אַ גאַט העלף; מיין טאַטע איז דאָ נישטאָ?

צ י נ ע

געווען און אוועקגעגאַנגען.

ס ט ע ר ע

שוין לאַנג?

צ י נ ע

בעדאַרפסט איהם טאַקע אזוי נויטיג האָבען?

ס ט ע ר ע

כ'האָב געזעהען, ווי אברהם יעקב געהט אום מיט'ן רבין אויפ'ן לאָנקע.

צ י נ ע

ער געפעלט דיר?

ס ט ע ר ע

כ'האָב אויף איהם נישט געקוקט.

צ י נ ע

שווער זיך.

ה ע ר ש ב ע ר

אַ־אַ, ווי זי איז רויט געוואָרען!

ער כאַפּט זי ארום, זי רייסט זיך ארויס פון איהם.

צ י נ ע

לאָז מיר נאַר, איך וועל זי כאַפּען.

ס ט ע ר ע

לאָזט זיך נישט.

פאַר וואָס ווילסטו מיר כאַפּען?

צ י נ ע

קום אהער, הערש בער, לאז איהר זיך נישט ארויסרייסען!

ס ט ע ר ע

וועלען מיר שוין טאקע זעהען.

רייסט זיך ארויס מיט א קלינגענדיגען געלעכטער לויפט זי ארויס פון שטוב.

צ י נ ע

ביזם א לעקעש. געה ארויס, זאג איהר, אז זי זאל ארויסקומען אין די היי.

ס ט ע ר ע

איך בעדארף זי נישט. זי איז א שלעכט. איך זאג דיר, אז זי איז א שלעכט. גיב מיר בעסער עסען, ט׳גלייכער זיין.

ד ו ד נ ח, ר ח ל

קומען אריין.

צ י נ ע

שוין פארטיג אנבייסען.

ד ו ד נ ח

ער איז דאך טאקע גאר קיין נאר נישט.

צ י נ ע

וועמען מיינסטו, טאטע?

ר ח ל

ער מיינט אלקנה׳ן.

צ י נ ע

וואס אי, מאמע? כ׳בעט דיר.

ר ח ל

איי טשעפע זיך אב פון מיר. וואס האט דא געטהאן די מיידעל?

צ י נ ע

זי איז געקומען פרעגען אויף איהר טאטען.

נ ח ד ו ד

האסט איהר געקענט זאגען, אז ער איז שוין אוועק אהיים. א־א

זאַך... זעהסטו, דאָס איז שוין אַנ׳עולה. כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז מיר אַ גוטער פריינד.

ר ח ל

ער האָט מעהר שכל פון דיר.

צ י נ ע

וואָס איז עס, מאַמע? פון וואָס רעדט איהר?

ר ח ל

ט׳זיין רעכט, אַז דו וועסט עס נישט וויסען.

ד ו ד נ ח

וועסט פאַר איהם מאַכען היינט אַן אַנדער געלעגער. שטאָפּ אַן דעם זאַק מיט פרישע היי. זאָל ער האָבען אַ ווייכערען געלעגער.

צ י נ ע

אפשר גאָר מיין בעט זאָל ער נעהמען?

ד ו ד נ ח

דאָס וואָלט אפשר געווען נישט קרום. וועסט נאָר אריינלעגען פרישע היי.

צ י נ ע

וואו ל׳איך שלאָפען? איך׳ל אפשר געהען צוריק שלאָפען מיט דער מאַמען.

ה ע ר ש ב ע ר

זעה נאָר, ס׳אַרא וואָרע זיי מאַכען פאַר איהם.

ד ו ד נ ח

האָסט אַ פּויערשע קאָפּ און ווייסט אפילו נישט וואָס פאַר אַ זכיה מיר האָבען.

ה ע ר ש ב ע ר

וואָס קאָכסטו דאָרט?

צ י נ ע

רעטשענע קאשע מיט מילך.

ד ו ד נ ח

זעה רחל צי ס׳איז גענוג מילך אין טעפּעל.

צ י נ ע

גענוג, גענוג, כ'ווייס שוין אליין.

ר ח ל

האסטו אנגעטהאן שיך? גוט האסטו געטהאן, מיין קינד.

צ י נ ע

איך וועל דערלאנגען צום טיש.

ל ו י י צ ח ק און א ב ר ה ם ה ע ר ש

קומען אריין.

ר ח ל

מע קען זיך שוין געהען וואשען.

גרייט צום טיש. דערלאנגט שווארץ און ווייס־ברויט.

א ב ר ה ם י ע ק ב

דער רבי זאגט, אז זיהם געפעלט ביי אונז.

ר ח ל

געלויבט איז דער אויבערשטער.

ל ו י י צ ח ק

אז מען וויל אזוי שטארק, נו, וועל איך שוין בלייבען ביז איבער יום־טובים.

ד ו ד נ ח

ס'וועט דיר נישט באנג טהאן.

דער עולם וואשט זיך. געהט צום טיש, מאכט א מוציא און קייט דעם ברויט.

ר ח ל

גיסט אן פאר יעדען א פאליוועז שיסעלע קרופניק.

צ י נ ע

דערלאנגט מיט א בעזונדערע כונה.

ה ע ר ש ב ע ר

מע האט זיך ארומגעזעצט ארום טיש פונקט ווי שבת.

ר ח ל
געלויבט איז דער אויבערשטער.

זי גיסט אָן אַ שיסעלע פאר לוי יצחק'ן. ווען צינע איז שוין מיט דעם אין העלפט וועג, רופט זי איהר צוריק מיט א וואונק און גיסט אריין אין שיסעל נאָך אביסעל מילך.

צ י נ ע

האַלטענדיג די שיסעלע אזוי בויגט זי זיך צו דער מוטער און גיט איהר אַ קוש. געהט פאָרזיכטיג, מיט יראת־הכבוד צום טיש.

# דריטער אקט.

בײַ דוד נח'ן פאר'ן שטוב. סוף זומער. פארנאַכט. פון שטוב דערטראָגט זיך לוי־יצחק'ס שטימע; ער לערנט.

צינע

זיצט פאר'ן שוועל און שלאָגט פוטער. בלײַבט אַלע ווײַלע שטיל און הערט זיך אײַן צום געזאַנג וואָס ציהט פון שטוב. זי דערמאָנט זיך אין עפּעס און לויפט אין גאָרטען ארײַן.

לוי יצחק

קומט אַרויס. בעטראַכט די פוטער־קאַלטשוקע; פּרובט א ציה טהאָן דעם שטעקען; זעהט ווי ארום שטעקען זענען שטיקלאך פוטער אָנגע־קלעבט. ס'דערהערט זיך פון גאָרטען ציגעס אונרוהיגער אויסגעשריי און אַ געררויש צווישען די צווײַגען פון אַ בוים. ער בלײַבט א רגע דערשראָ־קען; מאַכט עטליכע טריט צום גאָרטען, קלעטערט שנעל אַריבער אַהין און באלד אײַלט ער צוריק אין שטוב אַרײַן.

צינע

בעווײַזט זיך אַ בלאַסע און האַלט זיך בײַם זײַט. זי קלעטערט אריבער דעם צאַם און דערנאָהנטערט זיך צו איהר פריהערדיגען פּלאַץ. בײַם שוועל. בעטראַכט אַ בלוט־צײַכען אויפ'ן אָרעם.

לוי יצחק

קומט ארויס, טראָגט אַ קווארט וואסער.

כ'טראג דיר א טרונק וואסער. האסט זיך צושלאָגען?

צינע

נעהמט פון זײַן האַנט און טרינקט.

לוי יצחק

איך האָב זיך דערשראָקען צוליעב דיר.

ציניע

איך בין אַראָבגעפאַלען פון שפּיץ בוים.

לוי יצחק

בעדאַרפסט בענשען גומל.

ציניע

איך האָב זיך דערשראָקען און אַראָבגעפאַלען.

לוי יצחק

אַט איז בלוט אויפ'ן האַנט.

ציניע

עס קלאַפּט מיר אַזוי דאָס האַרץ.

לוי יצחק

נאָכמאָל בעדאַרף מען קלעטערען אויף א בוים.

ציניע

כ'האָב געהערט ווי איהר לערענט בין איך געגאַנגען אייך אַנרייסען עפּעל.

לוי יצחק

פאַר וועמעס וועגען?

ציניע

פאַר אייערט וועגען. מיינט איהר, כ'האָב נישט אַנגעריסען? בעקומט פון איהר שירץ צוויי רויטע עפּעל. איהר זעהט, ווי שמחת־תורה עפּעל. צוליעב אייך בין איך אַראָבגעפאַלען פון בוים; כ'האָב געקענט געה'הרג'עט ווערען.

לוי יצחק

זאָל גאָט אויסהיטען.

ציניע

וואָס אַרט אייך, אז כ'וואָלט געה'הרג'עט געוואָרען?

לוי יצחק

כ'האָב דאָך א אידיש האַרץ.

צ י נ ע

נאַט אייך די צוויי עפּעל.

ל ו י י צ ח ק

פאַר ראש השנה א ברכה מאַכען — נישט רעכט.

צ י נ ע

און אז מע וויל א עפּעל און מע קען זיך נישט איינהאַלטען?

ל ו י י צ ח ק

מע בעדאַרף קענען גובר זיין דעם יצר הרע.

צ י נ ע

די עפּעל וואַקסען זומער: קען מען זיך דען אַזוי לאַנג איינהאַל־טען? איך עס אויף אַלע טאָג אפשר צעהן עפּעל, און גאָר נישט. כ'האָב גאָר נישט געוואוסט אז מע טאָר נישט.

ל ו י י צ ח ק

אַט זאָג איך, אז מען טאָר נישט.

צ י נ ע

ווער איז ער דער יצר־הרע?

ל ו י י צ ח ק

ער זיצט אין מענשען. אַט האָט ער דיך געשיקט אויפ'ן הויכען בוים רייסען עפּעל און טאַקע באַלד בעשטראָפט געוואָרען.

צ י נ ע

איי, איהר ווייסט נישט פאַר וואָס כ'בין אראָבגעפאַלען פון בוים.

ל ו י י צ ח ק

פאַר וואָס ווייס איך עס עפּעס נישט?

צ י נ ע

איהר ווייסט נישט. איהר ווייסט שוין טאַקע גאָר נישט. ווען איהר ווייסט ווי איך בין געוואָרען גאָר אַנאַנדער צינע... נו, פאַר וואָס בין איך אראָבגעפאַלען פון בוים?

ל ו י י צ ח ק

אוודאי נישט אין מישנע. אין מישנע צובלוטיגט מען זיך נישט קיין האַנט.

צ י נ ע

כ'וויל אייך עפּעס ווייזען.

לויפט אין שטוב אריין.

ל ו י  י צ ח ק

בעטראכט די צוויי עפּעל וואָס זענען געבליבען נעבען איהם אויף דרערד. שמעקט זיי.

צ י נ ע

קומט ארויס. ברענגט אַ ברעטעל, אויף דעם איז אָנגעשריבען מיט קרייט אותיות.

ל ו י  י צ ח ק

וואָס איז עס?

צ י נ ע

לייענט איבער וואָס דאָ איז אָנגעשריבען.

ל ו י  י צ ח ק

ס'איז דאָך נישט אברהם יעקב'ס כתב.

צ י נ ע

מיינער...

ל ו י  י צ ח ק

קוקט פערוואונדערט צו די אותיות. לייענט.

„צינע בת ר' נח"...

צ י נ ע

נו, ווער האָט עס געשריבען?

ל ו י  י צ ח ק

נישט אברהם יעקב.

צ י נ ע

מעקט עס אָב.

ל ו י  י צ ח ק

נאכמאָל זאָל איך עס טהאָן? נישט גוט א נאָמען אָבצומעקען.

צ י נ ע

איך בעט אייך מעקט עס אָב: ווישט אָב, אָט אזוי...

ל ו י  י צ ח ק

בע־כע, מאכט זיך קינדיש. נו, אט האב איך שוין אבגעמעקט.

צ י נ ע

איצטער פערמאכט די אויגען.

ל ו י  י צ ח ק

טהוט עס.

צ י נ ע

בעקומט פון קעשענע א שטיקעל קרייט און שרייבט.

ל ו י  י צ ח ק

שוין ?

צ י נ ע

נאך איין ביסעלע האלטס פערמאכט. אט שוין. נו, וואס איז גע־שריבען ?

ל ו י  י צ ח ק

מיין נאמען... לוי יצחק... ווער האט עס געשריבען ?

צ י נ ע

איך.

ל ו י  י צ ח ק

ס'קען נישט זיין געמאלט.

צ י נ ע

ס'האט שוין יא געקענט זיין געמאלט.

ל ו י  י צ ח ק

איך וועל עס אבמעקען און שרייב עס נאך אמאל.

צ י נ ע

טא פערמאכט ווידער די אויגען.

ל ו י  י צ ח ק

פערמאכט די אויגען.

צ י נ ע

שרייבט ווידער מיט גרויסע אותיות אויף זיין נאמען, און ווען ער האלט אזוי פערמאכט די אויגען פער'גנב'עט זי זיך שטיל צו איהם

און גיט איהם א קוש. אנטלויפט אין שטוב אריין.

לוי יצחק

איבעראשט פון דעם, וואס ס׳איז געשעהן. ער וויל אריינגעהן אין שטוב, נאר, שוין ביים שוועל כאפט ער זיך, אז ער בעדארף אין שטוב אריין נישט געהען. ער נעהמט דאס ברעטעל, ווישט אב זיין נאמען און שליידערט עס אוועק. בלייבט זיצען אויף דעם איינגענעם בענקעל וואו זי איז פריהער געזעסען. דער קאפ אראבגעלאזען, פערטראכט.

אלקנה

קומט אן.

גאט העלף, רבי: גאר אליין?

לוי יצחק

קוקט איהם אן צושטריים.

אלקנה

וואס אי דאס? פערשפארט אין דער היים זאלסט פוטער שלאגען—א שעהנער תכלית.

לוי יצחק

קוקט איהם אן נישט פערשטעהענדיג.

אלקנה

דאס שלאגסטו די פוטער?

לוי יצחק

איך מעג אויך שלאגען פוטער, מה רעש?

אלקנה

איך בין געקומען דיר פרעגען א שאלה.

לוי יצחק

איך טאר נישט פסק׳ענען קיין שאלות.

אלקנה

וואס איז די נפקא מינה? אבי מע ווייסט. אזא שאלה קענסטו מיר אויך פסק׳ענען.

לוי יצחק

למשל?

א ל ק נ ה

וואס טהוט מען אז א טאכטער פאלגט נישט א טאטען?

ל ו י  י צ ח ק

הא?

א ל ק נ ה

די עלטערע האט זיך עפעס אריינגענומען אין קאפ — כאטש שריי: חי וקים.

ל ו י  י צ ח ק

אפשר איז זי גערעכט.

א ל ק נ ה

וואס הייסט — א קינד גערעכט, ווען דער טאטע זאגט — נישט?

ל ו י  י צ ח ק

עס טרעפט אמאל, אז אן עלטערער איז אויך אומגערעכט.

א ל ק נ ה

אבער אנטקעגען א טאטען, אז מע האט א העזה? אט דאס פרעג איך.

ל ו י  י צ ח ק

אמאל בעדארפען טאטע־מאמע אויסהערען וואס אן עלטער קינד רעדט.

א ל ק נ ה

ניין, דאס בין איך נישט מסכים. אין דער תורה שטעהט געשריבען, אז מען בעדארף האלטען עהרלאך טאטע־מאמע — אמת, שטעהט אזוי געשריבען?

ל ו י  י צ ח ק

ווער ווייסט עס דען נישט?

א ל ק נ ה

דאריבער זאג איך דאך, אז א מויד בעדארף פאלגען דעם טאטען. וואס דוד נח איז נישטא?

ל ו י  י צ ח ק

נישטא.

אלקנה

כ'האב פיינד אן עם־הארץ: וואס האב איך מיר דא צו נארען? כאטש איך בין אליין נישט געלערענט פונדעסטוועגען ווייס איך. וואס הייסט א מענש און וואס הייסט — א דבר־אחר.

לוי יצחק

מען טאר אזוי אויף א אידען נישט רעדען.

אלקנה

וואס איז זיך דא פארהאן צו שעהמען? דוד נח איז א גארנישט און זיין זוהן איז א גאר נישט.

לוי יצחק

פיינע אידען: איך האב צו זיי גאר נישט.

אלקנה

איך רעד עם טאקע מכח דיר: האלטען דיך נישט מיט גענוג כבוד. נישט אזוי האלט מען א פרעמדען מענשען.

לוי יצחק

זיי טהוען מיר נישט אן חלילה קיין אום־כבוד.

אלקנה

דאס איינגעל איז טאקע נישט אין איהם געראטען: אברהם יעקב'ן מיין איך. אבער ער אליין איז א גאר נישט. האט די טאכטער צו־לאזען. ביי מיר וואלט זי נישט אומגעגאנגען אזוי פערשייט.

לוי יצחק

דאס איז מיר נישט נוגע צו וויסען: ס'הייסט לשון־הרע.

אלקנה

ביזט טאקע א למדן, א פרומער, אבער זעהסט נישט וואס זיי טהוען מיט דיר.

לוי יצחק

וואס זאל איך דען זעהען? אידען. אלע אידען גלייך.

אלקנה

טא וואס זאל איך טהאן, אז מיין טאכטער האט זיך איינגעקלאפעט אין זיין זוהן דעם בורילע? כ'האב זי געשלאגען ענטפערט זי אנט־

קענען, דאָס בין איך געקומען איבערשמועסען.

לוי יצחק

ער איז אַן עהרליכער בחור. וועט זיין אַ פרומער איד.

אלקנה

כאַ־כאַ, איך האָב טאַקע געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין ביי מיר אין שטוב. מע וואָלט דיך ביי מיר בעסער צוגעזעהען. אפשר וואָלטען זיך די קינדער עפּעס אבגעלערענט. נו, זענען זיי דיר פערלאָפען דעם וועג. אלץ אַ מזל זאַך.

לוי יצחק

איהר זענט אין כעס, ר׳ אלקנה, און איהר רעדט לשון־הרע. איהר זענט אַ שעהנער איד. דוד נח איז אייך נישט קיין שונא, און די קינדער לעבען בשלום — טאָ פאַר וואָס טהוט איהר אזא זאַך?

אלקנה

ביזט אפשר גערעכט. אַ איד בעדאַרף אזוי נישט זיין. וואָס זאָל איך מאַכען? סע ברענט אין האַרצען. און טאַקע ווייל כ׳בין אַ איד און עם־הארץ. די זיהן — וועט שוין קיין לייט פון זיי נישט זיין; טאָ פאַר וואָס זאָל איך עפּעס נישט קריגען פאַר דער טאָכטער אזוי איי־נעם פון דער פרעמד. וואָס זאָל בעשעהנען אַ שטוב? עס מאַכט זיך אַ יום־טוב; סע מאַכט זיך אַ שבת; און טאַקע, אַז מע קומט אין שטאָדט אריין אויף ימים נוראים; וואָס אי דאָ שייך? איך וואָלט מיר ביז דער לעצטער העמד געלאָזט קאָסטען.

לוי יצחק

אין וואָס געוועגדט זיך דען? מע פאָהרט אין שטאָדט אריין מען פרעגט זיך נאָך. אין שטאָדט פאַראַנען שעהנע יונגע לייט.

אלקנה

ווער ווייסט דעם וועג?... ווער קען עם בעווייזען? וועמען איז עס גאָר אין קאָפּ געלעגען? דאָ ערשט האָבען זיך מיר די אויגען גע־עפענט.

לוי יצחק

הא?....

א ל ק נ ה

פערשטעהסט נישט וואס כ׳מיין? איך זאג, דו זאלסט גוערען מיין איידעם. מיין סטערע, די עלטערע: מיט א כשר הארץ. כ׳האב זי היינט געוואלט שלאגען, נאר ס׳האט מיר פערדראסען, ס׳אי אפילו נישט מיין געדאנק — ס׳אי מיין אידענע. זי האט מיך אהער אריבערגעשיקט. וואס האב איך צו לייקענען כא־כא. ווען דו זאגסט מיר וואו דיין טאטע־מאמע וואוינען, וואלט איך גוועזן א בעלן שפאנען א פערד און זיך אריבערכאפען צו זיי... קענסט מיר אפשר זאגען א וואו זיי וואוינען?

ל ו י י צ ח ק

זענען שוין אויפ׳ן עולם האמת.

א ל ק נ ה

וואס איך הער!

ל ו י י צ ח ק

אויפ׳ן עולם האמת: שוין לאנג.

א ל ק נ ה

א קיילעכדיגער יתום, עפעס א קלייניגקייט! און ס׳וועט זיין אן עולה אז כ׳וועל דיך איינלאזען.

ד ו ד נ ח

קומט אן.

א גאט העלף, אלקנה, וואס טהוט מען עפעס איצטער דא?

א ל ק נ ה

אט אזוי, מע שמועסט.

ד ו ד נ ח

ווער שלאגט עם פוטער? מיין אידענע אין דער היים, זעה איך.

א ל ק נ ה

כ׳האב געמיינט, אז מע האט ביי דיר מכבד גוועזן דעם רבין, שלאגען פוטער.

ד ו ד נ ח

בע־בע, מיין אידענע ווייסט נאָך, ווי אַזוי אַ מענשען בכבוד צו האַל־טען.

ל ו י י צ ח ק

גערט אַוועק הינטערען שטוב.

ד ו ד נ ח

איז גאָר קיינער נישטאָ אין שטוב? כ'בין אַ בעלן צו זעהן.

ער קוקט אין פענסטער.

א ל ק נ ה

דאַכט זיך, די מיידעל איז אין שטוב.

ד ו ד נ ח

קום אַריין אין שטוב: וואָס ס'דו שטעהן דרויסען?

א ל ק נ ה

כ'קליב מיר שוין אַוועקצוגעהן.

ד ו ד נ ח

וואוהין ביזטו דען געגאַנגען?

א ל ק נ ה

טאַטע אהער. כ'האָב געוואָלט מיט'ן מלמד זיך דורכרעדען.

ד ו ד נ ח

וואָרום וואָס, די קינדער פאָלגען איהם טאַקע נישט?

א ל ק נ ה

געטראַכט רעדען מכח עפּעס אַנדערש, הערסט, ער איז דאָך אַ קיילעבדיגער יתום. נו, זאָג — בעדאַרף מען גאָר האָבען טאַטע־מאַמע?

ד ו ד נ ח

אין שטאָדט קען מען אַלצדינג דערוויזען.

א ל ק נ ה

ער קען מיינען, אַז כ'האָב גערעדט אויף דיר לשון־הרע...

ד ו ד נ ח

וואָס האָט ער עפּעס צו מיינען?

א ל ק נ ה

וואו איז ער אוועקגעגאנגען? ער איז א גרויסער נאַר. כ'האָב דאָ גערעדט מיט איהם און ער האָט מסתמא נישט פערשטאַנען.

ר ח ל

קומט אָן.

אַ גאַסט. שוין באַלד א וואָך צייט נישט געזעהען. וואָס מאַכט עפּעס גיטעל?

א ל ק נ ה

קרעכצט צוביסלאַך.

ר ח ל

טהוט איהר נאָך אַלץ וועה אין א זייט? בעדאַרפט פרעגען ביי אי־מעצען אין דאָרף. האָרעוועט איבער די כחות.

ג י ט ע ל

קומט אָן.

ר ח ל

אָט אַ גאַסט. מיר רעדען דאָ איצטער פון אייך.

ג י ט ע ל

ווי זאָגט מיין מאַמע: אז גאָט איז אין הימעל זאָל איך מיר לעגען אין דרערד אריין? כ'האָב עס געהאַט א שווארץ יאָהר פון מיין טאָכ־טער...

ר ח ל

וואָס אי דען חלילה?

ג י ט ע ל

וואָס אי דען...

א ל ק נ ה

אַ שאָד וואָס איך בין אוועק פון שטוב: זי וואָלט שוין פון מיר גוט געכאַפּט.

ר ח ל

אזא יאָהר מיר וואָס פאַר א קינד עס איז.

ג י ט ע ל

איך ווייס, אז זי געפעלט אייך.

ר ח ל

אודאי געפעלט זי מיר. וואס וואלט מיר געפעלט ביי גאט ווען איך האב צו צינען כאטש נאך א דריי טעכטער ווי סטערע...

ג י ט ע ל

דו הערסט, אלקנה?

ד ו ד נ ח

א בריה א מיידעל: וואס קען מען דען האבען צו איהר? מיט א יאהר אינגער פון צינען און, קיין עין־הרע, נאך אמאל אזוי גרויס ווי זי.

ג י ט ע ל

צו אלקנה'ן.

וואס האסטו מורא צו זאגען? כ'ווייס נישט פאר וואס דו האסט דא מורא צו האבען. איך האב איבערגעלאזען די שטוב און געקומען אהער. ווארום איך וויל עס נישט אוועקלאזען אין דער לאנגער באנק אריין.

ר ח ל

איך פערשטעה דא גאר נישט, גיטעל, וואס איהר רעדט.

ג י ט ע ל

כ'וויל, אז הערש בער זאל זיך פון איהר אבטשעפען.

ד ו ד נ ח

וואס ט ש ע פ ע ן ז י ך?... וואס האסטו צו איהם, צו הערש בער'ן מיין איך?

א ל ק נ ה

כ'האב צו איהם גאר נישט. ער איז דיר דיינער א זוהן. דיר געפעלט ער און מיר — נישט.

ר ח ל

און מיר ארט נישט, אז ער געפעלט אייך נישט. געזעהען אמאל

ג י ט ע ל

כאזאל ער אבער סטערען נישט פערדרעהען דעם קאפ.

ד ו ד נ ח

וואס, אלקנה, סע שטעהט דיר נישט אן צו זיין מיין מחותן?

א ל ק נ ה

מיר שטעהט נישט אן, אז דיין זון זאל זיין מיין איידעם.

ד ו ד נ ח

טא וואס ביזטו געקומען מיר עם צו זאגען? איך ווייס פון גאר נישט. קענסט הערש בערען צו זיך אין שטוב נישט אריינלאזען. ס'אי דיר דיינע א זאך.

ר ח ל

איך זעה נאך נישט, אז ער זאל איהר אזוי נאכלויפען. איך ווייס נישט וואס איהר האט צו מיין קינד.

א ל ק נ ה

איך וועל רעדען קלארע דבורים.

ג י ט ע ל

וואס האסטו זיך צו שעהמען?

א ל ק נ ה

איך וויל דעם פרעמדען יונגען מאן, דעם מלמד פון די קינדער. פערשטעהסט, ער פאסט פאר סטערען.

ג י ט ע ל

און איהר האט איהם אריינגעכאפט צו זיך אין שטוב.

א ל ק נ ה

דיין טאכטער מאכט איהם קאליע.

ד ו ד נ ח

וואס מיינסטו?

א ל ק נ ה

כ'האב איהם געטראפען זיצען דרויסען.

ר ח ל

וואס דרויסען? ווען דרויסען?... וואס מיר האט זיך גע'חלום'ט די נאכט און יענע נאכט... וואס ווילט איהר דא? וואס זענט איהר געקומען רעדען רשעות אויף מיינע קינדער?

דוד נח

שא, שריי נישט. מען קען דאך מיט גוטען, ווי מענשען, זיך דורכ־רעדען. איך פערשטעה דאך נישט די גאנצע מעשה דא. ער רעדט דאך פון הערש בערען גאר — נישט פון דער מיידעל. וואס קען ער גאר האבען צו דער מיידעל?

רחל

הערסט דאך וואס מע רעדט צו דיר... איך בין זי א בעלן צו פרע־גען... ציגעלע? קום נאר ארויס אויף א מינוט!

ציננע

קומט ארויס; אביסעל צוטומעלט.

אלקנה

איי, וואס דרעט איהר א קאפ? געה אין שטוב אריין, ציגע. ס'וועט דיר נישט שאדען, אז כ'האב עפעס חלילה אויסגערעדט אויף דיר. די מאמע וויל עס נישט ליידען.

ציננע

וואס בעדארף מען מיר?

רחל

וואו ביזטו געווען, ווען אלקנה איז געקומען?

ציננע

אין שטוב.

רחל

איך האב עס אויף אייך נישט געגלויבט, אלקנה.

גיטעל

איז נישט; בין איך בדלות.

דוד נח

אבער וואס איז זיך דא פארהאן צו קריגען? איך זאג, אז מע בע־דארף פרעגען די קינדער.

אלקנה

איך האב נישט וואס צו פרעגען ביי קיינעם. מיין טאכטער וועט טהאן דאס וואס איך וועל הייסען.

ד ו ד נ ח

זאָל זיין אַזוי.

ר ח ל

געה, מיין קינד, אין שטוב אַריין.

צ י נ ע

וואָס האָט איהר מיך בעדאַרפט?

ג י ט ע ל

זאָג מיר נאָר צינע, וואָס רעדט מיט דיר סטערע?

צ י נ ע

זי רעדט מיט מיר — אַלץ רעדט זי מיט מיר. כ'קען דען אָנגעדענ־קען וואָס?

א ל ק נ ה

הערסט, מיין ווייב, ווי קלוג ס'איז בעלייטען. אַט ווער עס פיהרט אַראָב דער קליינער מיינער פון וועג, זי וועט שוין ביי מיר וויסען ווי אַזוי צו געהען אהער! איך געה אהיים און וועל צו איהר אויס־לאָזען אַלע בייזע חלומות.

לאָזט זיך געהן.

ד ו ד נ ח

אַן עולה אלקנה. כ'האָב דיך געהאַלטען פאַר אַ בעסערען טאַטען. וואוהין איז ער אַנקלאַפען?

צ י נ ע

געהט בעסער אַהיים, גיטעל; זעהט ער זאָל זי נישט טשעפּען, וואָ־רום זי איז גאָר נישט שולדיג.

ג י ט ע ל

איך וויל דיר, צינעלע, גאָר נישט זאָגען, באַשר די מאַמע שטעהט דאָביי... ווייטער...

ר ח ל

געהט זיך געזונדערהייט פון דאַנען. כ'האָב נישט געשיקט נאָך איך. כ'האָב געמיינט טאַקע, אַז איהר זענט מיר גוטע פריינד.

קום אין שטוב אריין, דוד נח, כ'האָב נישט וואָס צו רעדען מיט איהר.

געהען בידע אין שטוב אַריין.

ג י ט ע ל

הער זיך איין, ציניע, דיין מאַמע מיינט, אז איך ווינש איהר שלעכטס; איך בין דיר נישט קיין שונא. איך וויל דיר זאָגען, די מאַמע זאָל נישט הערען, אז איך ווייס אַלץ וואָס דו האָסט גערעדט מיט סטערען.

צ י נ ע

כ'האָב נישט קיין מורא. כ'האָב נישט גערעדט אזעלכע זאכען, וואָס כ'זאָל מיר בעדאַרפען שרעקען.

ג י ט ע ל

אָט געהט טאַקע הערש בער: כ'וויל מיט איהם רעדען פּראָסטע דבורים.

ה ע ר ש ב ע ר

קומט אַן.

וואָס איז עפּעס אלקנה ברוגז? כ'האָב איהם גערופען האָט ער זיך נישט אומגעקוקט.

ג י ט ע ל

ער ווייס פאַר וואָס ער איז ברוגז.

ה ע ר ש ב ע ר

און וואָס בלאָזט איהר זיך אויף מיר? איך האָב אייך קיין שטיי־נער אין גאָרטען נישט געוואָרפען.

ג י ט ע ל

דו וואַרפסט שוין יאָ שטיינער, זאָל איך מיר דיר זאָגען.

ה ע ר ש ב ע ר

וואָס דרעט איהר אַ קאָפּ? פרעג איך אייך: איהר האָט אַ בעסערען חתן פאַר סטערען? וואָס האָט איהר אָנגעהויבען קריכען אין וועג אריין? וואָס ווילט איהר, איך זאָל אייך צוצאָהלען פאַר סטערען? איך בעדאַרף אפשר פאָהרען אויף אַ יריד, אז איך האָב ליעב סטע־

רען און סטערע האָט מיך ליעב... וואָס מישט איהר זיך, פרעג איך אײַך?

ג י ט ע ל

אזוי גאָר: אזוי ווײַט האלט עס שוין?

צ י נ ע

יאָ, אודאי.

ג י ט ע ל

קוקט זיי נאָר אָן: וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנשיקעניש אויף מיר. בעט איך אײַך?

ה ע ר ש ב ע ר

איהר ווילט נישט — איז נישט. איז ווי איהר ווילט זיך. און זאָגט אלקנה'ן, אז טאָמער הויבט ער אויף א האנט אויף איהר וועל איך איהם ווײַזען ווי אזוי א טאַטע צו זײַן.

ג י ט ע ל

הערט נאָר, הערט נאָר, כ'בעט אײַך.

ה ע ר ש ב ע ר

טאָ הערט נישט, אויב איהר ווילט נישט. קום אין שטוב אַרײַן צינע.

געהט אַרײַן אין שטוב.

ג י ט ע ל

איך גלויב דאָך מײַנע אויערען נישט. איך געה עס דערצעהלען אלקנה'ן...

געהט אַוועק.

א ב ר ה ם י ע ק ב

קומט אָן.

צ י נ ע

גוט, אברהם יעקב'ל, וואָס דו געהסט. כ'האָב שוין די אויגען אויס־געקוקט נאָך דיר. אָט נאָ דיר א קוש און זאָג נישט דעם רבין, אז דו האָסט מיר אויסגעלערענט אָנצושרײַבען זײַן נאָמען און מײַן נאָמען.

א ב ר ה ם י ע ק ב

הא, וואס זאגסטו?

צ י נ ע

איך בעט דיר, אט, נא דיר נאך א קוש, גוט? אט געהט ער זאג איהם גאר נישט.

לויפט אריין אין שטוב.

ל ו י י צ ח ק

קומט אן.

וואו ביזטו געווען, אברהם יעקב?

א ב ר ה ם י ע ק ב

כ׳בין געגאנגען זעהען צו דער פערד איז נישט פערקראכען ערגעץ אין א בלאטע.

ל ו י י צ ח ק

פאר וואס האט זיך די שוועסטער אויסגעלערענט אנצושרייבען מיין נאמען?

א ב ר ה ם י ע ק ב

כי־כי — זי האט מיר געזאגט, אז זי איז מקנא וואס איך לערען ביי איהך. זי וויל אויך לערנען זאגט זי.

ל ו י י צ ח ק

האסטו, הייסט עס, איהר אויסגעלערענט.

א ב ר ה ם י ע ק ב

כ׳האב נישט געטארט? זי האט געוואלט, אז איך זאל איהר לער־נען דאוונען — האב איך מורא. אפשר טאר מען נישט.

ל ו י י צ ח ק

דאווענען מעגען ווייבער לערנען. ווייבער בעדארפען אויך קענען דאווענען.

א ב ר ה ם י ע ק ב

כ׳וועל איהר געהען זאגען.

לוי יצחק

ווארט נאר אביסעל.

אברהם יעקב

זי וועט זיך זעהר פרעהען.

לויפט אין שטוב אריין.

הערש בער

קומט ארויס.

גוט, וואס איהר זענט דא, רבי; איך וויל אייך עפּעס פרעגען. האט נישט קיין פאריבעל.

לוי יצחק

פאר וואס נישט?

הערש בער

איהר קענט דאך עפּעס די תורה, זאגט מיר ווי איז דער דין, אז איך האב מיר אויסגעקליבען א ווייב און איהרע טאטע־מאמע האבען זיך עפּעס אריינגענומען אין קאפּ און ווילען נישט?

לוי יצחק

וואס הייסט זיי ווילען נישט — ס'מוז דאך זיין פאר וואס?

הערש בער

ווילען נישט — און שוין. געהט מאכט מיט זיי.

לוי יצחק

בעדארף מען מאכען אזוי, אז זיי זאלען זיין צופרידען.

הערש בער

זיי האט פערדרעט דער קאלטאן אין קאפּ און — געה מאך מיט זיי.

לוי יצחק

אידען קענען זיך דורכשמועסען. מסתמא איז דאך פאראן א שכל דאביי.

הערש בער

וואס פאר א שכל? קיין שום שכל נישטא. איהר טאטע איז אן עקשן

און די מאַמע אַ בהמה און גאַר... נישטאָ קיין שום שכל. האָבן זיך איינגע׳עקשנ׳ט.

לוי יצחק

מע בעדאַרף מיט זיי רעדן מיט גוטן. געבן זיי צו פֿערשטעהן.

הערש בער

דאָס זענט איהר אפשר גערעכט. אפשר האָב איך טאַקע גערעדט אביסעל נישט גוט. נאַר געה ווייס וואָס דו טהוסט. אפשר ט׳איהר זיך, רבי, אריינמישען: אפשר ט׳ער האָבן אבשיי פאַר אייך, רבי. כ׳מיין אלקנה׳ן. איך וויל נעהמען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. האָט ער פערדרעט דעם קאָפּ.

לוי יצחק

וואָס קען איך דאָ העלפען?

הערש בער

ער וועט האָבן אבשיי. איהר קענט דאָך זי. איהר האָט דאָך זי געזעהן. אויפגעוואַקסען אינאיינעם. איך וויל זי נעהמען ווי זי שטעהט און געהט. — היינט געה און מאַך מיט זיי.

לוי יצחק

אליין איז די גלייכסטע זאַך. מע בעדאַרף רעדן אליין, מיט גוטן, מיט אַ שכל.

הערש בער

מיט איהם וואָלט איך שוין אויסגעקומען. נאַר די מאַמע איהרע האָט פערדרעט די נאָז.

לוי יצחק

זאָל דיין מאַמע רעדן מיט איהר.

הערש בער

די מאַמעס האָבן זיך צוקריגט.

לוי יצחק

וואַרט ביז ראש־השנה: זיי וועלען זיך איבערבעטען. עשרת ימי־תשובה, מען האָט חרטה טאָמער טהוט מען אַ קרומע זאַך.

ה ע ר ש  ב ע ר

איהר רעדט, רבי, ווי א צדיק. אבער איך קען נישט ווארטען אזוי לאנג. איך וויל געהען צו זיי אין שטוב און זיי האבען אנגעזאגט, אז כ'זאל נישט. איך ווייס פאר וואס, רבי; ס'איז אזוי נאר איך קען עס אייך נישט זאגען. ס'מאכט נישט אויס, אז איהר ט'נישט וויסען.

ל ו י  י צ ח ק

וואס קען איך דען וויסען?

ה ע ר ש  ב ע ר

איך ווייס, רבי, אז איהר ווייסט פון גאר נישט, דאריבער זאג איך דאך. זי ווייסט אויך פון גאר נישט. דאס דרעהען זיי איהר א קאפ. זי וויל נישט הערען דערפון. איהר קענט זיך אריינלעגען אין דעם.

ל ו י  י צ ח ק

איך פערשטעה דוקא נישט, פאר וואס איך קען דא העלפען.

ה ע ר ש  ב ע ר

איך וואלט נישט וועלען, אז דער טאטע זאל עס הערען; איהר פערשטעהט — ער וויל אייך פאר אנ'איידעם.

ל ו י  י צ ח ק

וועמען?

ה ע ר ש  ב ע ר

אלקנה וויל אייך פאר אן איידעם.

ל ו י  י צ ח ק

וואס הייסט?

ה ע ר ש  ב ע ר

ער האט דאך א מיידעל, סטערע; איהר קענט זי, רבי.

ל ו י  י צ ח ק

איך פערשטעה עס נישט.

ה ע ר ש  ב ע ר

פערשטעהט איהר נישט. ער דרעט זיך אום דא ארום אייך.

וואס קומט ער צונ׳אייך דוקא ווען קיינער איז נישטא? דאס איז די גאנצע מעשה.

לוי יצחק

נישט דאס מיינט ער מסתמא.

הערש בער

איהר זאגט איהם, אז איהר ווילט נישט זיין טאכטער.

לוי יצחק

מיר איז א חדוש די גאנצע זאך.

הערש בער

כ׳האב געזאגט דעם טאטען און דער מאמען, אז איהר ווייסט נישט פון וואס צו זאגען.

לוי יצחק

ס׳איז מיר א גרויסער פלא.

צינע

בעוויזט זיך אין טיר, הערט זיך איין דער שטיל איין וואס מען רעדט.

הערש בער

איך זאג אויך, אז אהן טאטע־מאמע זאל מען אזא זאך נישט טהאן; אבער וואס קומט ארויס? גאה מאך מיט זיי.

לוי יצחק

מיר איז עס א גרויסער פלא.

הערש בער

נעהמט נישט פאר אומגוט, רבי...

דוד נח

קומט ארויס. כאפט צינען ביים אונטערהערען זיך; זי ווערט פער־שעהמט, בעהאלט זיך הינטער דער טיר.

הערש בער

וואלט נאך עפעס וועלען זאגען, טהוט א מאך מיט דער האנט, געהט אוועק אין שטוב.

ד ו ד נ ח

אַן עקשן אַט דער אלקנה. אַ איד זאָל זיין אזא עקשן. אַ סך מאָל מיט איהם זיך געקריגט. די ווייבער — אויך דאָס אייגענע. ווען נישט יום־כפור וואָלט מען שטענדיג ארומגעגאנגען ברוגז. כ'פרעג: פאַר וואָס? קען מען דער נישט לעבען אין שלום? פאַר וואָס זאָלען זיך אידען גלאַט קריגען? וואָס זאָגט איהר, רבי?

ל ו י י צ ח ק

נאָר אויף אחדות אין שלום שטעהט די וועלט.

ד ו ד נ ח

כ'האָב עס געהערט אמאָל; דער רב פון שטאָדט האָט עס געזאָגט אין אַ דרשה. נאָר מיר, ברוך השם, בעדאַרף מען עס נישט דערמאָנען. איך בין מיר אַ איד וואָס ווייס, אַז קיין ווערדע אויף דער וועלט האָט מען נישט. מיין אידענע וואָלט זיך יאָ אמאָל וועלען ארויס־כאַפּען פון די האָלאַבליעס, נאָר איך דערלאָז נישט. אַז מען לעבט פערוואָרפען אויפ'ן דאָרף, וויפיעל פעהלט, אַז מען זאָל ווערען חלילה ווי גוים? גוים קריגען זיך און אידען — קריגען... כ'האָב מיר מיין שכל.

ל ו י י צ ח ק

אזוינע אידען ווי איהר מעגען זיין אין דער שטאָדט אויך.

ד ו ד נ ח

בע־כע, מע ווערט אביסעל פערגרעבט אויפ'ן ישוב; אָבער, אַז עס קומט צו אַנ'עולה טהאָן — כאַפּט מען זיך. מען ווייסט, געלויבט איז דער אויבערשטער, פון דאַנען אהין. כאָטש אין שטאָדט גיט מען דעם ישוב'ניק נישט אָב דעם גרויסען כבוד. מילא, מע קען דאָך זיך נישט גלייכען צו אַ שטאָדט־מענשען. אַ שטאָדט־איד איז טאַקע אַ איד. רעדט אויס אַ וואָרט מיט אַ רב; הערט אַ קדושה אין דער צייט און קען געבען אַ נדבה, אַז דער וואָס אין הימעל העלפט.

ל ו י י צ ח ק

איהר זענט אַ פיינער איד; נישטאָ זיך וואָס צו שעהמען מיט אזוינע אידען.

דוד נח

מיין טאטע, זאָל זיין אין גן־עדן, אויך א דאָרף־מענש געווען. נישט געוואוסט ווי אזוי די קינדער מדריך צו זיין. וואָס ט׳מען געקענט מאכען? אבי ווי עברי אויסגעלערענט. ביי מיר אין שטוב טאַקי איז ער געשטאָרבען. כ׳האָב איהם געפיהרט אין שטאָדט אריין און ס׳האָט זיך שוין פון שטאָדט נישט געוואָלט אוועקפאָהרען. נו, מסתמא וויל אזוי דער וואָס אין הימעל, אז לעבען זאָל מען ווייט פון אידען און צו קבר־ישראל כאָטש קומען צווישען אידען. נישטאָ וואָס צו מאכען. מילא דער עלטערער, שוין אזוי אָבגעלאָזען די לויי־טשעס; אבער דער איינגערער האָט געקענט זיין א מענש. כ׳האָב גע־טראכט, ווען אלקנה זאָל וועלען געבען צו שטייער; נו. הער איך דאָך, אז זיינע אינגלאָך קריכען אין די אויגען אריין. כ׳וואָלט דיר פונדעסטוועגען זאָגען: אָט פאָהר שוין נישט אוועק. זאָל שוין זיין ווי ס׳איז.

לוי יצחק

איך פאָהר נישט אוועק, רב דוד נח. איך קלייב אייך זאָגען, אז איהר זאָלט זיך מישב זיין אפשר...

דוד נח

וואָס אי דאָ פארהאן צו רעדען. אויב נישט אלקנה, וועל איך אליין— מיט אלע מיינע כחות. וואָס הייסט?...

לוי יצחק

כ׳מיין איהר זאָלט זיך פריהער מישב זיין.

דוד נח

כ׳האָב מיר גאָר נישט וואָס צו מישב זיין.

לוי יצחק

כ׳מיין, אז איהר זאָלט מיך נעהמען פאר אן איידעם. דאָס מיין איך.

דוד נח

*אביסעל צוטומעלט.*

הא... וואָ...

ל ו י  י צ ח ק

מיין טאטע־מאמע זענען אויפ'ן עולם האמת; א ניט וואָלט איך זיי געשיקט רעדען פאר מיר.

ד ו ד  נ ח

יא, צינע, מיין קינד.

ל ו י  י צ ח ק

איהר פערשטעהט... אז אויב... איהר בעדאַרפט מסכים זיין.

ד ו ד  נ ח

מסכים, מסכים. ביי איהר בעדאַרף מען גאָר נישט פרעגען.

ל ו י  י צ ח ק

מע בעדאַרף ביי דער מוטער פרעגען.

ד ו ד  נ ח

איך מיין, פרעגען דער מוטער כע... כע... מיין קינד מיין איך, וועט פאַלגען, א כשר קינד... רחל! רחל! קום נאָר ארויס אויף א ווײַלע!

ל ו י  י צ ח ק

פונדעסטוועגען....

ד ו ד  נ ח

רופט.

רחל, רחל, זיי זשע מוחל.

ר ח ל

קומט ארויס.

מיר האָבען א גאָט אין הימעל, וואָס?

ד ו ד  נ ח

אָט איז די מאמע; צי דו ביזט מסכים פרעגט ער.

ר ח ל

גאָט אין הימעל, וואָס נאָך קען איך פערלאַנגען פאר מיין קינד?

ווישט די טרערען.

ד ו ד  נ ח

דו פערשטעהסט דאָך גאָר נישט פון וואָס צו זאָגען...

ר ח ל

וויסט, איך ווייס נישט? ווי ווייסט עס נישט א מאמע? אלץ ווייס איך... נעהמט ארום לוי יצחק'ן און קושט איהם. איך וועל דיר זיין ווי א מאמע. וואס נאך קען איך אויסבעטען ביי דעם וואס אין הי־מעל. ווי זאגט מען עס איהר אן? מאמעלאך, זי וועט עס אפשר נישט אויסהאלטען.

א ל ק נ ה, ג י ט ע ל, ס ט ע ר ע

קומען אן.

א ל ק נ ה

וואו איז דיין זוהן, דוד נח?

ד ו ד נ ח

איך בעט דיר, אלקנה, קריג זיך נישט איצטער מיט מיר.

א ל ק נ ה

וואו איז דיין זוהן? כ'וויל אז סטערע זאל איהם פאר מיר אין די אויגען זאגען, אז זי וויל איהם נישט קענען.

ס ט ע ר ע

מיט פערוויינטע אויגען.

זאל איך צער האבען אויב איך ווייס וואס מע וויל פון מיר האבען.

ה ע ר ש ב ע ר

קומט ארוים.

ג י ט ע ל

אט איז ער אליין.

ר ח ל

פערשטערט מיר נישט מיין שמחה, גיטעלשו.

ג י ט ע ל

באנ'אייך איז א שמחה און מיר איז פינסטער און ביטער.

ה ע ר ש ב ע ר

סטערע, גוט וואס דו ביזט געקומען — זאג דעם אמת!

א ל ק נ ה

זי האט נישט וואס צו זאגען.

הערשבער

פאר דער גאנצער וועלט זאג דעם אמת, סטערע! איך האב נישט קיין מורא!

רחל

שא, שריי נישט אזוי, מיין קינד.

הערשבער

איך בין שוין אין כעס. איך לאך פון אזוינע טאטע־מאמע! סטערע איז מיט מיר אין דארף געוואקסען. אין איין פעלד אויסגעוואקסען און זי איז מיינע! זאג, סטערע: זאג האב קיין מורא נישט.

אלקנה

וואס זאגסטו צו זייז קאפ, גיטעל? ער האט דאך נישט געקענט צוויי מיט צוויי איבערצעהלען, זעה נאר סארא צונג! ווי ער קען זיך עס אויס'טענה'ן כא—כא—כא.

הערשבער

איך ווייס נישט צי איך רעד גוט צי — שלעכט. איך האב געפרעגט דעם רבין: כ'האב געזאגט, אז כ'וויל זיך נישט שטעלען טאטע־מאַ־מע אנטקעגען. דער רבי האט געהייסען — מיט גוטען. כ'האב גע־וואלט עס טהאן היינט ביינאכט, טא וואס זענט איהר אראבגעקור־מען, זי געבראכט צו שלעפען מיט פערוויינטע אויגען? וואס האט איהר זי צו מאכען וויינען אומזיסט און אומנישט?!

רחל

אזא יאהר אויף מיר ווי ער איז גערעכט.

הערשבער

די טרערען ווארגען איהם.

איהר האט נישט פאר וואס איהר צו פערביטערען די יאהרען. איך קען נישט זעהען, אז זי וויינט...

סטערע

צעוויינט זיך אויפ'ן הויכען קול.

גיטעל

שא, שטיק נאר: ער האט זיך צערעדט און זי...

א ל ק נ ה

כאַ־כאַ־כאַ... איך שטעה און איך הער... וואָס אי דאָס מיט דיר אלקנה?

ה ע ר ש  ב ע ר

אין איין פעלד זענען מיר אויסגעוואקסען — וואָס קריכט איהר אין וועג אריין? האַ? כ'נעהם זי ווי זי שטעהט און געהט. וואָס ווילט איהר נאָך? אַ סוף מיט אַנ'עק זאָל עס נעהמען!

א ל ק נ ה

איך גיב דיר נדן אויך, הערש בער. אז דו רעדסט אזוי האָב איך דיך ליעב. כ'האָב געמיינט אפשר... נו איז נישטאָ וואָס צו רעדען. עסט שאַנעווען מיין טאָכטער... נו שוין... וויין נישט. ווען זאָל עס אין קאָפּ אריין, אז הערש בער זאָל קענען אַ טרער לאָזען... ס'האָט מיר אזש אַליין... אַלע ווישען די אויגען. גיב אַ האַנט, דוד נח.

נעהמען זיך ארום, כליפּען, די ווייבער וויינען אויפ'ן הויכען קול.

צ י נ ע  און  א ב ר ה ם  י ע ק ב

קומען ארויס, קוקען פערוואונדערט; הויבען אויך אָן ווישען די אויגען.

ר ח ל

נעהמט ארום צינען. קושט זי.

קינד מיינס, ביזט דאָך אַ כלה געוואָרען.

צ י נ ע  און  ס ט ע ר ע

כאַפּען זיך ארום און קושען און האלזען זיך לאַנג.

א ל ק נ ה

געהט צו לוי יצחק'ן. נעהמט זיין האַנט.

זאָל זיין מיט מזל. ווען האָבען אַ כשר'ע אידישע טאָכטער. כאָטש צווישען גוים געוואקסען, אין מיטען פעלד...

ג י ט ע ל

מען זעהט דאך, אז אפילו אויפ'ן דארף פערלאזט אויך נישט דער וואס אין הימעל...

פאלט רחל'ען אויפ'ן האלז.

**ע נ ד ע.**

# אינהאַלט פון אַלע פינף בענדער.

## ערשטער באנד:


| | געשריבען אין יאָהר |
|---|---|
| ראזשינקעס מיט מאנדלען | 1915 |
| אויפ'ן שוועל | 1915 |
| בעבעלע | 1915 |
| א זאווערוכע | 1915 |
| איינזאמע וועלטען | 1905 |
| אליהו הנביא | 1914 |
| אין דער פינסטער | 1907 |
| פונקען | 1913 |
| קברים בלומען | 1906 |
| א לעבען פאר א לעבען | 1915 |


## צווייטער באנד:


| | |
|---|---|
| די פוסטע קרעטשמע | 1911 |
| דעם שמידס טעכטער | 1915 |
| א פערוואָרפען ווינקעל | 1913 |


## דריטער באנד:


| | |
|---|---|
| דער לעצטער | 1910 |
| ביים ברעג | 1910 |
| דער תקיעת כף | 1907 |
| דאס קינד פון דער וועלט | 1913 |

## פיערטער באנד:

געשריבען אין יאָהר

נבלה — 1905

יואל — 1908

די ערד — 1907

צווישען טאָג און נאכט — 1906

אויפ'ן שייד וועג — 1907

## פינפטער באנד:

בארג אראָפּ — 1904

וואו דאָס לעבען פערנעהט — 1904

אויף יענער זייט טייך — 1906

גרינע פעלדער — 1916